STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10964

TSUM NAYEM LEBN

Y. Bakst

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. באקסט כ. לויצקער ענטין

צום נײַעם לעבן

כרעסטאָמאַטיע פאַר אָנפאַנג-שולן פון אלגעמײנער בילדונג פאַר דערוואַקסענע

צענטראַלער פעלקער-פאַרלאַג פון פ. ס. ס. ר.
1930 ★ מאָסקווע—כאַרקאָוו—מינסק ★ 1930

OCT 30 1934

Главлит А 61632 1553 Тираж 8.000 экз

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва, Шлюзовая набережная, 10.

I. מיר בויען א נײַ לעבן

נײַע וואָר

איך גיי איבער געסלעך — אלץ איז געביטן,
בלײַען פארגאנגענע יאָרן אין קאָפּ.
דערמאָנט זיך מיר פּיניע, דער דולער פון שטעטל,
דערמאָנט זיך דער שטעטלשער איינזאמער צאפּ.

ניטאָ איז שוין פּיניע, דער צאפּ איז געפּייגערט,
פארגעסן איז לאנג שוין אין כיידער דער וועג,
די זון הענגט אין הויך ווי א מעשענער זייגער
און ציילט די פארגאנגענע ציגענע טעג.

און יאנקעלע קליינער — א צוציק, אָ, זע נאָר,
דערקענען איז יאנקעלע קליינעם שוין שווער,
געוועזן אזא שווארצינקער נעפּעש אזויגער —
„איך בין שוין א כוידעש א יונגער פּיאָנער“!

ווי אלץ איז פארגאנגען און אלץ איז געביטן!
א טאָג צו א טאָג, ווי א שטיין צו א שטיין.
אָט איז אין זון דער קאָמיוג פון שטעטל,
אָט איז דער קלוב פונעם נאָדל-פאריין.

איך גיי איבער געסלעך—אלץ איז געביטן.
מע גייט און מע רעדט און מע פרישט און מע בויט,
דערמאָנט זיך דאָס אלטע, דאָס שטיביקע שטעטל,
מיט פריסטאוו... מיט ציגן... מיט קלייטן און קויט...

פראגן: 1. וואָס פאר א נײַס באמערקט מען אין דעם באַשריבענעם שטעטל?

2. וואָס פאר א נײַס באמערקט איר אין אײַער שטעטל?

3. צוליב וועלכע סיבעס האָט זיך דאָס שטעטל באַנײַט?

פארגעבונג: לייענט איבער דעם געדיכט אינדערהייך, ניט געכאפט. לייענט הויך און דײַטלעך. שרײַבט איבער די ערשטע 8 שורעס.

א נײַ לעבן.

דער אלטער כאָנע-איצע האָט געשריבן א בריוו צו זײַן זון יאנקל קיין אמעריקע.

„צו מײַן ליבן טײַערן זון יאנקל. ערשטנס קום איך דיר צו מעלדן, אז מיר זײַנען אלע אין בעסטן געזונט, דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן.

צווייטנס, קען איך דיר שרײַבן אָט וואָס: דו מיינסט, אז מיר זײַנען שוין אף יענער וועלט, זאָלסטו וויסן, אז מיר זײַנען אלע געזונט און שטארק.

איך לייען בלעטער. איך האָב אָפטמאָל גרוסן, וויאזוי אײַערע גווירים באגייען זיך מיט די ארבעטער.

סע וועט זיי ניט זײַן געשענקט. מירן נאָך דערלעבן זען דעם שײנעם פרעזידענט אײַערן, ווי ער

וועט שטיין לעבן קלויסטער און אלע וועלן אים שטעקן פײַגן, אזויווי דעם פּאָליצמייסטער אונדזוערן. בישקאָשע, מירן עס נאָך דערלעבן! דו פרעגסט, מיט וואָס איך באשעפטיק זיך איצט? זאָלסט זיך גאָר ניט כידעשן, אז איך וועל דיר ענטפערן: מיט ערד. יאָ, יאָ, כידעש זיך ניט. כאָנע-איצע רוביני-טשיק איז א פויער, מיט מײַנע אייגענע הענט באארבעט איך די ערד. איי דו וועסט קלערן: משטיינס געזאָגט — אויך מיר א פויער? — וועל איך דיר זאָגן, אז איך בין שוין דאפקע איינמאָל א פויער, אן עמעסער קאָלווירטניק, וואָס בויט מיט די אייגענע הענט דעם סאָציאַליזם און די באלעבאטישקײַט פירן מיר אפן בעסטן אויפן, ניט איטלעכער באזונדער, נאָר אלע אינײינעם. בא וועמען איז 25 צענטער פון א העקטער? בא אונדז. בא וועמען איז א זעקספעלדיקער פּאר-זיי? טאקע בא אונדז. און בא וועמען שטייט איי ער פּאָרדזאָן, דאָס הייסט דער טראקטער, קיין איין מינוט ניט ליידיק? טאקע ווידעראמאָל בא אונדז!


ער שרייבט א בריוו

נו, פארשטייט זיך, איוואן פּאטשוק — אָט דער אלטער שיקאָרניק — א באלעגוף, מיט נאָך באלע-

גופים האָט אפילע געפּרוווט זיך אופּרײַסן דעם קאָלעקטיוו. ייִדן—האט ער געטײַנעט, דארפן ניט קיין קאָלעקטיוון, זיי פּאסט בעסער האנדלען. איז וואָס זײַנען מיר פּיצעלעך, צי וואָס? מיר ווייסן ניט, פון וואנען סע שטאמט? אז מיר האָבן געהאנדלט, האָט ער געשריגן, מיר זאָלן גיין אקערן די ערד. איצט, אז מיר זײַנען שוין אף דער ערד, שרײַט ער, מיר זאָלן גיין האנדלען.

מיט וואָס אָבער האָט זיך די מײַסע געענדיקט? האָט ער און די איבעריקע באַלעגופים טאקע גע־כאפּט פון דער ראטנמאכט דעם רעכטן פּסאק. מע האָט בא זיי אָפּגענומען די ערד, די פערד, די מא־שינעס און איבערגעגעבן דעם קאָלעקטיוו און זיי אליין האָט מען גאנץ פײַן מעשאַלייעך געווען פון דאָרף.

ניטאָ קיין כילעק בא אונדז צווישן א ייִד און ניט א ייִד... איך זאָל אזוי לעבן! ווייסטו, ווער ס'איז בא אונדז דער פּאָרזיצער פון דאָרף - סאָוועט — יאָכים פּאלעץ, אָ יענער, וואָס פלעגט פירן וואסער צו אָניסים זאיעץ. וואָלסט זען, וואָס פאר א קלוגע קאָפּ דאָס איז. פּארשטייט אן איבּעַן. זײַן ווײַב כימקע איז א דעלעגאטקע. אָרגאניזירט יאסלעס און זאָרגט פאר דער שול.

אָט אזוי איז בא אונדז איצט. איאָ — ניט דאָס, וואָס אמאָל? נו, זײַ געזונט.

דײַן פאָטער כאָנע-איצע רובינטשיק.

פ ר א ג ן: 1. וואָס פאר א נײַס דערציילט כאָנע-איצע דעם זון זײַנעם וועגן זיך?

2. ווי באציט זיך צו די קאָלווירטן דער באלעגוף?

3. ווער איז פאָרזיצער אין דאָרף?

4, וויאזוי ליקווידירט די ראטנמאכט דעם קלאס באלעגופים.

5. וואָס פאר א נײַס באמערקט איר בא אײַך אין דאָרף, שטעטל, שטאָט?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: הערט זיך צו, וויאזוי דער לערער לייענט די-דאָזיקע דערציילונג. באמערקט, אז אָפטמאָל לאָזט זיך אראָפ זײַן קאָל. וואָס פאר א צייכן שטייט דאָרט, ווו דער לע-רער לאָזט אראָפ דעם קאָל און שטעלט זיך א ביסעלע אָפ?

לייענט אליין איבער די דערציילונג און בא א פונקט לאָזט אראָפ דעם קאָל און שטעלט זיך אָפ.

זומער 1929 יאָר האָט די רעדאקציע פון „עמעס" אָר-גאניזירט אין מאָסקווע אן אלפארבאנדישע אויסשטעלונג פון ייִדישע וואנטציַיטונגען. אף דערדאָזיקער אויסשטע-לונג האָט צוגעשיקט:

אוקראַינע — 88 ציַיטונגען.
ווײַסרוסל. — 37 „
רספס"ר — 15 „

א ו פ ג א ב ע: בארעכנט אף רעכנבײַנדלעך (שטשאָט) וויפיל וואנט-ציַיטונגען [illegible]ן געווען אף דער אויסשטעלונג.?

נײַער שטייגער

ס'איז אוועק א טאָג, א שווערער ארבעט - טאָג. האָט זיך אָנגערוקט דער געדיכטער פארנאכט, וואָס טראָגט פאר אייניקע אָפרו, פאר אנדערע—א שווע-רע געפערלעכע נאכט-ארבעט דאָרטן טיף אונטער דער ערד.

דרײַ מאָל האָט אױסגערעװעט דער שאכטע-פײַף. די ערד האָט ארױסגעשפּיגן א שװארצן האמױן שאכטיאָרן פון דעם צװײטן אומבײַט און האָט אײַנגעשלונגען א נײַעם.

ערשט אין אָװנט לעבט אוף די שאכטע-געגנט. אלע אירע אײַנװױנער הײבן אָן ארױסגײן פון די נידעריקע הײַזלעך. ס'טראָגט זיך א געטומל, א געלעכטער, מע שיט מיט גלײַכװערטלעך.

יעדן אָװנט גײט דער אַלטער שאכטיאָר איפּאטיטש ארױס פון זײַן „באָרע". ער זעצט זיך אפן בערגל און באטראכט דאָס ארומיקע. דרײַסיק יאָר אז ער װױנט און ארבעט דאָ. פאר איפּאטיטשעס אױגן גײען דורך געשװינד אלטע בילדער פון דעם שאכטיאָר-לעבן. פּלוצלינג װערן זײַנע געדאַנקען איבערגעריסן פון א „זײַ גרײט!" און פון אן ענטפער „שטענדיק גרײט!", װאָס דערהערט זיך באם קוים באלױכטענעם גאנעקל פון דער שאכטע-שול. דאָס קערן זיך אום אהײם די פּיאָנערן די שאכטיאָרנס קינדער.

אָט דאָרטן, איבערן קלוב, האָט פּלוצים אופגעשײַנט אן עלעקטריש לעמפּל. פון די קלײנע הײַזלעך אײנציקװײַז, פּאָרנװײַז, צו דרײַען, ציִען זיך שאכטיאָרן. אײניקע מיט זײערע װײַבער. אָט איז אויך לאװרענטי, אן אלטער שאכטיאָרן-בױאַן, אָנגערוקט דעם קארטוז אפן שטערן, גײט ער אויך אין קלוב

אריַין. אונטער דער פּאכווע א ביכל—ער טראָגט עס אומבּייַטן. און פריִער, ווער געדענקט כאָטש איין טאָג אזעלכן, ווען לאווערענטי זאָל ניט געוועץ טרינ-קען, ניט אויסזעצן קיין שויבּן בּא די שכיינים, ניט שלאָגן דאָס ווייַב? איצט איז שוין ניט דאָס.

קומט לאווערענטי צו דער בּיבּליאָטעקערן, דער-לאנגט דאָס בּיכל און זאָגט:

— אנו, טעכטערל, בּייַט מיר דאָס בּיכל.

דערנאָך גייט ער אף דער פארזאמלונג, זעצט זיך אוועק אין א ווינקעלע, הערט רויִק, ווי קיינמאָל קיין בּויאן ניט געוועזן.

און איפּאטיטש קאָן אויך ניט איַינזיצן אפן בּערגל. סע ציט אהין, ווו בּאם אריַינגאנג לייַכט אזוי ליבּ דאָס פייַערל איבּער לעניִנס בּילד.

דאָרט איז ווארעם, ליכטיק. דאָרט איז א לעבּן.

אין דער זייַט אין קלוב איז פאראן א צימערל. דאָרט זיצט מען שטיל, מע לייענט. איפּאטיטש פארבּלייַבּט דאָרט ניט אף לאנג. ער איז אליין אן אנאלפאבעט. ס'איז לאנגווייַליק. בּאטראכט די פּאָרטרעטן און גייט אוועק צו זיך אין קאזארמע, ער דערמאָנט זיך ווידער:

ווי לאנג איז דאָס געווען—די שאכטע האָט אין אָונטס געקרעכצט פון שיקרעס, געשלעגן, און פרויען-געוויין. און אָט איז דאָס אלץ פארביטן געוואָרן מיטן קלוב, טעאטער, פארזאמלונגען, צײַטונגען.

אָט וואָס די רעוואָליוציע האָט אופגעטאָן!

פראגן. 1. וואָס טוען די שאכטיאָרנס קינדער?

2. ווי האָט זיך געביטן לאוורענטי?

3. וואָס טוט מען אין קלוב?

4. פארוואָס זאָגן מיר, אז ס׳איז א נײַער לעבנשטייגער?

5. וואָס פאר א סימאָנים פון נײַעם לעבן-שטייגער באמערקן זיך בא אײַך?

אופגאבן: 1. לייענט איבער דײַטלעך דידאָזיקע באשרײַבונג. בא א פונקט שטעלט זיך אביסל אָפּ און לאָזט אראָפּ דעם קאָל.

2. נעמט א באזונדער העפט און אף יעדן-זײַטל שרײַבט אָן איין אָס פונעם ייִדישן אלעפבייז אין אזא סיידער: א. אָ. ב. ג. ד. ה. ו. וו. ז. ט. י. כ. ל. מ. נ. ס. ע. פּ. פֿ. צ. ק. ר. ש. דאָס וועט בא אײַך זײַן א ווערטערביכל.

וואָס הייסט האמוין? אנאלפאבעט? וואָסערע נאָך ניט פארשטאנדיקע ווערטער געפינט איר דאָ? שרײַבט זיי ארײַן אין ווערטערביכל — אף די געהעריקע בוכשטאבן: האמוין באם — "ה", אנאלפאבעט באם — „א“ א. אז. וו.

דערפרעגט זיך באם לערער, וואָס באטײַטן די ווערטער אין די ווײַטערדיקע ארבעטן. שרײַבט ארײַן אלע ניט פארשטענדלעכע ווערטער אין ווערטערביכל.

צו נייע דערגרייכונגען

מע דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סאָף צו אונדזער אָרעמקייט.

מע דאַרף פונדאַסנייַ באַשאַפן אַ מעכטיקע טעכניק אין אונדזער אינדוסטריע.

מע דאַרף איבערמאַכן דאָס דאָרף אויף דער באַזע פון עלעקטרעפיקאַציע, קאָאָפּעראַציע, קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן. מיר האָבן שוין גרויסע ניצחונעס אויפן דאָרפישן פראָנט.

מע דאַרף ליקווידירן דעם גאַנצן קלאַס באַלעגופים אויפן גרונט פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

מע דאַרף דורך לאַנגדויערנדיקער אַרבעט זיך דערשלאָגן צו אַ פולשטענדיקן ניצאָכן איבערן ביוראָקראַטיזם.

מע דאַרף אויסהיילן די מאַקע פון אַמעראַצעס, אָפּגעשטאַנענקייט, שיקרעס, אומקולטורעלקייט און רעליגיעזן טשאַד.

מע דאַרף זיך דערשלאָגן דערצו, מיר זאָלן אַנטשיידענער גיין צו דער „מעלוכע-קאָמונע“.

האַקלאַל, מע דאַרף זיך דערשלאָגן, אַז אונדזער לאַנד זאָל ווערן אין פולן זין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד.

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ערשטע 8 שורעס. נאָך יע-דער שטיק רייד, ווו דאָס קאָל לאָזט זיך אראָפּ און מע שטעלט זיך אָפּ, שטעל א פּונקט, ווי אין ביכל. וועלכע ווערטער זײַנען דאָ ניט פארשטאנדיק? שרײַבט זיי ארײַן אין ווערטערביכל. בעט דעם לערער זיי דערקלערן.

אין 1927 יאָר זײַנען אין די דערפער פונעם גאנצן ראטנ־פארבאנד פארמאכט געוואָרן 134 קלויסטערס און אין 1928 יאָר — 592 קלויסטערס.

אופגאבע: בארעכנט אף די רעכנבײַנדלעך, וויפיל קלויסטערס האט מען פאר די צוויי יאָר פארמאכט.

וויפל, ווייסט איר, האָט מען אָפּגענומען באָטעמעדראָשים און געמאַכט פון זיי קלובן?

כאווער אבע

— 2 קעסלען האָבן מיר — זאָגט צו אונדז כא-ווער אבע, דער אלטער וועכטער. איין קעסל הייצט מען איין 5 אזייגער פארטאָג. און 7 איז ער שוין פארטיק. אהין ווארפן מיר סאָדע, האלון, קאוסטיק, ביילעוו. דאָס אלץ קאָכט מען, ביז סע ווערט פאר-טיק — עס ווערט זייף.

— נו און דער צווייטער קעסל?

— דער צווייטער איז דער קלוב אונדזערער. אויך א גוטער קעסל. קאָכט א מעכײַע. צום ערשטן קעסל האָט איר שוין פארשפעטיקט.

— ס׳קאָכט שוין דער צווייטער.

— און איך האָב געמיינט, אז בא אײַך ארבעטן 2 אומבײַטן.

דער אלטער, וואָס גייט פאָרויס, שטעלט זיך פלוצים אָפּ.

— וואָס זאָגט איר — צוויי אומבײַטן? אָט דאָס איז עס טאקע.

דער צווייטער אומבײַט איז באַם קעסל אין קלוב. קומט.

דער אלטער וועכטער וויל דעם קלוב ניט רופן אנדערש ווי זאוואָד.

— ס'איז אויך א טייל זאוואָד. איר זעט, אפן זא-וואָד זײַנען דאָ אָפּטיילונגען. אויך דאָ — גאנצע 9 אָפּטיילונגען ביז ער ווערט פארטיק.

— ווער?

— וואָס הייסט ווער? דער ארבעטער. ער איז אויך אזא מין רוישטאָף, וואָס מע דארף אים גוט דורכקאָכן.

מיר געפינען זיך אין א גרויסן העל-באלויכטע-נעם צימער מיט מענטשן, ווו עס קאָכט טאקע ווי אין א קעסל.

כאווער אבע פארויכערט זײַן פּיפּקע, און פון זײַן גרוי פארוואקסן פּאָנעם שײַנען ארויס א פּאָר לעבע-דיקע אויגן. ער לייגט פאָר:

— קומט בעסער אין ליקפּונקט. כ'האָב ליב דאָרט.

— וואָס עפּעס?

דאָרט האָב איך זיך אַליין גוט אויסגעקאָכט— מײַנע אַלטע ביינער און די אויסגעקרימטע פינגער מײַנע,—ביז כ'האָב זיך אויסגעלערנט שרײַבן.



אין קלוב

— קאָנט איר שוין, הייסט עס, לייענען און שרײַבן?

— שוין א יאָר. אַלע טאָג לייען איך א בלאַט. די אַלטע מײַנע האָט זיך שוין אויך אויסגעלערנט. לייענט שאָלעם-אַלייכעמען ווי א וואַסער. כ'קום אַהיים, דערציילט זי מיר מײַסעס פון ביכלעך.

זאָג איך איר:
כ'וויל ניט הערן, כ'קאָן אליין לייענען.

ארום אלאנגן טיש זיצן 21 ארבעטער. 12 מאנצ-ביִלן און 9 פרויען.

דער אלטער באגריסט זיי.

א גוטנאָוונט, כעוורע! שעמט זיך ניט פאר אים. אונדזערער א גאסט.

א פרוי שרייַבט מיט קרייַד אפן ברעטל:

— „די פרוי איז געווען א שקלאפן".

דער לערער רופט אויס א צווייטן:

— כאווער קאפּלאן!

קאפּלאן איז אלט 45 יאָר, א „פּארקאָכער". ער האלט דעם קרייַד מיט אלע 5 פינגער. ער האלט עס ווי א טייַערע זאך, האָט מוירע ארויסצולאָזן פון די הענט.

אפן וועג דערקלערט אונדז דער אלטער:

— קוים אים איַינגערעדט, ער זאָל זיך גיין לער-נען, אן אמאָרעץ געווען. קיין אלעף ניט געקענט. איצט קאָכט ער זיך איבער.

אסאך צימערן זייַנען מיר דורכגעגאנגען.

אין פּאָליטשול האָבן זיך 35 פארשוין צוגע-הערט צו די רייד פון אָנפירער. מיר גייען אין זאל פאר פיזקולטור, אין פרויען-אָפּטייל. אין גרויסן זאל — א לעקציע וועגן קאָאָפּעראציע.

נו, און איצט דארף איך שוין גיין, — געזעגנט זיך מיט אונדז דער כאווער אבע, — כ'דארף זיך שוין גיין שטעלן צו דער ארבעט.

— שוין לאנג ארבעט איר אפן זאוואָד, כאווער אבע?

— זינט די „סאָוועצקע".

— און פריער?

פריער? א ליכטציער געווען. גראָשענע ליכטלעך געמאכט פאר ווייבער אף שאבעס. עך, אָפּגעלעבט א פאסקודנע לעבן אמאָל!..

פראגן: 1. וועגן וואָס פאר א צוויי קעסלען האָט גערעדט דער כאווער אבע?

2. וואָס האָט ער דערציילט וועגן זיין פריערדיקן לעבן?

3. וואָס פאר א קולטור-אנשטאלטן פאר דערוואקסענע זיינען פאראן בא אייך?

פארגעבונג: שרייבט איבער דידאָזיקע ווערטער: זאָגט, אלטער, כאווער, ארבעט, פארטיק, אהין, ווארפן, סאָדע, האלון, זאלץ, קאָכן, פארטיק.

באמערקט די קלאנגען: א (אלטער, כאווער א.א.וו.) און אָ (האָבן, קאָכן, א. א. וו.) שרייבן זיך מיט איינעם און דעמזעלבן אָס—אלעף. מע דארף באר אונטערן אָ שטעלן א קאָמעץ (א פאסיקל אינדערלענג און אינדערברייט).

די ווערטער מיט אָ און מיט א שרייבט אראָפּ אין באזונדערע רובריקעס.

האָבן	אלטער
זאָגט	א זייגער

א. א. וו.

ווי־אזוי איך האָב זיך געלערנט

וואסיל ריבאקאָוו איז געווען א יונג מיט ביינער, א גוואר. ער האָט ליב געהאט שטילערהייט א שטויס טאָן אזוי, אז יענער זאָל אָפּפליִען פון אים ווי א פילקע. איינמאָל האָט ער מיך אָפּגערופן אין א זײַט און מיר פאָרגעלייגט:

— אלעקסיי, לערן מיך אויס לייענען א ביכל, כ׳וועל דיר געבן א האלב קערבל... און טאָמער לערנסטו מיך ניט אויס—וועל איך דיך הארגענען, שלאָגן, פון דער וועלט פארטרײַבן, איך זאָל אזוי לעבן!

און האָט ברייט זיך איבערגעצייילעמט.

איך האָב מוירע געהאט פאר זײַן דראָונג. כ׳האָב אָנגעהויבן לערנען מיט דעם באָכערעץ מיט גרויס מוירע. נאָר ס׳איז גלײַך פון אָנהייב אָן אוועק גוט. ריבאקאָוו האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אַן אקשן אין דער ניט-געווינטער ארבעט און זייער א פאר־שטאנדיקער.

אין א וואָכן פינף ארום, ווען ער האָט זיך איינמאָל אומגעקערט פון דער ארבעט, האָט ער מיך בעסאָד ארויף געטאָן צו זיך און ארויסגעשלעפט פון היטל א שטיקל צעקנייטשט פאפיר און א מורמל געטאָן מיט אופרעגונג:

— קוק, וואָס כ׳האָב אָפּגעריסן פון א פלויט. וואָס שטייט דאָ? הא? ווארט אויס! „ס׳פארקויפט זיך א שטוב“ — איאָ? נו — פארקויפט זיך?

— ריכטיק.

ריבאקאָוו האָט אויסגעגלאָצט די אויגן, זײַן שטערן האָט זיך באַדעקט מיט שווייס. געשוויגן אביסל, האָט ער מיך א כאפּ געטאָן פאר דער פּלייצע, און שאָקלענדיק זיך, שטיל גערעדט:

פאַרשטייסט, — איך קוק אפן פּלויט, און ווי עמיצער וואָלט מיר שעפּטשען: „ס'פּאַרקויפט זיך א שטוב". מאמעש ווי סע שעפּטשעט, אף מײַן וואָרט. הער, אלעקסיי, צי האָב איך זיך טאקע אויסגעלערנט — הא?

— אנו, לייען ווײַטער.

ער האָט ארײַנגעשטעקט די נאָז אין פּאפּיר און אָנגעהויבן שעפּטשען:

— צוויי-עטאזשנע—ריכטיק?

זײַן פּאָנעם האָט זיך צעשוומען אין א ברייטן שמייכל. ער האָט אשאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אויסגעזידלט און לאכנדיק גענומען אקוראט צונויפלייגן דאָס פּאפּירל:

— איך וועל עס איבערלאָזן אף אַן אָנדענק, ווי די ערשטע איבערגעלייענטע זאך.

פראגן. 1. וואָס האָט פּארוואונדערט ריבאקאָוון, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געפּרוווט לייענען?

2. ווען האָט איר זיך אויסגעלערנט לייענען?

3. אויב ניט קינדווײַז, דערציילט ווי איז דאָס פּאָרגעקומען?

פארגעבונג: לייענט איבער און דערציילט מיט אײַערע ווערטער, וויאזוי וואסיל האָט זיך געלערנט. שרײַבט ארויס באזונדער אלע ווערטער מיט „אַ" און באזונדער מיט „אָ".

דער כיידער

מאזעפע — אזוי הייסט דער רעבע אונדזוערער. דאָס הייסט — דער עמעסער נאָמען זײַנער איז גאָר באָרעך-מוישע, נאָר מאכמעס ער איז אראָפּגעקומען צו אונדז ניט לאנג פון מאזעפּעווקע, האָט אים די שטאָט א נאָמען געגעבן „דער מאזעפּעווקער" און מיר כיידער-ייִנגלעך האָבן אים פארקירצט און ס׳איז געוואָרן „פון „מאזעפּעווקער" — „מאזעפּע". אי-



ד ע ר   כ י י ד ע ר

בעריקנס, טאלמידים, אז זיי קרוינגען א רעבן מיט אזא שיינעם נאָמען, האָט ער דאָס מיסטאָמע קאָ-שער פארדינט.

א קליינס, אַ טרוקנס, אַ דארס, אַ פארזעעניש, איר זאָלט זאָגן — אַ סימען פון אַ באָרד צי פון וואָנצעס, צי פון ברעמען, נישט כאָלילע, מאכמעס ער גאָלט זיי, נאָר גלאַט אזוי, זיי ווילן ניט וואקסן.

דערפאר אָבער האָט ער אַ פאָר ליפּן און אַ נאָז. איַ אַ נאָז: אַ קוילעטש, אַ האָרן, אַ שויפער! און אַ קאָל האָט ער ווי אַ גלאָק, ברומט ווי אַ לייב! פונוואנען נעמט זיך צו אזא מין באשעפעניש אזא מוירעדיקע געמבע? און קויעך ווי נעמטן זיך צו אים אזוי פיל? אז ער נעמט איַך אָן מיט די דארע קאלטע פינגער פון דער האנט, דערזעט איר יענע וועלט. און אז ער לאָזט איַך אראָפּ אַ פאטש, פילט איר אים דריַ מעסלעס דורכאנאנד. לאנג שמועסן מיט איַך האָט ער פיַינט. פאר דער מינדסטער זאך — שולדיק, ניט שולדיק — איז בא אים איין מישפעט: לייג זיך!

— רעבע! יאָסל יאנקעוו-יאָסלס האָט מיך אַ זעץ געטאָן!

— לייג זיך!

— רעבע! ס'איז אַ ליגן, ער האָט מיר פריער דערלאנגט מיט דער פוס גליַיך אין זיַיט אריַין!

— לייג זיך!

— רעבע, כיַיעם הערשל-לעפּעס האָט מיר ארויסגעשטעלט אַ צונג...

— לייג זיך!

— רעבּע! ס'א ליגן, אדעראבּע, ער האָט מיר גאָר געשטעלט א פײַג!

לייג זיך!

און איר מוזט זיך לייגן, עס וועט ניט העלפן קיין זאַך.

דער כיידער האָט זיך געהאלטן איינגאנצן אף מוירע און אף שמיץ. פאר יעדער קלייניקײַט פלעגט דער רעבּע שמײַסן.

און ניט נאָר פאר „זינד", וואָס די טאלמידים זײַנען שוין באגאנגען — דער רעבּע פלעגט אָפּשמײַסן אף לעהאבּע, טאָמער וועט דאָס קינד זינדיקן. אָפּגעשמיסן, פלעגט דער רעבּע נאָך געבּן דעם געשמיסענעם ער זאָל א קוש טאָן דעם קאנטשיק.

די „פּראָגראמע" איז באם מעלאמעד געווען א גאנץ קלאָרע.

פארוואָס גייט א פערד? ווײַל ער האָט מוירע פאר שמיץ. פּונקט אזוי איז מיט א קינד. א קינד דארף האָבּן מוירע: מוירע פאר גאָט, מוירע פארן רעבּן, מוירע פאר טאטע-מאמע, מוירע פאר אן אויירע, מוירע פאר א שלעכטער מאכשאָווע. און בּיכדיי א קינד זאָל מוירע האָבּן, דארף מען עס גאנץ פײַן אָפּשפּילען, אנידערלייגן און ארײַנצימבּלען א פּאָר צענדליק שמיץ.

„אָ, ניטאָ קיין בעסערע זאך אף דער וועלט ווי א קאנטשיקן!"

פראגן: 1. מיט וואָס האָט דער רעבע געווירקט אף די קינדער?
2. ווי פלעגן זיך פילן די קינדער אין כיידער?
3. גיט דער כיידער עפּעס נוצלעכעס?

פּארגעבונג: שרייבט איבער די ווערטער: איך, אונדז, אין, אים, איר, און, אייך, אויס, אויך א. אז. וו. דער אלעף בא דידאָזיקע ווערטער רעדט זיך ניט ארויס. מע רופט אים שטומער אלעף.

דער כיידער און די ארבעט-שול

דער כיידער איז פאר די קינדער געווען אן אָפּקומעניש ער האָט זיי גאָר ווייניק אויסגעלערנט, פּעטש אָבער האָבן די קינדער געכאפּט אסאך.



אין שול

די ראטנמאכט האָט אויסגעבויט ארבעט-שולן דאָרט לערנט מען אלצדינג וואָס איז נייטיק אין לעבן אין דער ראטן-שול איז ריין און ליכטיק די קינדער האָבן דעם ביידער פײַנט געהאט די ראטן-שול האָבן זיי ליב.

פארגעבונג: פרוווט איבערלייענען די עטלעכע שורעס. איז שווער צו לייענען? פארוואָס?

קוקט זיך צו, ווו מע דארף אראָפּלאָזן דעם קאָל און זיך אָפּשטעלן. אין די ערטער שטעלט פּונקטן.

אין 1926 יאָר איז אין פ.ס.ס.ר. פאָרגעקומען א פאָלק-ציילונג. וועדליק די ציילונג ווײַזט, זײַנען אין אוקראַיִנע פאראן 1 מיליאָן 574 טויזנט 391 ייִדישע נעפאשעס. דאָס הייסט—עטוואָס מער פון אָנדערהאלבן מיליאָן.

צווישן זיי זײַנען פאראן אנאלפאבעטן, (וואָס קאָנען ניט לייענען און שרײַבן) — 472 טויזנט 161 מאן (דאָס הייסט ביז א האלבן מיליאָן). דאָס מאכט אויס בא א דריטל פון דער גאנצער ייִדישער באפעלקערונג אין אוקראַיִנע.

אופגאבע. שרײַבט אָן מיט ציפער:

1. וואָס פאר ביילעק פון א מיליאָן באטרעפן די אנאל-פאבעטן?

2. וויפל מיליאָן ייִדן איז פאראן אין אוקראַיִנע?

3. וואָס פאר א טייל פון דער גאנצער ייִדישער באפעל-קערונג באטרעפן די אנאלפאבעטן?

פון כיידער איז שול אריין

לייבעלעס יונג הערצעלע האָט שוין לאנג געבענקט נאָך דער שול. ער האָט אָבער ניט געקאָנט פויעלן בא זיין טאטן, ער זאָל אים אָפּנעמען פונעם כיידער.

די יעשוע איז אים געקומען גאָר פּלוצים.

איינמאָל איז אין כיידער אריינגעקומען דער פאָרשטייער פון פאָלקאָמבילד מיט צוויי קאָמיוגיסטן. זיי האָבן געמאכט א סאָף צום כיידער. דעם צענדליק קינדער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפּייניקט ווי אין א טורמע, האָבן זיי ארייַנגעגעבן אין דער ראַטן-שול.

די ערשטע צייַט האָט לייבל געהאלטן אין איין פארגלייַכן. דער כיידער — אן ענג שמוציק צימערל, די שול — ליכטיקע קלאסן. אין כיידער — דער-שלאָגענע, אָפּגעריסענע, פארמורזשעטע עטלעכע יינגלעך. אין שול — זינגענדיקע, רייניקע קינדער.

אין כיידער — טעמפּע איוורע אין סידער און אין כומעש, ניט פארשטאנדיקע אומגעלומפּערטע ווער-טער, אין שול — ביכער אף יידיש, אינטערעסאנטער פארשטאנדיקער אינהאלט. אין כיידער — זיצן אייַנגע-בויגן אין דרייַען און שאָקלען זיך איבערן כומעש. אין שול — פיזקולטור און באוועגלעכע שפּילן. אין כיידער — דער בייזער רעבע, אין שול — דער ליבלעכער און גוטער כאווער-לערער.

לייבלס טאטע, מוישע דער קירזשנער, קאָן זיך גאָר ניט אָפּכידעשן אף זײַן קינד. ס'איז אים א ביזאָיען פאר זיך אליין, וואָס ער האָט זיך דעמאָלט אײַנגעאקשנט און ניט געוואָלט אָפּגעבן לייבלען אין שול ארײַן.

א גאנצער בארדאעס געוואָרן לייבל. אז וואָס ווייס ער ניט?

— איר'ט גלויבן? בארימט זיך מוישע פאר א רעדל גוטע ברידער.

— ער דערציילט אפילע, וויִאזוי מע באקומט ארויס קוילן פון די שאכטעס. מיר, דערוואקסענע מענטשן, ווייסן ניט, און ווען פון אונדז ליגט עס גאָר אין קאָפּ?—אָבער ס'איז דאָך טאקע א אינטערעס! צי א שטייגער, כ'ווייס?—וויִאזוי מע צאפּט דעם נאפט דאָרט אף קאווקאז. דערציילט לייבל גלײַך ווי ער וואָלט דאָרט אליין געווען. ניסים, זאָג איך אײַך, ניסים! אָפּטמאָל גייען זיי אין פעלד, אין ראטווירט, אין דער פאבריקע, —„עקסקורסיע" רופן זיי עס אָן. און אלץ צוליב דעם, קעדיי צו זען מיט די אייגענע אויגן, זיך דערגרונטעווען, פונוואנען, וואָס סע נעמט זיך, וויִאזוי, וואָס מע מאכט. הײַנט דאָס לייענען און דאָס שרײַבן זײַנס! און אָט א שנעק! שטייט צו צו דער מוטער: ער וויל זי אויסלערנען לייענען און שרײַבן.

— אמער, מײַנער — רופט זיך אָפּ איצי דער סטאָ-לייער — מײַנער זאָגט גאָר דייעס, וויאַזוי מע זאָל זיך פירן, ס'זאָל זײַן ריין, מע זאָל עפענען די פאָר-טקע. נו, א וועלט! אז די אייער לערנען גאָר די הי-נער! וואָס ער ארבעט עס איבער! אנומלטן איז זייער גאַנצע גרופּע געפאָרן אפן צוקער-זאוואָד. מײַן יאָסל איז געקומען פון דאָרט און זיך אָנגע-דערציילט מײַסעס, אז דער קאָפּ האָט זיך אזש אָנ-געהויבן דרייען. און אין שול פירן זיי, די ווײַסע-כעווערעניקעס, אליין אָן מיטן גאַנצן רומל. איך בין געוועזן דאָרט אף א פארזאמלונג, איז ארויסגעטראָטן א קליין מיידעלע, געהאלטן א גאַנצע „רעדע”, דער-ציילט, וויאַזוי זיי פירן דורך די ארבעט. מע גיט אף אלצדינג אליין אכטונג.

— עך-עך-עך! אין אונדזערע צײַטן האָט מען אונדז געשטאָפּט מיט נארעשקײַטן, זײַנען מיר טא-קע פינצטערע מענטשן, בלינדע.

אָט פון זיי וועלן שוין ארויס לײַט.

פראגן: 1. וואָס פאר אן אונטערשייד איז צווישן כיידער און ראטן-שול?

2. צי פלעגט דער כיידער גרייטן צום לעבן? און די שול?

3. צי פלעגט דער כיידער טראכטן וועגן געזונט פון די קינדער? און די שול?

4. צי פלעגן די קינדער פארשטיין דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט אין כיידער? פארוואָס איז גרינג צו פארשטיין דאָס, וואָס מע לערנט אין דער ראטן-שול?

פארגעבונג: שרײַב איבער די ווערטער: פױעלן, אָפּנעמען, פּונעם, פּלוצים, פּאָרשטייער, פּאָלקאָמבילד, געפּײַניקט, פאר-גלײַכן, אָפּגעריסענע, פּארמורזשעטע, פרײדיקע, טעמפּע, פארשטאנדיקע, אומגעלומפּערטע, פיזקולטור, שפּילן. שרײַב אין 2 באזונדערע רובריקעס די ווערטער מיט פּ און פ.

פױעלן	פונעם
אָפּנעמען	פאָרשטייער
פּלוצים	פון א. אז. וו.

דער קלאנג פּ (שפּילן, טעמפּע) שרײַבט זיך מיט א פּינ-טעלע.

ריין איז געזונט

קעדיי זײַן געזונט, דארף מען האלטן ריין דאָס לײַב, די וווינונג און דאָס אָנטאָן. שטויב און שמוץ זײַנען אונדזערע סאָנים. מע דארף מיט זיי פירן אן ענערגישן קאמף.

אין שטויב און אין שמוץ פארפירן זיך אינזעקטן, וואָס ברענגען אונדז פיל שאָדן. אסאך קלעפּיקע קראנקײַטן גיבן זיך איבער דורך אינזעקטן. לײַז ברענגען פלעק-טיפוס, וואנצן און פליי—פּאָקן, שווינדזוכט און אנדערע קרענק. פליגן—בויך-טיפוס, כאָלערע. קעדיי זיך פארהיטן פון אָט-די קראנ-קײַטן, דארף מען ניט לאָזן די אינזעקטן זיך פאר-מערן. דאָס בעסטע מיטל דערצו איז—רײנקײַט.

מע דארף אויסקערן דעם צימער מיט א נאסן בעזעם און ניט נאָר אינמיטן, נאָר אין אלע ווינקע-

לעך און דאָס מיסט פארברענען. פארן עסן דארף מען וואשן די הענט מיט זייף. וואשן דאָס לײַב און בײַטן וועש דארף מען יעדע וואָך. באם וואשן דאָס וועש דארף מען עס אויסקאָכן. נאָכן עסן — דעם טיש ריין אָפּוואשן און די ברעקלעך ארויס-ווארפן אין דרויסן. מע דארף ניט איבערלאָזן קיין ניט צעוואשן געפעס. מע דארף ניט אויסגיסן די אומרייניגע וואסער נאָענט פון שטוב.

אין אומרייניקײַט פארמערן זיך פליגן. וואָס ווייניקער מיסט באם שטוב, אלץ ווייניקער פליגן וועט זײַן. וואנצן דארף מען אָפּגיסן מיט זודיקע וואסער. און ניט נאָר די וואנצן, נאָר אויך זייערע אייעלעך. מע דארף עס טאָן עטלעכע מאָל, ווײַל פון איינמאָל וועלן די וואנצן ניט אומקומען.

אין שטוב דארפן אומבאדינגט זײַן פאָרטקעלעך און מע דארף זיי עפענען אף א שטיקל צײַט איבערפרי און אין אָוונט.

פרישע לופט איז זייער נייטיק דעם מענטשן.

פארגעבונג: לייענט איבער דאָסדאָזיקע ארטיקל. שרײַבט ארײַן אין ווערטערביכל אין די געהעריקע בוכשטאבן די ווערטער: קאמף, שטויב, אינזעקטן, שווינדזוכט, אומבאדינגט.

בעט דעם לערער, דערקלערן דידאָזיקע ווערטער.

פארוואָס קרענקט א קינד

נעכאמע האָט געהאט א ייִנגעלע. דאָס ערשטע קינד איז דאָס בא איר. באגייט זי זיך מיט דעם אזוי, ווי סע אייצען איר אלטע ווײַבער.

האָט נעכאמע אָפּגעקאָכט דעם קינד א קאשע. זאָגט די שוויגער:

— זע נאָר, זאָלסט כאָלילע ניט אָפּבריִען דאָס קינד. נעם אין מויל אריַין, גיב פריִער א פּרווו.

נעמט נעכאמע די קאשע אין מויל, דערנאָך גיט זי דעם קינד.

מע זעצט זיך צום טיש עסן ווארמעס. דאָס קינד ציט אויס דאָס הענטל נאָכן לעפל.

— גיב אים — זאָגט דער שווער — א לעק טאָן א ביסל באָרשטש, זאָל ער זיך צוגעווינען, וועט ער זײַן א געזונטער כעוורעמאַן.

האָט נעכאמע געגעבן. באנאכט האָט דאָס קינד געהאלטן אין איין שרײַען. דאָס קעפּל איז געווען הייס ווי פײַער. ווײנט נעכאמע. קוים דערלעבט אינדערפרי, אוועק מיטן קינד אין שפּי-טאָל. דער דאָקטער האָט באטראכט דאָס קינד און האָט גלײַך א פרעג געטאָן נעכאמען, מיט וואָס האָט זי געהאָדעוועט דאָס קינד.

נעכאמע האָט דערציילט:

— וויִאזוי גיט איר עס — האָט דער דאָקטער גע-זאָגט — א זעקס כאדאָשעמדיקן קינד באָרשטש און

נאָך אזעלכע גראָבע זאכן? אזא קליין קינד דארף קוידעמקאָל דער מוטערס ברוסט. אויב עס קלעקט ניט בא דער מוטער קיין מילך, קאָן מען געבן מילך פון א קו, אָבער נאָר געזאָטענע. א שיטערע מאנע-קאשע קאָכט מען אָפּ אף מילך. מען טאָר קיין קאשע פון דעם אייגענעם מויל ניט געבן: ס'קען זיך מאכן, אז די מוטער האָט עפּעס א קרענק, וועט זי די קרענק איבערגעבן דעם קינד.

— היט אָפּ דאָס קינד. גיב אכטונג, לאָז קיינעם פון זייטיקע מענטשן ניט קושן אים. ווייסט דאָך ניט, צי איז דער מענטש א געזונטער צי א קראנקער. היט אָפּ דאָס קינד פון אָנשטעקן זיך.

פראגן. 1. ווי האָבן די אלטע ווייבער געלערנט נעכאמען בא-גיין זיך מיטן קינד?

2. צו וואָס האָט עס געבראכט?

3. ווער קאָן געבן א ריכטיקע אייצע, וויאזוי דערציִען קינדער?

4. לייענט איבער דידאָזיקע דערציילונג אייערע בא-קאנטע, וואָס האָבן זויג-קינדער.

פארגעבונג: שרייבט ארויס אלע ווערטער מיט ה.

די ראטנמאכט דארף געזונטע קינדער

ווען א זויג-קינד זאָל קענען ריידן וואָלט עס גע-זאָגט:

— קושט מיך ניט אין די ליפּן.

— הוסט מיר ניט, ניסט מיר ניט אין פּאָנעם אריין, אניט וועל איך קראנק ווערן.

— גיט אכטונג, איך זאָל זיך ניט אָנעמען מיט קאָקליוש, מאָזלען און מיט אנדערע קלעפּיקע קראנ־קײַטן — איך קאָן פון זיי שטארבן.

— שלעפּט מיך ניט אף די הענט, נעמט מיך פּא־מעלעך און לייגט מיך אנידער ווי ס׳קער צו זײַן.

— גיט מיר ניט קיין קאָנפעקטן. ס׳שאדט מיר.

— גיט מיר ניט קיין סאָסקע, און לאָזט מיך ניט זויגן דעם פינגער.

— פּאטשט מיך ניט אָן, ווען איר לייגט מיך שלאָפן.

— טראָגט מיך ניט אין טעאטער, אין קינאָ. נעמט מיך ניט צוגאסט: איך וועל דערנאָך שלעכט שלאָפן און וועל זײַן קאפּריזנע.

— גיט מיר ניט קיין קײַעכץ.

— גיט מיר ניט קיין ווײַן, קיין ביר, קיין בראָנפן, קיין קאווע און קיין טיי.

— איך וויל זײַן געזונט!

פראגן: 1. צוליב וואָס איז בייטיק אָפּהיטן ריינקײַט?

2. פאַרוואָס פלעגט אין די יידישע שטעטלעך זײַן שמו־ציק?

3. צי האָט זיך געענדערט אין דעם זין דאָס שטעטל?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער; געזאָגט, פּאָנעם אָנעמען, מאָזלען, שלאָפן.

באמערקט, אז די אלע ווערטער שרײַבן זיך מיט אָ כאָטש איר רעדט ארויס מיט ו.

וואָס איז דער כילעק אין די אויסגעטיילטע ווערטער „פּאטש מיך ניט אָן" „שלאָגט ניט און קושט ניט".

II. אינדוסטריע

אינדוסטריאַליזאַציע

I.

שוין אַ צײַט, אַז מירל, ווו זי שטײט און גײט, הערט זי אומע-טום דאָס וואָרט „אינדוסטריאַליזאַציע“, און דעם טאָך דערפֿון פֿאַרשטײט זי ניט.

האָט מירל און נאָך עטלעכע אַרבעטערינס זיך צונויפֿגעקליבן בײַשאַס דעם איבערײַס. זי האָט אַרויסגערופֿן סאָניען, דעם פּראָוויען-אָרגאַניזאַטאָר, גלײַך אין צעך אַרײַן.

— גיב אונדז צו פֿאַרשטײן, סאָניע, וועגן אָט-דער אינ-דוסטריאַליזאַציע,—האָט מירל צו איר געזאָגט,—איך פֿאַרשטײ עס ניט, כאָטש נעם מיר אַראָפּ דעם קאָפּ.



א פֿאַבריק

לאַנג בעטן האָט מען סאָניען ניט געדאַרפֿט. דער שמועס איז געגאַנגען גלאַט ווי אױף פּוטער. סאָניע האָט גערעדט, און די איבעריקע האָבן געהערט מיט קאָפּ. ווו ס'איז געווען ניט קלאָר—פֿאַרגעבן פֿראַגעס.

.II

— מיר האָבן שוין געלאָזט אלע אלטע פאבריקן, נאָר פון זיי אליין קלעקט ניט קיין סכוירעס פאר דער באפעלקערונג. די באדערפעניש אין סכוירע וואקסט מיט יעדן טאָג. דאָס שטויסט אונדז צו בויען נייע פאבריקן און עלעקטרעסטאנציעס.

— אָבער ווו נעמט מען מאשינעס צוליב די נייע זאוואָדן?

— מיט וואָס קען מען איינאָרדענען די עלעקטרעסטאנציעס?

— מיט וואָס פארבייט מען די אָפגענוצטע מאשינעס אף די פאראנענע פאבריקן?

די רוסישע קאפיטאליסטן האָבן ניט געזאָרגט וועגן בויען מאשינעס. זיי האָבן געקויפט גרייטע אין אויסלאנד.

גיט נאָר א קוק, מיט וואָס מיר ארבעטן. די וועבשטול פון ענגלאנד, די באנקאבראָש מאשין—פון דייטשלאנד אלע מאשינעס פאר די עלעקטרעסטאנציעס גייען פון אויסלאנד.

שרייבן מיר אויס פון אויסלאנד מאשינעס, דארפן מיר פאר זיי צאָלן מיט גאָלד. און גאָלד האָבן מיר ווייניק. אניט דארפן מיר פירן אהינצו פאר האלב-אומזיסט רויוואַרג און אנדערע פראָדוקטן.

מיר דארפן אסאך מאשינעס, און אזעלכע מאשינעס, וואָס זאָלן זיין בעסער פון די אויסלענדישע. צוליב דעם איז נייטיק בויען זאוואָדן, וועלכע זאָלן אויסארבעטן די מאשינעס, וואָס זיינען אונדז אזוי נייטיק.

דאן וועלן מיר שוין ניט זיין אָפהענגיק פונעם אויסלענדישן קאפיטאל.

אָט וואָס עס הייסט אינדוסטריאליזאציע.

סאָניע האָט פארענדיקט איר דערקלערונג. ס'האָט א קלונג געטאָן דער גלאָק, און אלע זיינען זיך צעגאנגען צו זייערע וועב-שטולן, ווו ס'איז פלינק געלאָפן דאָס געשיקטע שיפל.

פראגן: 1. וועלכע זאוואָדן און פאבריקן דארפן מיר איבערהויפט בויען?

2. פארוואָס איז אונדז אזוי וויכטיק פראָדוצירן מאשינעס?

3. וואָס איז אזוינס אינדוסטריאליזאציע?

פארגעבונג: שרייבט איבער דאָס ערשטע קאפיטל פון דער-דאָזיקער דערציילונג.

אינדוסטריאַליזאַציע-האַלוואַע

אַף צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד דאַרף מען האָבן גרויסע סומען געלט.

צוליב דעם האָט די רעגירונג ארויסגעלאָזן 3 אינדוסט-ריאַליזאַציע-האַלוואָעס: אין 1927 יאָר אַף 200 מיליאָן רובל, אין 1928 יאָר אַף 500 מיליאָן רובל, און אין סאַף יאָר 1929 אַף 950 מיליאָן רובל.

געווינסן וועט געבן: די ערשטע האַלוואָע — 8 מיליאָן 403 טויזנט 500 רובל.

די צווייטע האַלוואָע — 9 מיליאָן 244 טויזנט 250 רובל.

אויפגאַבן: 1) באַרעכנט, וויפל געלט אַף צו אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד האָט די מעלוכע איינגאַנצן געליִען בא דער באַפעלקערונג.
2) וויפל געלט צוזאַמען מיט די געווינסן וועט די באַפעל-קערונג קריגן צוריק פון די ערשטע 2 האַלוואָעס?

דאָרט, ווו מע מאַכט טשוהון

צום זאַוואָד איז געוועזן ניט ווײַט. אין א האַלבע שאָ זײַנען מיר אַהין צוגעקומען.

פאַר אונדזערע אויגן האָבן זיך געהויבן צום הימל גרויסע, שווערע קוימענס פון די דאָמנע-אויוונס.

פון צײַט צו צײַט האָבן זיך פון די אויוונס ארויסגעריסן סנאָפּעס פײַער.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַף די האַלב-פינצטערע טרעפּ. אַהערצו האָט מען פון די אײַזנבאַן-פּלאַטפאָרמעס דערלאַנגט דעם אַרץ.

אינעם אײַזערנעם דיל איז געוועזן א גרויסע לאָך.

מיר האָבן זיך אָנגעבויגן און דערזען אונטן א גרויסע אײַזערנע פּאַס.

גראָד דעמאָלט איז צו דער לאָך צוגעפאָרן א פולע וואַגאָ-נעטקע מיט אַרץ. איין רעגע — און די וואַגאָנעטקע האָט זיך איבערגעקערט, און דער אַרץ האָט זיך ארויסגעוואַלגערט אין דער אײַזערנער פּאַס אַרײַן.

די פאס האָט זיך פּאמעלעך אָפּגערוקט אין א זײַט, און אף איר אָרט האָט זיך באוויזן אן אנדערע. אז די אנדערע איז אָבּ־געפּילט געוואָרן — איז אונטערגעקומען א דריטע, א פערטע, א פינפטע. ס׳איז געווען א גאנצער צוג מיט פעסער.

א שטארקע מאשין האָט גענומען הייבן איין פאס נאָך דער אנדערער צום שפּיץ פון דער דאָמנע. די פעסער האָבן זיך לאנגזאם געהויבן ארופצו. דאָרט האָבן זיי אליין אראָפּגעוואָרפן די מאסע אין אויוון ארײַן און פוסטע אראָפּגעגליטשט זיך צוריק.

דער באגלייטער האָט אונדז דערקלערט:

— אין די דאָמנע-אויוונס איז א שרעקלעכע היץ. אין אָט-דער היץ שמעלצט זיך דער ארץ און רינט ארויס אלס טשוהון.

מיר האָבן פארקערעוועט אף לינקס און סע האָט זיך פאר אונדז אנטפּלעקט א ווונדערלעך בילד: איבער אַ קאנאווע איז געפלאָסן א פײַערדיק-ווײַס טײַכל פון צעשמעלצטן טשוהון.

באם עק פון אָט-דעם פײַערדיקן טײַך זײַנען געווען אויסגעלייגט רעלסן און סע איז געשטאנען א פאס. אין אָט־דער פאס איז אראָפּגערונען דער צעשמעלצטער מעטאל.

דער באגלייטער האָט אונדז געזאָגט:

— איצט וועט מען דעם טשוהון דורכבלאָזן מיט לופט.

מיר זײַנען געגאנגען א קוק טאָן, וואָס מע וועט טאָן מיטן טשוהון. אָט איז די פאס צוגעגאנגען צו דער בלאָז-מאשין, שטיל זיך אופגעהויבן ארופצו, זיך איבערגעקערט און אויסגע־גאָסן דעם טשוהון אין קעסל.

אין דערזעלבער צײַט האָט א קלונג געטאָן אין גלאָק. די ארבעטער זײַנען געוואָרן צעטראָגן. עפּעס האָט פלוצים א שיפּע געטאָן, א פײַף געטאָן: דאָס האָט דער לופט-שטראָם מיט א שרעקלעכער קראפט א זעץ געטאָן אין בלאָז-אויוון. מיליאָנען פײַערדיקע פונקען האָבן סנאָפּעסווײַז זיך ארויסגעריסן פון קוי־מען. די פונקען זײַנען ווי א רעגן געפאלן אף דר׳ערד. די אר־בעטער אין לעדערנע רעקלעך און הענטשקעס האָבן געארבעט אונטער אָט-דעם פײַערדיקן רעגן.

דער באגלייטער האָט אונדז דערציילט וועגן דער ווײַטער-דיקער באארבעטונג פון טשוהון:

נאָכן דורכבלאָזן גליט מען דעם טשוהון שטארק אָן אין אויוון. דערנאָך לאָזט מען אים אביסל זיך אָפּקילן און פארהארטעוועט ווערן, באקומען זיך באָלוואנקעס. אָט-די באָלוואנקעס לאָזט מען אראָפּ אין וואסער. דערנאָך ברענט מען שוין איבער דעם טשוהון אף אײַזן און שטאָל אין באזונדערע אויוונס.

פראגן: 1) פון וואָס מאכט מען אײַזן? וויאזוי באקומט זיך פון ארץ טשוהון?

2) וווּ שמעלצט זיך דער אײַזנארץ?

3) ווי קומט פאָר דער פּראָצעס פון ארויסבאקומען טשוהון?

4) וואָס פאר א שוועריקײַטן און געפארן זײַנען פאראן אין דער ארבעט בא די שמעלץ-אויוונס?

פארגעבונג: שרײַבט ארויס די ווערטער מיט „ה“: האלב, אהינצו, געהויבן א. אז. וו.

וואָס פאר א חילוק איז צווישן „הארץ“ און „ארץ“? „הינטער“ און „אונטער“? „הייבן און „אויבן“? „האָט“ און „אָט“?

וואָס פאר א באדײַטונג האָט אײַזן פאר מענטשן

פון אלע מעטאלן איז אײַזן דער סאמע נייטיקסטער און ניצלעכסטער.

פרוווט זיך נאָר פאָרשטעלן, וויאזוי וואָלט מען זיך געקאָנט באגיין אָן אײַזן.

מיר שלאָפן אף אײַזערנע בעטן, מיר עסן מיט שטאָלענע מעסערס און גאָפּלען, מיר שרײַבן מיט שטאָלענע פּענעס און שנײַדן מיט שטאָלענע שערן.

אלע געצײַגן און אינסטרומענטן ווי, לעמאָשל, האמערס, זעגן, זײַנען געמאכט פון אײַזן. אף די אײַזנבאנען באשטייען די לאָקאמאָטיוון אינגאנצן פון אײַזן און שטאָל. די באנען גייען איבער שטאָלענע רעלסן. די גרויסע יאמשיפן ווערן ארומגעקלאפט מיט שטאָל. די פילשטאָקיקע מויערן ווערן געבויט אף אײַזערנע באלקנס.

יערלעך ארבעטן אויס די זאוואָדן און לאָזן ארויס מיליאָנען פארשיידענע מאשינעס פון אײַזן, שטאָל און טשוהון. אָן אײַזן וואָלט די אינדוסטריע זיך ניט געקאָנט אנטוויקלען.

דאָס אײַזן פארמאָגט גרויסע מײַלעס. סע איז שטארק, פעסט און דערצו בייגעוודיק און שמידעוודיק. סע האלט אויס זייער א שטארקן ווידערשטאנד. מע קאָן דערפון אויסשמידן די דינסטע בלעכן און אויסציִען דראָט דין, ווי א מענטשלעכע האָר.

איין שטיק אײַזן, וואָס איז אָנגעגליט ביז ווײַסקײַט, קאָן גרינג זיך צונויפשמידן מיט אן אנדער שטיק אײַזן.

פראגן: 1. וועלכע אײַזערנע זאכן זעט איר ארום זיך?
2. צי קען מען אויסקימען אָן אײַזן?
3. פארוואָס?

פארגעבונג: שרײַבט ארויס אלע ווערטער מיט ײַ: באדײַטונג אײַזן א. אז. וו. אונטער די צוויי יודן שטעלט אַ פאסעך (—). געפינט נאָך ווערטער מיט צוויי יודן, נאָר אָן פאסעך, וויאזוי לייענען זיי זיך? שרײַבט זיי ארויס: באגיין א. אז. וו.

שרײַבט ארײַן אין ווערטערביכל די ווערטער: מעטאל, אנטוויקלונג, שטאָק און ווערט געוואָר זייער באטײַט.

ווי באקומט מען ארויס אײַזן-ארץ

אייזן געפינט זיך אין דר׳ערד אין דער פאָרם פון ארץ (רודע), דאָס הייסט — אין א געמיש פון פארשיידענע בארג-מינים.

אונדזער לאנד איז רייך מיט אייזן ארץ. מער ווי אומעטום באקומט מען בא אונדז ארויס ארץ אף אוראל, אין קרים, אין אוקראִינע און אין סיביר. גרויסע אויצרעס ארץ איז פאראן אויך אין קורסקער געגנט, פאראן אייזן-ארץ אויך אין טולער, ראזיאנער, קאלוגער און אנדערע געגנטן.

פארגעבונג: שרײַבט איבער דעמדאָזיקן ארטיקל. ווו מע דארף שטעלט אונטער די צוויי יודן א פאסעך.

אונטערן קלאנג אָ שטעלט א קאָמעץ אין קלאנג פּ — א פינטל.

ווּקס פון דער מעטאַל-אינדוסטריע אין פ. ס. ר.

די מעטאַל אינדוסטריע דאַרף אין 1932/33 יאָר ארויסלאָזן 10 מיליאָן טאָן טשוהון. דאָס מאַכט אוים 3 מאָל מער ווי אין 1927/28-טן י.

פון די 10 מיליאָן טאָן פאַלט $7^1/_2$ מיליאָן טאָן אַף די אַלטע זאַ-וואָדן. די איבעריקע דאַרפן געבן די נײַע זאַוואָדן. די אַלטע זאַוואָדן שפּילן נאָך זייער אַ גרויסע ראָלע, דעריבער איז אַסיגנירט געוואָרן אַף איבערבויען זיי בא 1.190 מיליאָן רובל און אַף די איבעריקע נייטן פון דער שווערער מעטאַל-אינדוסטריע נאָר 985 מיליאָן רובל.

אופגאַבן: 1) וויפל מיליאָן טאָן טשוהון דאַרפן געבן די נײַע זאַוואָדן?

2) וויפל מיליאָן רובל איז אינגאַנצן אַסיגנירט פאַר דער שווע-רער מעטאַל-אינדוסטריע?

3) אַף וויפל מיליאָן רובל איז אַף דער רעקאָנסטרוקציע באַשטימט מער איידער אַף די איבעריקע נייטן פון דער אינדוסטריע?

אופגאַבן: באַרעכנט אַף וויפל מיליאָן רובל האָט מען אין 1925 יאָר אויסגעאַרבעט מערער איידער אין 1924?

2. אַף וויפל טויזנט אַרבעטער איז געווען אין דער פּראָדוק-ציע אין 25-טן יאָר מער איידער אין 1924 יאָר?

3. אַף וויפל רובל קומט אוים פּראָדוקציע אַף איין אַרבעטער אין 1925 יאָר מערער איידער אין 1924?

צוג

נו, געגוג!\
אָפּגערוט און איבערכאַפּט דעם אָטעם —\
צײַט אין וועג אַרײַן זיך לאָזן ווײַטער,\
צוג, מײַן צוג!\
די וואַגאָנעס — אײַזנפעסט געבויט,\
איינס און איינס און אויסגעפּרוווט איז יעדער\
פון דער האַרטער גלאַנצנדיקער הויט\
ביז די שווערע, שווינדלענדיקע רעדער.\
און אין שפּאַן — אַזאַ לאָקאָמאָטיוו —\
אין געלויף מיט אים זיך ניט פאַרמעסטן,\
ווען ער שפּרינגט אַריבער טיפּסטע טיף,\
ווען ער שלינגט פון אונטער זיך די ווערסטן.

ס'האָבן יונגע און פארגלויבטע הענט
ארום אים כאדאָשים זיך געפּאָרעט —
ער זאָל יאָגן, ער זאָל טראָגן זיך אין וועלט
מיט א רויטן שטערן אפן פּאָרנט.

פארגעבונג: לייענט איבער דײַטלעך דעם געדיכט שרײַבט אים איבער. ווו מע דאַרף שטעלט אונטער די צוויי יידן א פּאַסעך.
(ליטוו.) שרײַבט ארוים די ווערטער מיטן „ש".
וואָס איז דער כילעק צווישן „קושט" און „קוסט"?

באם שמעלץ-אויוון

דער דניעפּראָפּעטראָווסקער זאוואָד איז שטענדיק פאר-וואָלקנט מיט א גרוי-געל-גרינלעכן רויך. דער רויך שפּארט פון די דאָמנעס, פון די קוימענס און לאָקאָמאָטיוון.



א שמעלץ-אויוון

פון צעך צו צעך זײַנען מיר געגאנגען, איך און דער כא-ווער פון זאווקאָם. פון צעך צו צעך — און אין זאוואָד זײַנען דאָ בא 20 צעכן. עס ארבעטן דאָרט ביז 25 טויזנט ארבעטער.

אין וואלצער-צימער

א שורע אָנגעגליטע אויוונס. א העליש פײַער שפּארט פון אינעווייניק און ווארפט פון צײַט צו צײַט ארויס פרענטן ביז ווײַס אָנגעגליט אײַזן. דער פרעגט אײַזן שפריצט מיט בעזעמער גילדענע שטערנדלעך. די שטערנדלעך באשיטן די אײַזערנע מאסקע פונעם ארבעטער, קריכן אף זײַנע לעדערנע הענטשקעס באדעקן אים אינגאנצן. דער ארבעטער גיט פלינק א נעם מיט א צוואנג דעם פרענט אײַזן, וואס הענגט אפן הייב-קראן. ער קערעווועט אים אויס, און אין א סעקונדע ארום גיט א גרילץ דאָס אײַזן פון צווישן די צוויי וואלץ-פרעסן, וואָס דריקן אים אײַן און מאכן אים פלאכער.

פון וואלץ צו וואלץ, פון פרעס צו פרעס,—פונעם פרענט גליענדיקן אײַזן ווערט א לאנג-אויסגעצויגענער, רויט-גאָלדענער וואָרעם. און ווידער ווארט אים אָפּ אן ארבעטער מיט צוואנג אין האנט. מיט דער געשיקטקײַט פון א מעכאניזם פארקלעמט דער ארבעטער דעם עק פונעם גאָלד-וואָרעם און דריקט אים ארײַן ווידער מיט א גרילץ אין לעצטן וואלץ. פון דאָרטן קריכט שוין ארויס א שפּולע העל-גליענדיקע דראָט.

— פאראן דאָ אין דעם צעך יידישע ארבעטער?

דער ארבעטער נעמט ארויס די וואטע פון די אויערן, בייגט אָן דעם קאָפּ און פרעגט:

— הא?

דער ווילדער גרילץ, דאָס שטענדיקע זעצן פון די דאמף-האמערס, דער גערויש און געטומל פונעם זאוואָד אינגאנצן האָבן באם ארבעטער אָפּגענומען זײַן געהער.

— צי זײַנען אין דעמדאָזיקן הייסן צעך פאראן יידישע ארבעטער? מיסטאָמע, יאָ.—טאכאקל זײַנען אין די זאוואָדן „פעטראָווסקי-לעניך” פאראן בא 1800 יידישע ארבעטער. נאָר גיי געפין זיי אונטער די דראָטענע מאסקעס, וואָס פארדעקן זייערע פּנעמער!

די ערשטע באגעגעניש מיט א גרופּע יידישע ארבעטער האָב איך געהאט אין בעסעמער-צעך.

א העליש פײַער האָט באַגאָסן די גאַנצע קאָלאָסאַלע געבײַדע פון דעם צעך. אונטערן גרויסן קרוג, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט עטלעכע טאָן זודיקן טשוהון, איז געשטאַנען א גרופּע ייִדישע ארבעטער. מיט לאַנגע קאָטשערעס האָבן זײ געשלעפּט פונעם קרוג דעם אויבערשטן אָנגעבלעזלטן מעטאַל — דעם שלאַק. אין א קורצער צײַט ארום האָט דער מעשונעדיקער קרוג מיט דער פײַערדיקער פליסיקײַט זיך אָפּגעטראָגן אָן א זײַט. די גרופּע ארבעטער האָט ארײַנגעשטעקט די אָנגעגליטע קאָטשערעס אין וואַסער. צום געוויינלעכן גרילץ און ווילדן גערויש איז צוגעקומען אף א ווײַלע דאָס שיפּען פונעם אָנגעגליטן אײַזן אין וואַסער. די ארבעטער האָבן אָפּגעווישט דעם שוויס, ארויסגענומען פון אונטערן פאַרטעך א זעקעלע מיט מאַכאָרקע און פאַרדרייט א ציגאַר.

— וועל איך אײַך ניט שטערן אין דער ארבעט?

— ניין, די ארבעט גופא וועט הייסן זיך נעמען פאַר איר, ווען זי וועט צוקומען.

פאַרוויכערט די מאַכאָרקע ציגאַרעס אָנעם גלײַענדיקן שלאַק, האָבן מיר גענומען שמועסן.

— צי זײַנען דאָ פאַראַן ייִדישע ארבעטער? יאָ, אָט דער ארבעטער, וואָס ארבעט דאָ שוין א יאָר דרײַסיק איז א ייִד. אָט דער יונגערמאַן, וואָס איז דאָ ניט לאַנג געקומען, און יענער — זײַנען אַלע ייִדן.

— אין אונדזער צעך — גיט ער צו, — זײַנען פאַראַן 4 ייִדן.

מיר האָבן זיך מיט די ארבעטער געזעגנט: א נײַער קרוג, אָנגעפילט מיט העליש-פײַער, האָט זיך געטראָגן צו אונדז אפן הייב-קראַן. די ארבעטער האָבן אָנגערוקט די מיצלעך, אָנגעטאָן די לעדערנע פּראָדוציר-הענטשקעס און זיך גענומען פאַר די לאַנגע שוין אָפּגעקילטע קאָטשערעס.

אין לערן-צעך

אָט שטייט זי, דאָס ייִדישע מיידל. צי איז זי פון דניעפּראָפּעטראָווסק גופא, צי פון פּאָדאָליע? ניט אלצייגס? אירע אויגן, די שוואַרצבריוונע אויגן זײַנען נאָך שטעטלש פאַר-

כאָלעמט, נאָר די הענט אירע און די עלנבויגנס זײַנען שוין פארשמירט מיט אייל און מיט סאזשע. זיי ווערן, די הענט, וואָס פון טאָג גרעבער און הארטער און דרייסטער האלט זיי דעם האַמער.

פראגן: 1) פארוואָס האָבן יידן ניט געארבעט אין דער גרויס-אינדוסטריע בעשאס דעם צארישן רעזשים?
2) ווער האָט געעפנט די יידן א וועג אהין?
3) צי ס׳איז ריכטיק, אַז יידן טויגן נים צו שווערער ארבעט?

פארגעבונג: (אוקר). שרייבט איבער די ווערטער: בעזעמער, ארבעטער, באגעגעניש, אָנגעבלעזלטער, פענעמער, לעדערנע, וויאזוי רעדט איר ארוים דידאָזיקע ווערטער? אייניקע רעדן זיי ארוים מיט אן יי, שרײַבן דארף מען מיט אן ע: בעזעמער, ארבעטער און אז. וו.

וואָס פאר א כילעק צווישן „גרעט“ און „גרייט“, „ברעט“ און „ברייט“, „שטעט“ און „שטייט“ א. אז. וו.?

אין זאוואָד

אינעם מעטאלורגישן זאוואָד „רויטער פראָפינטערן“ האָבן ביז דער רעוואָליוציע אויך געארבעט יידן. אָבער וויפל יידן? אף 16 טויזנט ארבעטער — פינף. פינף מאזלדיקע יידן, וואָס האָבן געהאט „פראוואָזשיטעלסטווע“ אלס ניקאָלאיעווער סאָלדאטן.

איצט ארבעטן דאָרטן 100 יידן.

די פראגע — אין וועלכע צעכן דעריקער ארבעטן די יידן? — ווײַזט אויס דעם ארבעטער שלוימע קאָפּילקאָוויטש פאר קאָמיש. ער איז א שלאָסער, אַ געוועזענער מאָלעווער „מעשטשאנין“.

— וואָס הייסט — „דעריקער“?

אין אלע צעכן ארבעטן יידן. איצט איז דאָך ניטאָ די אלטע „באָבע מײַסעס“ וועגן „שווערע“ ארבעט פאר יידן. ביזט א טאָקער? — טאָק, ביזט א קלעפּאלשטשיק — קלעפּ. ביזט א שמיד — זעץ מיטן האמער. עפשער מיינט איר, אז אלע יידן אפן זאוואָד זײַנען קוואליפיצירטע? ס׳הייבט זיך אפילע ניט אָן! א פּאָר צענדליק הויך קוואליפיצירטע, אסאך מיטעלע און נאָך מער — געוויינלעכע שווארץ-ארבעטער. א ייד איז דאָ ניט ערגער ווי א ניט-ייד, ער איז אָבער ניט קיין מעיוכעס.

לעמאָשל, כייעם און איוואן טראָגןביידע אן אייזערנעם רעלס; אויב דער רעלס וועגט 7—8 פוד, בייגט זיך איוואן, מע-כילע, אונטער און דער סטאראָדובער ייִד כייעם בייגט זיך אויך. ניטאָ קיין שום כילעק. וואָס איז שייעך דעם לעבן-שטייגער, איז אזוי די מייסע: לעמאָשל, די יוגנט ענדיקט די ארבעט, טוט זיך איבער און גייט אין קלוב, צי אין טעאטער שפאצירן. שפאצירן סיי ייִדישע סיי ניט-ייִדישע כעוורע.

אין קלוב אויך דאָסזעלבע. מע נעמט אָנטייל אין איינע און דיזעלבע קרייזן. וועגן איינעם און דעמזעלבן איניען אמפערט מען זיך, איינע און דיזעלבע לידער זינגט מען. בּיכלאל — קיין שום באזונדערער ייִדישער שטייגער. אינעם קלאסן-קעסל ווערן איבערגעקאָכט אלערליי נאציאָנאלע באזונ-דערקייטן.

ווען דו ארבעסט אף איין זאוואָד און אין איין צעך, ווערן צווישן די ייִדן און ניט-ייִדן אויסגעגלעט אלע שטריכן, ווי ס׳איז אָפּגעמעקט געוואָרן דער שטריך „טכום” און אלע איבעריקע באגרענצונגען פאר ייִדן.

פראגן: 1. אין וועלכע צעכן האָבן געארבעט ייִדן?

2. וואָס פאר א אונטערשייד האָט זיך געפילט צווישן ייִדישע און ניט-ייִדישע ארבעטער בעשאס דער ארבעט?

פארגעבונג: באמערקט: ייִד, ייִכעם און נאָך אזעלכע שרייבן זיך מיט צוויי יודן מיט א פינטעלע אונטערן צווייטן יוד. (ײַ).

ווערט געוואָר, וואָס הייסט „טכום”, „באגרענעצונגען” און שרייבט זיי אריין צו זיך אין ווערטערביכל.

די ראטנמאכט ציט אריין וואָס וויטער אלץ מער ייִדן אין דער פראָדוקציע. דאָס באווייזן אונדז פאָלגנדיקע ציפערן:

פארן 1928 יאָר זיינען אין אוקראינע אין 10 קרייזן צוגעקומען נייע ייִדישע ארבעטער:

אין דער צוקער-אינדוסטריע	2.238
אין ראטווירטן	1.360
אין אנדערע צווייגן פון דער אינדוסטריע	3.682

אופגאבן: 1) בארעכנט וויפל ארבעטער זיינען אינגאנצן פאר איין יאָר צוגעקומען אין די 10 קרייזן:

2) וויפל מאכט דאָס אוים דורכשניטלעך אף 1 קרייז?

פינפיאָריקער פּלאַן

דער פינפטער אלפארבאנדישער ראטנצוזאמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1929 יאָר, האָט באשטעטיקט דעם פּלאַן פון אנטוויקלען אונדזער פאָלקסווירטשאפט. דער פּלאַן איז צו־ניפגעשטעלט אף 5 יאָר פון אָקטיאבער 1928 יאָר ביז אָקטיא־בער 1933 יאָר.

אין פּלאַן איז פּינקטלעך אָנגעמערקט, ווו און וואָס מיר זאָלן בויען פאר די פינף יאָר. דאָרט איז אויך אָנגעוויזן, וויפל מיטלען און וויפל ארבעט־קראפט מ׳וועט באדארפן.

דער פּלאַן מערקט אָן די שוועריקייטן, וועלכע מיר וועלן טרעפן אפן וועג פון אונדזער בויונג. אין פּלאַן ווערט אויך פאָרויסגעזען, ווי־אזוי וועט אויסזען אונדזער לאנד אין פינף יאָר ארום.

דער 5-יאָריקער פּלאַן מערקט אָן א גרינטלעכן איבערבוי פון אונדזער גאנצן לאנד.

פאר 5 יאָר וועט די אינדוסטריע מאכן א גרויסן שפאַן פאָרויס. אלע אלטע פאבריקן און זאוואָדן וועלן איבערגעבויט ווערן און פארגרעסערן די אויסארבעטונג. ס׳וועלן אויסוואקסן צענדליקער, הונדערטער נייע מעכטיקע פאבריקן און זאוואָדן. דידאָזיקע זאוואָדן און פאבריקן וועלן אויסגעריכט ווערן מיט די בעסטע מאשינעס.

פאר 5 יאָר וועט זיך דאָס לאנד באדעקן מיט א נעץ עלעק־טרישע דראָטן. ס׳וועט אויסגעבויט ווערן 42 נייע מעכטיקע עלעקטרישע סטאנציעס.

פארן וווּקס פון דער ווירטשאפט איז פריִער פאר אלץ נייטיק מעטאל, און מיר האָבן אים ווייניק.

איצט באקומען מיר ארויס יערלעך 3 מיליאָן טאָן טשוהון. אין 5 יאָר ארום וועלן אונדזערע זאוואָדן ארויסלאָזן 10 מיליאָן טאָן א יאָר.

פאר די 5 יאָר וועלן מיר פארגרעסערן דעם ארויסבאקום פון שטיינקוילן פון 35 מיליאָן טאָן ביז 75 מיליאָן טאָן א יאָר.

דעם ארויסבאקום פון נאפט וועלן מיר פארגרעסערן אין 2 מאָל.

די נײַע פאבריקן, זאוואָדן, שאכטעס, עלעקטרישע סטאנציעס וועלן פאָדערן א מאסע מאשינעס. דער 5-יאָריקער פלאן האָט עס אינזינען.

די אויסארבעטונג פון מאשינעס וועט פאר די 5 יאָר אויסוואקסן אין 3 מאָל אזויפיל ווי איצט.

אָט אף דידאָזיקע צווײַגן פון דער אינדוסטריע לייגט דער 5-יאָריקער פלאן א באזונדער אכט. אָן מעטאל, אָן הייצונג, אָן מאשינעס, אָן עלעקטריע קאָן אונדזער ווירטשאפט ניט גיין פאָרויס.

דער 5-יאָריקער פלאן האָט אויך ניט פארגעסן וועגן דער אויסארבעטונג פון סכוירעס פארן ברייטן געברויך. דער פלאן מערקט אָן אויסבויען נײַע טעקסטיל-פאבריקן, לעדער-זאוואָדן, צוקער-זאוואָדן און נאָך אסאך אנדערע זאוואָדן. ס'וועט ניט זײַן מער קיין סכוירע-הונגער און ס'וועלן פארשווונדן ווערן די אָטשערעדן.

פון דער צארישער אָרדענונג איז אונדז געבליבן א שווערע ירושע — דאלעס און אָפגעשטאנענקײַט. מיר האָבן באוויזן צו דעריאָגן און אריבעריאָגן די ווירטשאפט פון צארישן רוסלאנד.

און איצט דארפן מיר זיך א סטארע טאָן דעריאָגן און אריבעריאָגן די קאפיטאליסטישע לענדער: אמעריקע, ענגלאנד, דײַטשלאנד, פראנקרײַך.

דער 5-יאָריקער פלאן פירט אונדז אף דעם וועג.

דער 5-יאָריקער פלאן מערקט אָן א גרויסן אופשטײַג ניט בלויז אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך און דער לאנדווירטשאפט. די לאנדווירטשאפט וועט פאר די 5 יאָר אויסוואקסן אין 2 מאָל. דאָס אויסארבעטן מאשינעס פאר דער לאנדווירטשאפט וועט אויסוואקסן אין 4 מאָל.

אינעם לעצטן יאָר פון פינפיאָריקן פלאן וועלן אונדזערע זאוואָדן ארויסלאָזן 522 טויזנט טראקטאָרס. איצט לאָזט מען ארויס

נאָר 13 טויזנט. דאָס אויסאַרבעטן באַמיסטיקונג וועט זיך פאַר־גרעסערן אין 46 מאָל.

ס׳וועט זיך הייבן די גערעטעניש אף טוווע. ס׳וועט ניט זײַן מער קיין דויכעק אין ברויט. אין א 2 — 3 יאָר אַרום וועלן מיר אפילע שוין ווידער קאָנען אַרויספירן ברויט קיין אויסלאַנד.

אין דאָרף וועלן אויסוואַקסן מעכטיקע קאָלווירטן און ראַט־ווירטן (סאָווכאָזן). ס׳ראָוו פויערים וועלן פון אינדיווידועלער ווירטשאַפט אַריבער צו קאָלעקטיווער אַרבעט.

ברייט וועט זיך אַנטוויקלען די קאָאָפּעראַציע אין שטאָט און אין דאָרף. ס׳וועלן אויסוואַקסן נײַע שולן, יאַסלעס, קלובן, שפּיטאָלן.

ס׳וועט זיך אופהייבן די שריפטקענעוודיקײַט פון דער באַ־פעלקערונג. קיין איין ניט-שריפטקענעוודיקער וועט ניט בלײַבן צווישן די אַרבעטער.

די אַרבעטער־אַרמײ וועט זיך פאַרגרעסערן אף 4 מיליאָן מאַן.

ס׳וועט זיך הייבן דער אַרבעטלוין. ס׳וועט קלענער ווערן די אַרבעטלאָזיקײַט. אַלע אַרבעטער וועלן אַריבערגעפירט ווערן אף א 7־שאָ:קן אַרבעט־טאָג.

מירן קומען צו דער צײַט, ווען ס׳וועט ניט זײַן קיין נעפּמאַן אין שטאָט און דער באַלעגוף אין דאָרף וועט ליקווידירט ווערן אַלס קלאַס.

מירן צוגיין האַרט צו דעם איבערבוי פון אונדזער גאַנצן לעבן אף נײַע יעסוידעס. מירן זיך דערנעענטערן צום סאָצי־אַליזם.

אָט אף וואָס פאַר א וועג עס רופט אונדז דער 5-יאָריקער פּלאַן!

ניט ווינציק שוועריקײַטן שטייט אונדז פאָר. דער 5 יאָרי־קער פּלאַן פאָדערט פון אונדז אַרבעט גאָר אף אַן אַנדער אויפן. פּוסטעפּאַסעווען און בראַק דאַרפן פאַרשווינדן פון דער פּראָדוקציע. איטלעכער אַרבעטער דאַרף אויסאַרבעטן אין 2 מאָל מער ווי איצט. דער קערנקאָסט פון די סכוירעס דאַרף

זיך פארקלענערן אף א דריטל (35 פּראָצענט). ווײַל נאָר דע־מאָלט וועט פאר אונדזער בויונג זײַן גענוג מיטלען.

דער 5־יאָריקער פלאן וועט ארויסשטויסן פון אונדזער ראטנלאנד די רעשטלעך פון דער פריִערדיקער בורזשואזיע — אָבער אונדזערע סאָנים וועלן לײַכט זיך ניט אונטערגעבן. זיי וועלן מיט אלע קויכעס זעען שטערן אונדזער בויונג.

נאָר אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי וועלן מיר בײַקומען די אלע שוועריקײַטן. מיט מיליאָנען הענט פון ארבעטער און פּויערים וועט דער 5-יאָריקער פּלאן אויסגעפּילט ווערן.

פראגן: 1) פארוואָס לייגט דער 5-יאָריקער פּלאן א באזונדער אכט אף דער אינדוסטריע? 2) וועלכע צווײַגן פון דער אינדוסטריע וועלן זיך אמערסטן אנטוויקלען? 3) וויאזוי וועט זיך אופהייבן די לאנד-ווירטשאפט פאר די 5 יאָר? 4) וואָס וועט אונדז געבן די נײַע גרויסע בויונג-ארבעט? 5) דערוויסט זיך, וואָס וועט מען אופבויען פאר די 5 יאָר אין אײַער קאנט.

פארגעבונג: (ליטוו) שרײַבט איבער די ווערטער: צונויפגעשטעלט, אויך, אזוי, סכוירע, בלויז, יעסוידעס, קויכעס, ארויסשטויסן. אויב איר רעדט זיי אפילע ארוים מיט יי, אָבער שרײַבן דארפט איר וי.

וואָס איז דער כילעק צווישן „ברויט" און „ברייט"? צווישן „ווינט" און „וויינט"? צווישן „רוי" און „ריי"? צווישן „קייט" און „קויט"? צווישן „שיין" און „שוין"?

שרײַבט ארײַן אין ווערטערביכל די ווערטער: קאָלעקטיוו, אינ-דיווידועל, שריפטקענעוודיקײַט, קערנקאַסט א. א. וו. דערפרעגט זיך זייער באטײַט.

לויטן 5-יאָריקן פּלאן דארף בא אונדז ביזן סאָף 1933 יאָר פארגרעסערט ווערן:

עלעקטרישע ענערגיע — אין 40 מאָל מער.

דער יערלעכער ארויסבאקום פון הייצונג — אין 2 מאָל מער.

די ברויט-גערעטעניש — אין 2 אָדער אין 3 מאָל מער.

איצט ארבעטן מיר אוים עלעקטרישע ענערגיע 5 מיליארד קילאָוואט שאָען א יאָר.

הייצונג באקומען מיר איצט ארום 13 מיליאָן טאָן א יאָר. די ברויט-גערעטעניש איז איצט בא אונדז 8 מיליאָן טאָ א יאָר.

אויפגאבע: 1. וויפל וועלן מיר צום סאָף 1933 יאָר אויסארבעטן עלעקטרישע ענערגיע?

2. וויפל מיליאָן טאָן הייצונג וועלן מיר ארויסבאקומען?

3. וויפל מיליאָן טאָן ברויט וועט געבן די גערעטעניש?

אפן זאוואָד "מארטי".

...אפן אנדערן טאָג איז א צווייטער אוועק
איבער שטעטלעך און שטעט נאָך אביסעלע מי,
געקומען אהין צום צווייטן ברעג —
אין הויכן זאוואָד מיטן נאָמען „מארטי".
ברייט און פעסט זײַנען דאָרטן די ווענט,
געדיכט און שוואַרץ איז דאָרטן דער רויך,
געבראַכט אהין זײַנען שטעטלשע הענט,
— נאט אײַך די הענט און נעמט מיך אויך.
די גרינגסטע מי איז דאָ ניט גרינג,
זי קאָסט געצונג אי בלוט, אי שווייס.
— „איך ווייס עס גוט, נאָר איך בין יונג
איך ווייס עס גוט, איך ווייס".
דער פאָטער דערציילט מיט פרייד און מיט ווײַ:
„ער ארבעט שוין דאָרט אזא שווערע מי!"
ער ארבעט שוין דאָרט קימאט א וואָך צווײַ
אין הויכן זאוואָד מיטן נאָמען „מארטי".

פארגעבונג: לייענט איבער דעם געדיכט.
(אוקר): שרײַבט ארויס די ווערטער מיט א ה.
(ליט): שרײַבט ארויס די ווערטער מיט ש.

וואָס שלאָג-בריגאַדניקעס קאָנען!

אין טראַקטער-וואַרשטאַט פון פּוטילאָווער זאַוואָד גייט די אַרבעט אין פולן ברען. ס'פינקלען מעטאַלענע פונקען. ס'שפּריצן בלויע סטרוזשקעס פון די מאַשין-געשטעלן. עס דרייט זיך דער וואַלץ און ס'דרייען זיך טויזנטער רעדעלעך. דער מאָטאָר הודזשעט.

שוואַרצע מענטשן טרײַבן אַ הוילן נאַראָווּיסטן טראַקטער. דאָס פּאָנעם איז אָנגעשטרענגט. די אַרבעטער ווייסן פעסט זייער זאַך. זיי ווייסן, די אַרבעטער, אַז דער דאָרף וואַרט אַף פּוטילאָווער טראַקטערס.

מיטאָג צײַט. דער גערויש פון די מאַשינעס איז שטיל געוואָרן. דער מאָטאָר האָט געמאַכט זײַן לעצטן דריי. אין וואַרשטאַט האָט מען פאַרפירט אַ שמועס וועגן געוועט. איוואַן סאַלטיקאָוו, אַן אַרבעטער פון 1896 יאָר, האָט געזאָגט עטלעכע קלאָרע פּראָסטע, ווערטער: איצט וועלן מיר אַרבעטן אַף אַן אַנדער אויפן. מע דאַרף מער אַרבעטן. געזאָגט, אַז מירן איבעריאָגן די קאַפּיטאַליסטישע לענדער—איז צוריק כאַפּט מען ניט. אָן אַמעריקע! אליין וועלן מיר אויסאַרבעטן **אַסאַך** טראַקטערס. אָט איך, דער ערשטער טרעט אַרײַן אין אַ שלאָג-בריגאַדע און איר כעוורע אַלע נאָך מיר!

בא די לעצטע ווערטער האָט איוואַן אַ וואָרף געטאָן די קעפּקע אַפן טיש און מיטן אַרבל אָפּגעווישט זיך דעם שווייס. אַ הילכיקער „הוראַ” האָט זיך דורכגעקײַקלט איבערן וואַרשטאַט.

ס'האָט אַ ציטער געטאָן דער שטאָלענער מאָטאָר. שנעלער האָבן זיך די רעדער גענומען דרייען. סאַלטיקאָווס בריגאַדע וועט אַרויסלאָזן אַנשטאָט 50 וואַלן אַ כוידעש גאַנצע 500.

ווען דער מײַסטער האָט געמאָלדן וועגן דער פאַרגעבונג, וואָס דער וואַרשטאַט האָט באַקומען, און זיך געווענדעט צו דער בריגאַדע מיט די ווערטער:

— איוואַן גאַווריִלאָוויטש, זיבן הונדערט פופציק דערלאַנגסטו?

— כ׳דערלאנג!

— איוואן גאווריל׳אָוויטש, און אכט הונדערט וועסטו דער־לאנגען?

— דערלאנגען!

— און טויזנט ווילסטו ניט?

— כ׳דערלאנג! אָן אמעריקע!

אגעוו טויזנט וואלן הייסט — טויזנט טראקטערס א כוידעש. טויזנט טראקטערס באטײַט — באדינען פופצן ראיאָנען פון דורכוי־סיקער קאָלעקטיוויזאציע אָדער הונדערט מיט צוואנציק טויזנט פוי יערים קאָלווירטניקעס.

27 טאָקערס טוען אוף א גרויסע זאך. ניט מער ווי פופצן מינוט איז אוועק אף אָרגאניזירן די בריגאדע. באם אָרגאניזירן זיך האָט דער פעטער וואניע געמאכט מיטן פויסט צו די ברי־גאדניקעס.

— זעט־זשע, כעווריע, איצטער... און שטרענג צוגעגעבן: ניט באלעוועט זיך!

און דאָס האָט באטײַט: ניט פוסטעפאסעווען, קיין איין בראק אין דער ארבעט! אָן אמעריקע וועט דער „רויטער פוטילאָוועץ״ ארויסלאָזן שוין איצט אזויפיל טראקטערס, וויפל ס׳איז אָנגע־מערקט אפן פערטן יאָר פון פינפיאָר. פריער האָט מען ארויס־געלאָזן אין א כוידעש 35 מאשינעס. איצט וועט מען דערלאנגען 12 טויזנט א יאָר.

אָט וויאזוי בריגאדניקעס מאכן דורך דעם פינפיאָר אין פיר יאָר.

פון שלאָג־בריגאדעס צו שלאָג־צעכן.
פון שלאָג־צעכן צו שלאָג־זאוואָדן.

א פראָסטער כעזשבן

דער גלאָז זאוואָד איז דער ערשטער אריבער אף א קעסיידערדי-קער ארבעט-וואָך.

דער כעזשבן איז געווען א פראָסטער. דעם פײַער אין אויוון קומט אוים אונטערצוהאלטן שטענדיק, און ארבעטן ארבעט מען נאָר זעקס טעג אין וואָך. אומזיסט, הייסט עס, פאטערט מען הייצונג. און אָט דאָס האָט די ארבעטער ארופגעפירט אף א געדאנק — עפשער וואָלט געווען א סוואָרע, אז דער זאוואָד זאָל ארבעטן אלע זיבן טעג אין וואָך.

וועגן אריבערגיין אף א קעסיידערדיקער ארבעט-וואָך האָט מען אפן זאוואָד געשמועסט שוין לאנג. אָבער דורכפירן עס אין לעבן, האָט זיך ארויסגעוויזן, איז ניט אזוי גרינג. פריער פון אלץ האָט מען גע-דארפט אונטערקלײַבן נײַע ארבעטער און פאנאנדערטיילן צווישן זיי די ארבעט. נאָר מיט אלגעמיינע קויכעס האָט מען די אלע שוועריקײַטן בײַגעקומען.

אין מארט 1929 יאָר איז דער זאוואָד אינגאנצן אריבער אף א קעסיידערדיקער ארבעט-וואָך.

פאר א קורצער צײַט האָט זיך די אויסארבעטונג פארגרעסערט קימאט אף א פערטל.

דער זעלבסטקאָסט איז געפאלן אף 3 פראָצענט (אף 3 קאָפּיקעס פון רובל), די צאָל ארבעטער האָט זיך פארגרעסערט אפן זאוואָד אף א פערטל) אָדער אף 25%).

אָט אזעלכע גוטע רעזולטאטן האָט מיטאמאָל געגעבן די קעסיי-דערדיקע ארבעט-וואָך.

א קעסיידערדיקע ארבעט-וואָך

די קעסיידערדיקע ארבעט-וואָך האָט מען אײַנגעפירט אָט צו-ליב וואָס.

בײַ אונדז אין לאנד גייט איצט א גרויסע ארבעט. מיר דארפן דעריאָגן און אריבעריאָגן די רײַכע קאפיטאליסטישע לענדער. בײַ א קעסיידערדיקער ארבעט-וואָך ארבעט מען סײַ שאבעס, סײַ יאָנטעוו. אזוי ארום קלײַבט זיך אָן פאר א יאָר איבעריקע 60 טעג ארבעט. ארבעטן די מאשינעס אף די פאבריקן מער טעג אין יאָר, לאָזן זיי ארויס מער סכוירע. ארבעטן די זאוואָדן מער טעג, ווערט בײַ אונדז מער מאשינעס, מער מאטעריאלן אף בויען נײַע פאבריקן, נײַע גע-בײַדעס.

בּאַ א קעסיידערדיקער אַרבעט-וואָך רוען די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע ניט אַלע מיטאַמאָל, נאָר אין פאַרשיידענע טעג פון דער וואָך: פיר טעג אַרבעט און דעם פינפטן — רו.

אין די רו-טעג קען איטלעכער אַרבעטער אָפּפּאַרטיקן זײַנע פּערזענלעכע עניאָנים — אײַנקויפן אין מאַגאַזין, וואָס ער דאַרף, גיין וווּ ער דאַרף. ער פאַרשפּאָרט צערײַבן אַף דעם זײַן אַרבעט-צײַט.

דער גרעסטער טייל אַרבעטער האָט מיט פרייד אויפגענומען די קעסיידערדיקע אַרבעט-וואָך.

— אָט אן אויפטו! אָט א סייכל!

— שײַעך אן אויפטו!

— געוויס. ווײַבאַלד די אַרבעט גייט קעסיידער, דאַרף מען דאָך מער אַרבעטער. ווערט ווייניקער אַרבעטלאָזע.

— און די מאַשינעס שטייען ניט ליידיק.

— ס'ווערט שטאַרקער דער טעמפּ פון אינדוסטריאַליזירן דאָס לאַנד.

דאָס איז — אַן אַרבעטערשער, פּראָלעטאַרישער צוגאַנג. אָבער אויסער די מאַשינעס און אויסערן זאַוואָד איז פאַראַן נאָך א שטייגער, אַן אַלטער שטייגער, וואָס די קעסיידערדיקע אַרבעט-וואָך צעשטערט אינגאַנצן.

נאָר די אַלטע געוווינהייטן זײַנען נאָך שטאַרק.

— סטײַטש, — פרעגט דער אָדער יענער אַרבעטער — און וואָס וועט זײַן מיט שאַבעס?

— און וואָס וועט זײַן מיט זונטיק? מיר דאַרפן ניט קיין קעסיידערדיקע אַרבעט-וואָך!

אַזוי געווײנלעך טײַנען די יעניקע אַרבעטער, וואָס געפינען זיך נאָך אונטער דער ווירקונג פון ראָוו, פון גאַלעך, פון באַלעבעסלעך און באַלעגופים. נאָר אַזעלכע טײַנעס פון די אָפּגעשטאַנענע מענטשן האָבן געווײנלעך זייער א קנאַפּן ווערט.

די קעסיידערדיקע אַרבעט-וואָך מאַכט א סאָף צו אַלע יידישע און ניט-יידישע רעליגיעזע יאָנטויוים. צעשטערט דעם אַלטן רעליגיעזן לעבנשטייגער, צעוואַרפט די ווענטלעך, וואָס האָבן געהאַלטן אָפּגעטיילט איין פאָלק פון צווייטן און שאַפט פון אַלע אַרבעטנדיקע איין אינטערנאַציאָנאַלע מישפּאָכע.

איבערוף צווישן באוול און מעטאל

מאָסקווע-טײַך.

און אף זײַן ברעג — דער קאָלאָמענער מאשינענבוי־זאוואָד. טאָג און נאכט רוישט אין זײַנע קאָרפוסן. טויזנטער ארבעטער און טויזנטער טאָן. און ס׳גייען ארויס מאשינעס, און ס׳גייען ארויס באוועגערס פאר אנדערע זאוואָדן, פאר פילצאָליקע פאבריקן, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער סאָוועטישער ערד.

דאָ איז מעטאל.

און ווײַט, ווײַט פון יענער זײַט אוראלער בערג, איבער פיל טויזנטער קילאָמעטער, נאָר אף דערזעלבער סאָוועטישער ערד אין אוזבעקיסטאן — אן אנדער זאוואָד.

א מעלוכישער זאוואָד אף רייניקן באוול. טויזנטער אוזבעקיסטאנער פויערים און באוול-ארבעטער שטעלן צו רויווארג פאר זייערע זאוואָדן.

באוול, סאָוועטישער באוול.

דאָ איז טעקסטיל.

אָבער דער זאוואָד שטייט. דער זאוואָד קאָן ניט באארבעטן דעם באוול איבעם ווײַטן אוזבעקיסטאן אָן דער הילף פון מעטאל.

און דורך די הייכן פון בערג, דורך סטעפּעס פון אזיע קיין אייראָפּע, פון אוזבעקיסטאן קיין ר. ס. פ. ס. ר. קיין קאָלאָמנע — טראָגט זיך פון די טעקסטילער צו די מעטאליסטן א באקאָשע, א פאָדערונג:

— דערלאנג באוועגערס! דער זאוואָד איז טויט. הויכט ארײַן אין אים לעבן! זאָל אפן באוול־זאוואָד אָנהייבן קלאפּן א מעטאליש־הארץ!

און טעלעגראף-דראָטן טראָגן צוריק אן ענטפער קורץ און קלאָר און פריידיק.

— אײַער באגער איז דערפילט. זײַט געגריסט.

און אף אײַזנבאן-ליניעס טראָגן זיך מאשינעס פון קאָלאָמנע אין ווײַטן אוזבעקיסטאנער זאוואָד, אין אן אנדער וועלט-טייל, אין דעם ווײַטן, נאָר אייגענעם ברודערלאנד.

מעטאלישע באוועגערס ווערן ארײַנגעשטעלט. הייבט אָן קלאפּן דאָס הארץ פֿון באוול-זאוואָד.

ווערט הונדערטער טאָן באוול גערייניקט צום באארבעטן — אף באקליידן מיליאָנען ארבעטער, פּויערים און אנדערע האָ־רעפּאשניקעס, וואָס בויען א נײַ לעבן.

פראגן: 1 פארוואָס איז געשטאנען די טעקסטיל פאבריק?

2. וואָס האָט אהין געשיקט דער מאשינענבוי-זאוואָד?

3. וואָס פאר א פארבינדונג איז צווישן טעקסטיל און מעטאל?

פארגעבונג: (אוקר.) שרײַבט איבער די ווערטער: טײַך, זײַנען, ווײַט, זײַט, בלײַבן, קלײַבן, טרײַבן, שטײַג, ווײַב. באמערקט, אז די ווערטער שרײַבן זיך מיט ײַ ניט מיט א.

וואָס איז דער כילעק צווישן „ווײַט“ און „וואט“, „ווײַטער“— „וואסער“ „זײַט“—„זאט“?

א נײַע שפּין-מאשין

... איך ארבעט שוין אליין בא דער מאשין.
די ווייסט עפשער, זי רופט זיך סעליפאקטער,
א לענגלעכע, א ליכטיקע, זי שפּינט.

זי שפּינט, זי שפּינט, און ס׳שפּילן זיך די שפּינדלעך,
און פעדעם ציִען זיך אין דינינקן געדריי.
רײַסט זיך איינע, — גרינגערהייט פארבינד איך,
און ווידער ציִען זיך די פעדעם לאנג אין ריי.

געדענקסט, ווי ס׳פלעגט דײַן מאמע שטענדיק שפּינען,
די אויגן מיד און בלינדערהייט געבלענדט? —
איז מײַן מאשין... זי קאָן זיך שוין פארגינען...
ארבעטן פאר טויזנט פלינקע הענט...

פארגעבונג: לייענט איבער אינדערהיים. שרײַבט איבער דעם טייל, וואָס געפעלט אײַך בעסער.

שפּינדלען

אין א טאָג אזא, ווי אלע טעג אזוינע,
אין פאבריקל, בא געציגלט ווײַסע ווענט
האָבן שפּוליערקעס, פון גרויע וואָל און ברוינער
בא א וויקל־ראָד געשפּוליעט מיט די הענט.
פלעגן שפּוליערקעס פארהאטען זיך מיט שפּוליעס,
נאָר פארהאטעט זיך מיט שפּוליעס און גערעדט.
וואָלטן מיידלעך עפּשער טאָן אמאָל א הוליע,
זײַנען שפּוליעס פאר די וועבערס ניט פארגרייט.
אז א וויקל־ראָד פארמאָגט איין ווערעטענע,
און א מיידל — הענט נאָר צוויי,
איז ווער וועט אויסארבעטן מער קענען
וויפל מיידלס הענט די צוויי?
נאָר א טאָג אזא האָט זיך צעפלאקערט
מיט באוועגונג און מיט הייסע טריט,
מ'האָט געבראכט א נײַינקן סעלפאקטער*
מיט א טויזנט שפּינדלען אין פאבריק.
מיט אמאָל האָבן צעגרילצט זיך ווערעטענעס,
זיך פארוויקלט אין א טויזנט שפּוליעס וואָל.
מיידלעך דארפן איצטער זיך ניט קלעמען
און ניט וויקלען איינציקווײַז די שפּוליעס ווי אמאָל.

פראגן: 1. ווי איז געגאנגען די ארבעט אין אָנהייב?
2. ווי איז אוועקגעגאנגען, ווען מע האָט געבראכט די מאשין?

---

* א מאשין אזא אף וויקלען וואָל אף די שפּינדלעך.

דאָרט, ווו מע מאכט ציץ

באם ברעג מאָסקווע-טײַך ציִען זיך פּאבריק-קאָרפּוסן מיט הייכע פאררויכערטע קוימענס. דאָס איז די „טריאָכגאָרנע מאַ-נופאקטור“.

א גאנצע ארמיי ארבעטער פון 7000 מאן ארבעט אף דער פאבריק. 5 אזייגער פארטאָג קומען זיך צונויף צו די פאבריק-טויערן ארבעטער און ארבעטערנס.

איינס נאָכן אנדערן שלינגט זיי ארײַן אין זיך די ברייט-צעפּראלטע טויערן-מויל.

ווי מאכט מען פון באוול דאָס געשפּינס?



אין א טעקסטיל-פאבריק

אָט איז די צופּ-אָפּטיילונג. דאָ צופּען מאשינעס דעם בוים-וואָל, רייניקן אים אָפּ פון מיסט, מאכן אים כּוכקע און צעציִען אים אין לענגלעכע סטענגעס.

שנעל באוועגן זיך די מאשינעס, געגעצן טאָר מען דאָ ניט. האָט זיך געפּאקט א פינגער אין מאשינען-וואלץ, וועט עס די גאנצע האנט ארײַנשלעפּן. ניט זעלטן טרעפן זיך דאָ אומגליקן צוליב ניט פּאָרזיכטיקייט.

פון דער צופ-אָפּטיילונג גייט דער בוימוואָל אין די שפּין-מאַשינעס. פונעם טיפן מאַשינענבויך ציִען זיך פעדים· ס׳טאַנצן טויזנטער שפּינדלען. אף 100 שפּינדלען — איין אַרבעטער. מיט ביידע אויגן דאַרף מען אַכטונג געבן אף די מאַשינעס. האָט זיך ערגעץ-ווו אָפּגעריסן אַ פאָדעם, — דאַרף מען גיך און פלינק אים פאַרבינדן.

אָט ווי פונעם געשפּינס באַקומען זיך געוועבן:

פון דער שפּינען-אָפּטיילונג פירן גראָבע שפּולן דאָס געשפּינס אין דער וועבערײַ. דאָ איז פון די וועבשטולן אַזאַ טראַסק, אַז דער מענטש הערט ניט זײַנע אייגענע ווערטער.

אף די וועבשטולן זײַנען אָנגעצויגן לאַנגע פעדעם פון דער „אָסנאָווע“. צווישן זיי פליט געשווינד דאָס שיפעלע.

פון די וועבשטולן שווימען גאַנצע טײַכן שטאָף. פון דער וועבערײַ אָפּטיילונג קומט דער מאַטעריאַל אַרײַן אין דער פאַרב-אָפּטיילונג. דאָס איז די סאַמע שעדלעכסטע אָפּטיילונג. ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם פון דער שאַרפער, הייסער לופט. די פאַרב עסט אויס די הענט. שפּריצן פאַלן אפן פּאָנעם.

די אויסגעפאַרבטע שטאָפן שווענקען זיך אין עטלעכע וואַסערן. גייען דורך דורך קראָכמאַל און טריקענען זיך. דערנאָך צעגלעט מען זיי און מע לייגט זיי צונויף שטיקערווײַז. די שטיקער שטאָף פירט מען אָפּ אפן סקלאַד, פון דאָרטן צעגייען זיי זיך איבער אַלע שטעט און דערפער פון פ.ס.ס.ר.

די אַרבעט איז אין פולן גאַנג.

די „טריאָכגאָרקע“ אַרבעט אין פולן גאַנג. די פאַרמילכאָמע אויסאַרבעטונג האָט די פאַבריק שוין דעריאָגט.

אין די אַלטע צײַטן איז אף יעדע 100 מעטער סכוירע געוועזן 12 מעטער בראַק. איצט — נאָר 7 מעטער.

די אַרבעטער אַרבעטן מיט פלײַס. זיי ווייסן, אַז מע דאַרף געבן דעם דאָרף גוטן וואָלוועלן ציץ. און דער ציץ ווערט לאַנגזאַם אָבער זיכער וואָלוועלער.

פראַגן; 1. וויאַזוי באַקומט מען געשפּינס?

2. וויאַזוי באַקומט מען פון געשפּינס ציץ?

3. וואָס פאַר א שווערי‌קייטן איז אין דער אַרבעט אַף א טעקסטיל-פאַבריק?

4. צי זײַט איר אַלע געווען אַף א טעקסטיל-פאַבריק? דער-ציילט, וואָס האָט איר דאָרט געזען.

פאַרגעבונג: (ליטוו.) שרײַבט איבער די ווערטער: ציען, צעפּראַלטע, צאַפּן, צעציען, גאַנצע, גענעצן, צימעס, ציבעלע, צײַטונג, צימער. באַמערקט, אַז זיי שרײַבן זיך מיט „צ“, כאָטש אייניקע רעדן זיי אַרויס מיט א „טש“.

אָבער די ווערטער: טשוהון, טשעלנאָק, טשעמבער-לען, מענטש, טשובאַר, טשעמעריסקי, טשערעדע, טולטשין, שעפּטשען, פּלעשטשעט, שטשאָבעט, שטשירעט, כאַשטשע-וואַצקי, סווישטשען, בענטשן א. א. וו. שרײַבן זיך מיט, טש כאָטש אייניקע ריידן זיי אַרויס מיט „צ“.

גלוכאָווקע טראַכט צו

קיינמאָל האָבן די גלוכאָווקער אַרבעטער ניט געהאַט אַזא אינטערעס צו דער פּראָדוקציע ווי איצט.

די וועב-פאַבריק אַרבעט אין פולן גאַנג. 500 וועב-שטולן זײַנען איבערגעגאַנגען אַף דרײַ אומבײַטן. אַף דער שפּינערײַ איז פאַראַן אַסאַך נײַע אויסלענדישע מאַשינעס.

אַז מע קומט אַף א פאַרזאַמלונג און סע שטייט א פראַגע וועגן דער פּראָדוקציע, איז פול און פול מיט מענטשן.

דער פאַרבער-צעך האָט ניט לאַנג דורכגעפירט אַזא פאַר-זאַמלונג אינעם ווינטער-קלוב.

דאָרט זײַנען אַרויסגעטראָטן א 20 אַרבעטער. וועגן גע-האַלט האָט קיינער ניט גערעדט — אַלץ נאָר וועגן דער פּראָ-דוקציע.

אין דער וועבערײַ איז אין דער פּראָדוציר-קאָמיסיע איבער-געווען פאַר א כוידעש ביז 1000 אַרבעטער.

דורך די פּראָדוציר-באַראַטונגען זײַנען דורכגעגאַנגען ביז 2 טויזנט אַרבעטער. דער אינטערעס צו פּראָדוציר-פראַגן, צו ראַ-

ציאָנאַליזירן די פּראָדוקציע האָט אַרויסגערופן אַן אופלעבונג צווישן די אַרבעטער-דערפינדער. און אַזעלכע איז אַף גלוכאָווקע פאַראַן ניט ווינציק.

קומסט — זאָגן די אַרבעטער — אַף דער פאַבריק, קלערסטו, וואָס טראַכט מען עפּעס אַזוינס צו? דער געוועט גייט איצט מיטן גאַנצן ברען. אָפּגעוועון 28 — 30 יאָר באַ דער מאַשין, אַפן 31-טן — אַהאַ! צוגעקלערט אַ נײַס. און פּריער פאַר מאָראַזאָוון, אָלעוו-האַשנאָבל, איז גאָר אין קאָפּ ניט געגאַנגען. אָפּגעאַרבעט, און גלײַך אַהיים, און מע האָט טאַקע אַזאַ פּרײַען צוטריט צו אַרומגיין איבער דער פאַבריק ניט געהאַט.

אָט, לעמאָשל, דער צונויפלייגער, כאַווער פּעלעווין, דער פּאָרזיצער פון דער פּראָדוציר-קאָמיסיע. ער האָט צוויי פאַרפּאָלקאָמונגען געמאַכט. ער האָט געזען, וויפל סכוירע ס'ווערט פאַרפאַלן באַם צונויפלייגן. אַ מוסטער האָט מען געדאַרפט באַזונדער אָפּשנײַדן און באַזונדער צופּעסטיקן צום שטיק. אַף אָט-דעם מוסטער פלעגט מען אין אַ יאָר אַרויסוואַרפן 4000 מעטער סכוירע.

איצט פאַקעוועט מען אײַן אַ שטיק סכוירע ניט ביזן סאָף, נאָר מיט אַ בייג אַזוי, אַז דעם געמעל זעט מען און קיין מוסטער דאַרף מען ניט. דעם כאַווער פּעלעווינס מיטל האָט פאַרייַנפאַכט די אַרבעט פונעם צונויפלייגער און האָט אָפּגעשפּאָרט ביז 4000 מעטער אַ יאָר.

דער מײַסטער פּיליפּאָוו האָט צוגעטראַכט צו מאַכן פון איין דײַטשישער דורכשווענק-מאַשין צוויי, קעדיי פאַרבעסערן דאָס דורכשווענקען די סכוירע. די פּראָדוקטיווקײַט פון דער מאַשין האָט זיך פאַרגרעסערט אַף 50 פּראָצ., די אַרבעט-קראַפט האָט זיך פאַרקלענערט אַף 3 מענטשן. די הויצאָע פון וואַסער און פון עלעקטרישער ענערגיע איז פאַרקלענערט געוואָרן.

אַסאַך אַרבעטער פון גלוכאָווקע אַרבעטן איבער דערפינדונגען. דער בעסטער געהילף איז די פּראָדוציר - קאָמיסיע. דער ביטערסטער סוינע — די פאַרשלעפּעניש אין טרעסט.

אָבער אויך דאָס וועט מען בײַקומען.

די ארבעט קאָכט, דער אינטערעס פון די ארבעטער צו דער פראָדוקציע וואקסט, סע וואקסט דער באוווסטזיין פון באלעבאטים און בויער פון דער פראָדוקציע.

פראַגן: 1) וואָס פאר א דערפינדונגען האָבן געמאכט די גלוכאָווקער ארבעטער?

2. פארוואָס דערפינדעט מען בא אונדז אסאך מער ווי ביז דער רעוואָליוציע?

3. עפשער ווייסט איר וועגן א וועלכער ס'איז דערפינדונג? דערציילט.

פארגעבונגען: שרייבט איבער די ווערטער: מעטער, טעא-טער, דניעפער, סענטיאבער, אָקטיאבער, נאָיאבער, דעקאבער; אָרדענונג, האָפענונג, אינעם, פונעם, נידעריק.

שרייבט ארײַן אין ווערטערביכל די ווערטער: פראָדוק-ציע, פראָדוקטיווקייט, דערפינדער, פארפאָלקאָמונג, מוסטער, באוווסטזיין. דערפרעגט זיך באם לערער דעם באטייט פון די ווערטער.

אין איוואנאָווא-וואָזנעסענסק

די נײַע שפּין-פאבריק אף דזשערזשינסקעס נאָמען

דאָס איז גאָר א באזונדערע פאבריק בא אונדז. ניטאָ די געוויינלעכע מאסע באהילפיקע געבײַדעס. ניטאָ קיין קוימענס, וואָס רויכערן. א קאָלאָסאלע געבײַדע. די זאלן זײַנען אזוי גרויס, אז מע קען פרײַ צעשטעלן ניט נאָר די מאשינעס, נאָר אויך די באהילפיקע אָפּטיילן.

אין ערשטן שטאָק געפינט זיך דער צימער אף אויסטאָן זיך, דער ווארטצימער, דער עסצימער, דער צימער אף האָדע-וועז די קינדער.

די פאבריק האָט קימאט ניט קיין ווענט, אָנשטאָט ווענט — אומגעהײַערע גרויסע פענצטער. 400 פענצטער, און יעדערער צו 28 קוו. מעטער. די זון דרינגט ארײַן אומעטום, אין די סאַמע ווײַטסטע ווינקעלעך אין דורכגאַנגען פון דער פאבריק.

אזוי איז באטאָג. אפדערנאכט ווערן גלײַכמאָסיק באלויכטן אלע מאשינעס. ליכט איז דאָ אסאך. ניט ווייניק איז אויך פאראן לופט. אין מעשעך פון א שאָ בײַט זיך די לופט 12 מאָל.

אף דער נײַער פאבריק איז ניטאָ קיין קעסלען, ניט קיין דאמף-מאשינען. ס'איז אינגאנצן ניטאָ קיין פאבריק-קוימענס. דאָס אלץ דארף מען דאָ ניט האָבן. אלע מאשינעס ווערן גע-בראכט אין באוועגונג מיט עלעקטריע. יעדער מאשין האָט איר מאָטאָר.

פראגן: 1) וואָס פאר א נײַס איז פאראן אין דער באשריבענער פאב-ריק?

2) צי פלעגן די קאפיטאליסטן טראכטן וועגן דעם געזונט און באקוועמלעכקײַטן פון די ארבעטער בא דער ארבעט? און בא אונדז?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: דזשערדזשינסקי, זשור-נאל, זשיטאָמיר, זשאבע, זשאלעווען, זשעדנע, זשומען.
דערמאָנט זיך נאָך ווערטער מיט זש.

וויפל וועב-שטאָף איז אויסגעארבעט געוואָרן בא אונדז
(אין מיליאָנען מעטער)

	1927 יאָר	1928 יאָר	1913 יאָר
באוול-שטאָפן	2342	2508	2238
וואָלנס	194	194	111
לײַוונט	85	85	71
סאכאקל			

אויפגאבע. בארעכנט 1) וויפל מעטער האָט מען אויסגעארבעט יעדן יאָר?

2) אף וויפל מעטער האָט מען אין 1928-טן יאָר אויסגעארבעט מער איידער אין 1913-טן יאָר.

אין סאָצגעוועט

ביז איצט האָט מען געלעבט אַף דער פאַבריק שטיל, רויִק. אָפּגעאַרבעט 8 שאָ און—פאָטער. אַלע ארבעטערנס האָבן געאַרבעט אַף צוויי—דריַי וועבשטולן. אריַנגעצויגן דעם פאָדעם, געלאָזן דעם מאָטאָר—און זיך צונויפגעלייגט די הענט אפן בויך, אָדער ווער ס׳איז יינגער—לייען א צײַטונג.

נאָר אָט האָט זיך באַקומען אן ארויסרוף פון וועבעריַי נומער 2. דער קאָמיוג האָט אָרגאַניזירט די ערשטע שלאָג-בריגאַדע אַף 48 וועבשטולן. די קאָמיוגיסטקעס פון דער בריגאדע האָבן גענומען אַרבעטן איטלעכע אַף 4 וועבשטולן. דאָ איז שוין אַוועק די אַרבעט גאָר אנדערש.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז פון אָנהייב איז געווען שווער צו לויפן פון איין וועבשטול צום צווייטן. ניט צוגעוווינט. דערצו נאָך האָט מען אַף דער גאַנצער וועבער-פאַבריק פאַרגרעסערט די גיכקײַט פון די שטולן אַף 10 קלעפּ אין א מינוט. דעם ערשטן טאָג זײַנען די מאָטאָרן אלעוויילע קאליע געוואָרן. די געהילף-מײַסטערס לויפן, שוויצן, אַ מינוט איז טײַער. געקומען דער דירעקטער א קוק טאָן, געוואָלט פרעגן דעם מײַסטער, ווי גייט די אַרבעט. און באַם מײַסטער איז די העמד אויסצודרייען. פון שטערן גיסט זיך טײַכן שוויס. האָט ער נאָר א מאך געטאָן מיט דער האנט—ניטאָ קיין צײַט, קום שפּעטער.

אַזוי איז געווען דעם ערשטן טאָג.

נאָר אפן צווייטן טאָג איז אוועק בעסער. די קאָמיוגיסטקעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אף 4 וועבשטולן, האָבן געוואָלט באווײַזן, אז זיי וועלן ארבעטן בעסער פאר אַנדערע. דאָ וועסטו שוין צײַטונגען ניט לייענען. 4 וועבשטולן פאָדערן אַרבעט. בייגן זיך אַלעווײַלע באַ די וועבשטולן רויטע טיכלעך פון מיידלעך. ס׳אַרבעטן גיכע, פלינקע הענט. דאָס שיפעלע פליט אין וועבשטול הין און צוריק. די ארבעט ברענט.

דעם ערשטן טאָג האָט די וועבער־אָפּטיילונג אַרויסגעלאָזן אַף 97 שטיק סכוירע מער ווי פריִער, און בראַק אין 3 מאָל ווייניקער ווי אַלעמאָל. אַזוי געטריַ און ערנסט האָבן די וועבערנס געאַרבעט.

נאָך דער קאָמיוגיסטישער בריגאַדע האָט זיך אָרגאַניזירט אַ צווייטע בריגאַדע פון די דעלעגאַטקעס, וואָס אין פּרויען־אָפּטייל. און דאָ איז ערשט אַוועק אַן אַרבעט!

הײַנט צַרבעטן אויס די מיידלעך מער, אַף מאָרגן נעמען די דעלעגאַטקעס און יאָגן זיי אַריבער. נו, נו, האָט מען עס וואָס צו לאַכן אַף דער פאַבריק.

בּאַ דער טיר פון צעך האָט מען אופגעהאַנגען אַ ברעטל און מע פאַרשרײַבט וויפל ווער ס׳האָט אויסגעאַרבעט.

— די קאָמיוגיסטישע בריגאַדע האָט הײַנט אויסגעאַרבעט 1800 שטיק און די דעלעגאַטסקע—1700 שטיק.

בעשאַסן איבערײַס גייען צו די אַרבעטערנס צום ברעטל און הייבן אָן אויסרעכענען:

— נו, ווער האָט וועמען אַריבערגעיאָגט?

— אײַ, ווײַבעלעך, ווײַבעלעך, וואָס שטייט איר אָפּ פון די מיידלעך? מע דאַרף זיי דעריאָגן.

און צו די מיידעלעך זאָגן זיי.

— אײַ, מיידעלעך, אַף די ווײַבער קוקט איר? איר זײַט דאָך עפּעס יִינגער!

נו, איז יאָגט מען זיך. און וואָס מיינט איר? אין אַ וואָך אַרום איז צוגעקומען נאָך אַ בריגאַדע. און נאָך און נאָך. אַזוי, אַז די גאַנצע פאַבריק האָט זיך צעטיילט אַף בריגאַדעס.

די פאַבריק איז געוואָרן ניט צו דערקענען. ריין און ציכטיק, אַף דער פּאָדלאָגע קיין שטויבעלע. די ווענט, די פענצטער און די טירן האָבן דאָס ערשטע מאָל אַפן לעבן דערפילט דעם טאַם פון וואַסער מיט זייף. אַלץ ריין אַרומגעוואַשן. די וועבשטולן פאַרזיכטיק אַרומגעווישט ווי אַן אייגן קינד.

דער געוועט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט. צו דער אַרבעט קומט מען צו דער צײַט. פאָסטעפּאַסעוועו האָט מען אופגעהערט.

פאר דער גאנצער וואָך האָט פון מײַסטער קיינער ניט באקומען קיין אויסרייד.

דער אלטיטשקער מײַסטער יעגאָר פּעטראָוויטש וווּנדערט זיך. פאר דער רעוואָליוציע האָט מען זיך אויך געיאָגט. נו, לע־מאָשל, די פאבריקאנטן גאָרעליקס מיט די פאבריקאנטן קורײַלינס יאָגן זיך,—ווער וועט אויסארבעטן וועלוועלער ציץ.

זיי אליין, פארשטייט זיך, טוען גאָרניט. נאָר די ארבעטער טוט מען א קוועטש. אף אן אומבײַט ארופגעוואָרפן א האלבע שאָ. ווער סע ארבעט אויס 50 שטיק סכוירע הייסט מען אויס־ארבעטן 52.

און מע ארבעט. וואָס דען, שטיין הינטערן פאבריק-טויער אָן ארבעט?

דער מײַסטער געדענקט עס אלץ גוט. דעמאָלט האָט ער פארשטאנען—די נויט יאָגט, נו יאָגט מען.

אָבער איצט פארשטייט ער ניט, וואָס איז די יאָגעניש? וואָס סטארען זיך עס אזוי די וועבערנס? וואָס, מע נויט זיי דען? ניין, איז דאָס אָבער א פאַלק, ניט געדאכט זאָלן זיי ווערן, אָט די ווײַבער. ווי נאָר א סטאנאָק ווערט קאליע, אי צום מײַסטער מיט א געשריי אָן א קאָפּ דערעכערעץ:

— פּעטראָוויטש, א, פּעטראָוויטש, וואָס שטייסטו? גיי פא־ריכט! נו, לעבעדיקער! ריר זיך!

ניט אויסצוהאלטן פון די ווײַבער.

אין א צוויי וואָכן ארום איז איבערן הויף פון פאבריק געווען אויסגעהאנגען א גרויסע אפישע

הײַנט וועט אין קלוב פאָרקומען אן אלגעמײַנע פאַרזאַמלונג פון די ארבעטער

טאָג-סיידער:

1. וועגן סאָציאליסטישן געוועט.
2. וועגן דער וועבער-פאבריק און איר ארבעט.

כ. סטאַלין וועגן סאָצגעוועט

„... עס טרעפט זיך, אז מע מישט צונויף סאָציאַליסטישן געוועט מיט קאָנקורענץ. דאָס איז א גראָבער טאָעס. סאָציאַליסטישער געוועט און קאָנקורענץ זיינען צוויי אינגאנצן פארשיידענע זאכן. דער פרינציפּ פון קאָנקורענץ איז: א מאפּאָלע און א טויט איינעם און ניצאָכן און הערשאַפט דעם צווייטן. דער פרינציפּ פון סאָציאַליסטישן געוועט איז: כאוועדשע הילף די אָפּגעשטאַנענע מיצאד די פאָרגעשריטענע, קעדיי דערשלאָגן זיך אן אלגעמיינעם אופשטייג. קאָנקורענץ זאָגט: דערשלאָג די אָפּגעשטאַנענע און פארפעסטיק דיין הערשאפט דער סאָציאַליסטישער געוועט זאָגט: איינער ארבעט שלעכט, דער צווייטער גוט, דער דריטער נאָך בעסער — דעריאָג די בעסערע און דערשלאָג זיך אן אלגעמיינעם אופשטייג".

פארגעבונג: שרייבט איבער די ווערטער: איטלעכע, מיידלעך, ווייבלעך, פריילעך, געלבלעך, ברייטלעך, פישעלעך, רינגעלעך.

דערמאָנט זיך נאָך ווערטער מיט עכ, עכע.

אלע שווערע ווערטער פון דעמדאָזיקן ארטיקל, ווי אופשטייג, פאָרגעשריטן און אנדערע, שרייבט ארײַן אין אייער ווערטערביכל און דערוויסט זיך זייער באטייט. דאָסזעלבע טוט מיט די ניט-פארשטאנדיקע ווערטער אין די ווייטערדיקע ארטיקלען.

אין שאַכטע

אָנגעטאָן אין א ספּעציעלן היטל מיט א לעמפּל אף מיין שטערן, האָב איך זיך ארײַנגעזעצט אין איינעם פון די קליינע פלאכע וואגאָנדלעך, וואָס קומען פון אונטער דער ערד. כ'האָב זיך אינעם קוילן-שטויב ארײַנגעזעצט, דעם קאָפּ איינגעבויגן צו די קני. נאָך דעם, ווי די גאנצע קוילן איז געווען אויסגעלאָדן, האָט זיך דער צוג א ריר געטאָן פון אָרט און מיט א טרוקענעם גערויש זיך אוועקגעקייקלט אין בארג ארײַן. אלץ טיפער, ווייטער האָבן זיך די וואגאָנדלעך געטראָגן דורכן שמאָלן פינצטערן טונעל. אזוי איינגעבויגן אין דרייען איך זאָל דעם קאָפּ ניט צעשמעטערן האָב איך אָנגעהויבן צו שפּירן דעם גרויסן בארג איבער מיר.

די וואגאָנעס זיַינען מיטאמאָל שטיין געבליבן. דאָ איז דער הויפּט-פּונקט, פונוואנען די וועגן צעלויפן זיך אף אלע זיַיטן. פונדאנען האָב איך זיך גענומען לאָזן צופוס. מיַין באגלייטער וואָרנט מיך, איך זאָל זיך היטן דעם קאָפּ ניט צעשלאָגן. דער טונעל איז נידעריק און עס קומט אויס צו גיין קעסיידער איַינגעבויגן.

כ׳בין א וויַילע געבליבן שטיין און זיך אָנגעהויבן צו צוהערן צו אלץ ארום. שטיל. די לופט ווערט אהער פון דרויסן געטריבן דורך מאשינעס. מע שפירט ניט, אז דאָ איז וויניק לופט.

באלד האָב איך אָנגעהויבן צו פארנעמען פון דער שטילקיַיט געהיימניספולע גערוישן.

— וואָס רוישט עס אזוי ווי א וואסער ערגעץ וויַיט?

— דאָס הערט מען ווי די לופט קומט אָן אין די זיַיטיקע קאמערן.



— וואָס קנאַקט עס אזוי אין די ווענט גליַיך ווי עמעצער ברעכט האָלץ אפן קני?

— דאָס דריקט די מאסע אף די ווענט. שטיקער קוילןשפּענער פלאצן אָפּ פון די ווענט. ניט קיין געפאר.

מיר האָבן זיך אוועקגעלאָזן וויַיטער צו פוס. וועגן און אונטערוועגן, הויפּט-גאסן און זיַיטיקע קאמערן מיט א טיידער צעשניטן און צעמאָסטן, און אומעטום די מאסיווע קוילן-ווענט. אף די ווינקלען — אופשריפטן, נומערן פון די גאסן.

די קוילן־ווענט גלאנצן און פינקלען מיט זייער שווארצקייט אנטקעגן דעם לעמפל, וואָס אַף מײַן שטערן.

ס׳הייבן זיך אָן דערהערן איינציקע קלעפּ. מיט שפּיציקע האמערס האקט מען ערגעץ א וואנט. ווײַט, גאָר ווײַט איז עס נאָך. דאָרט אין דער ווײַטקייט וויגט זיך א רויטלעכע שוואכע שײַן. אין דער שײַן וויגן זיך צוויי שאָטנס. איך קום צו נעענ־טער. די שאָטנס באקומען א מאמאָשעס — מענטשן. דאָס זײַנען צוויי קוילן־גרעבער בא דער ארבעט. פּאָרוויײַז טוען זיי זייער ארבעט. יעדער אין זײַן גאס, באם עק גאס, מיטן פּאָנעם צום וואנט, און מאכן דעם טונעל אלץ טיפער.

— האלאָ!

זיי ענטפערן שטיל. לאָזן אראָפּ זייערע שפּיציקע האמערס, קערן אָפּ זייערע פּענעמער צו אונדז, קוקן און שמייכלען. די פּענעמער שווארץ. בלויז ווו דער טראָפּן שווייס האָט זיך אראָפּגעקײַקלט איז געלבלעך.

— ארבעט, ארבעט, א שאָד די צײַט.

— אַרבעט, ארבעט, א שאָד די צײַט.

זיי נעמען זיך צו דער ארבעט. איינער הייבט אוף זײַן שפּיציקן האמער און הייבט אָן צו האקן אווטאָמאַטיש אין דער בידער. נעבן זײַנע טריט האקט ער אלץ טיפער און טיפער דעם שפּיציקן האמער אין דער וואנט ארײַן. דער אנדערער נעמט א לאנגן עקבויער, וואָס האָט פון דער אנדער זײַט אזא אויסגעבויגענעם ברייטלעכן אָנלען פארן ברוסט. און ווען ער שטעלט צו דעם שפּיץ פון בויער צום וואַנט, שפּארט ער אָן זײַן אייגענע ביינערדיקע ברוסט אָן דעם אָנלען, דריקט פעס־טער, פעסטער, דרייענדיק דעם בויער אין וואַנט ארײַן.

אז ער וועט מיט זײַן ברוסט און עקבויער גענוג טיפע לעכער מאכן, וועט ער זיי דערנאָך מיט פּולווער אָנפילן אונ־טערצינדן דעם קנויטל, אנטלויפן זיך אין א ווינקל באהאלטן און ווארטן ביז עס וועט אופרײַסן.

פון זייער ארבעט ווערט דער קוילן־שטויב געדיכטער און ער ווירבלט זיך בא דער שײַן, וואָס שלאָגט פון מײַן שטערן־

לעמפּל. איך שפּיר, אַז איך האָב אים, דעם שטויב, אין מײַן גאַנצן ווען. פון מײַנע לונגען צעגײט ער זיך אין אַלע ווינקלען פון גוף און ער באַשאַפט עפּעס א מין טרוקענעם געריש אין מיר.

מײַן באַגלייטער דערמאָנט מיך, עפּשער איז שוין צײַט פאַר מיר אַרויסצוגיין פון דאַנען — און מיר קומען ווידער אַרויס צום הויפּטוועג, צום צענטער, פון וואַנען וועגן צעלויפן זיך אין אַלע זײַטן.

איך האָב מיך אָנגעשטויסן אין א ליידיקן קוילן-וואַגאָנדל, וואָס איז געשטאַנען אויף די רעלסן. מײַן באַגלייטער האָט מיט א לאַנגן אײַזן א שניט געגעבן אין צוויי דראָטן, וואָס האָבן זיך איבער אונדז געצויגן. פונקען האָבן זיך א שאָט געטאָן. ס׳איז אַן עלעקטרישער סיגנאַל צו דער וועלט, וואָס דרויסן, צו דער גרויסער דינאַמאָ-מאַשין, דאָרט, בײַם מויל פון קוילן-גרוב. אונדזער וואַגאָנדעלע האָט זיך א ריס געטאָן, טראָגנדיק מיך און מײַן באַגלייטער.

מיט א ווילדער קראַפט האָט עס אונדז געריסן באַרג-אַרויף. באַרג אַרויף אַלץ נעענטער צום אַרויסגאַנג.

פון ווײַטן האָט זיך באַוויזן א דורכזיכטיקער זילבערנער פלעק. דאָס איז דער אַרויסגאַנג פון דער מינע, ווו דער ליכטיקער טאָג האָט גערוט.

פראַגן: 1. ווי קומט פאַר די אַרבעט אין שאַכטע?

2. וואָס פאַר א שוועריקײַטן און געפאַרן זײַנען בײַ דער אַרבעט?

3. וואָס פאַר א באַדײַטונג האָט שטיינקוילן אין דער פאָלקס-ווירטשאַפט?

דער אַרויסבאַקום פון קוילן אין די יאָרן:

	1927—28	1932—1933
דאָנבאַס	27 מיליאָן טאָן	$52^1/_2$ מיליאָן טאָן
אוראַל	$2^1/_2$ „ „	6 „ „
קוזנעצקער באַסיין . . .	2 „ „	6 „ „
אונטערמאָסקווער באַסיין	1 „ „	4 „ „

פאַרגעבונג: (אוקר.) שרייבט אַרויס באַזונדער די שטיק רייד (פּראָזעס) מיט „און" און מיט „אין" אָט אַזוי: האָט זיך דער צוג פון אָרט אַ ריר געטאָן און מיט טרוקענעם געררויש זיך אַוועקגעקייקלט אין באַרג אַרײַן.

דער טונעל איז נידעריק און עס קומט אויס צו גיין קעסיידער אײַנגעבויגן אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעלן היטל.

וואָס איז דער כילעק צווישן „און" און „אין"?

אַ מעכאַניזירטע שאַכטע

אַף וואָלאָסאָווער רודניק איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פולשטענדיקע עלעקטריפיקאַציע. די דאַמף-מאַשינען זײַנען אָפּגעשאַפט. אומעטום בלויז עלעקטריע.

אין אַ באַזונדער געבײַדע אַרבעט דער הייבער פון דער שאַכטנשטײַג. אַפן וועג צו דער גרויסער פירשטאָקיקער געבײַדע, וואָס איבער דער שאַכטע, האָט מען ניט לאַנג אויסגעבויט אַ באָד פאַר די קוילנגרעבער. אַ באָד בײַ דער סאַמע שאַכטע. די שאַכטיאָרן קומען צוגיין צום באָד, טוען זיך אויס און דערנאָך לאָזן זיי זיך אַראָפּ אין שאַכטע. נאָך דער אַרבעט קומען זיי ווידער אין באָד אַרײַן, נעמען אַ דוש און טוען זיך איבער. אין באַזונדערע שופלאָדן ליגט יעדנס אָנטאָן.

אין אַ קנאַפּער מינוט לאָזט מען זיך אַראָפּ אין הויפּטקאָרידאָר פון שאַכטע. אָט איז די אונטערערדישע עלעקטרעסטאַנציע. זי באַזאָרגט מיט עלעקטרישן שטראָם די עלעקטרעוואָגנס, וואָס פירן מיט אַ גרויסער. שנעלקײַט מיטאַמאָל צו 40 וואַגאָנעטקעס מיט אַנטראַציט. ס׳איז מאַמעש ניט צו גלייבן, אַז דאָס אַלץ איז אַף אַ טיף פון עטלעכער הונדערט מעטער אונטער דער ערד. אַדאַנק דער ווענטילאַציע איז די לופט דאָ אַ פרישע. אַפילע אַ ווינטל שפּאַצירט דאָ אַרום פײַפנדיק.

אָט איז די באַן, א קליינינקער עלעקטרעוואגאָן שלעפּט נאָך זיך א שווארצע לענטע — 40 וואגאָנעטקעס. די עלעקטרישע סיגנאליזאציע באווייזט, אז דער וועג איז פארנומען.

אָט איז א קאָלאָסאלע שטאָלענע טשערעפּאכע, א האקמאשינע. די האק-מאשין האָט מען איינגעשפּאנט אף אונטערשניידן דעם קוילנשיכט. דער אנטראציט גלאנצט ווי א גרויסער אויסגעצויגענער וואלפיש, וואָס איז אראָפּגעשווומען אפן וואסער. באלד וועלן זיך אין אים טיף איינשניידן די ציין פון דער מאשין.

אָט האָט מען געגעבן טאָק. די מאשין האָט זיך צעהודזשעט, צעשטויבט און ס׳קרישעט זיך אַן אנטראציט-פּאס אף א סאנטימעטער 10 די ברייט.

די מאשינע האָט פארביטן דעם מענטשן. האָט אים אויסגעלייזט פון אזא שווערער האָרעוואניע.

פראגן: 1. ווי קומט פאַר די ארבעט אין וולאסאָווער שאכטע?

2. ווי ארבעט זיך דאָ די שאכטיאָרן?

פארגעבונג: (אוקר.) שרייבט ארויס באזונדער די פראזעס מיט „און“ און מיט „אין“. קוקט זיך צו, ווען שרייבט מען „און“ און ווען „אין“.

וואָס איז אזוינס נאפט

נאפט איז א געדיכטע פעטע טונקעלע פליסיקייט. זי ברענט און גיט באם ברענען זייער פיל ווארעמקייט, קימאט צוויי מאָל אזויפיל וויפל שטיינקוילן.

דעריבער האָט נאפט אזא גרויסע באדייטונג אלס הייצונג פאר די גרויסע יאם-שיפן. קעדיי זיך באווארענען מיט הייצונג אף איבערפאָרן דעם אָקעאן, באדארף די שיף האָבן נאפט אסאך ווייניקער ווי קוילן.

נאפט איז וויכטיק ניט נאָר אלס הייצונג. פון נאפט באקומט זיך קעראָסין, בענזין, פארשיידענע שמיר-איילן און אנדערע זייטיקע פּראָדוקטן. פון נאפט באקומט מען אלערליי פארבן און פארפיומען.

ס׳איז שווער זיך פאָרשטעלן, אז זיי שטאמען פון דער שווארצער, פעטער, ניט גוט שמעקנדיקער פליסיקייט.

אונדזערע נאַפט-רײַכטימער

אונדזערע נאַפט-רײַכטימער זײַנען זייער גרויס. לויט דער צאָל נאַפט-רעזערוון (זאַפּאַסן) פאַרנעמט אונדזער פאַרבאַנד דאָס דריטע אָרט אין דער גאַנצער וועלט.

נאַפט באַקומט מען פון דער ערד. מע בויערט דורך די ערד ביז דעם שיכט, ווו סע געפינט זיך דער נאַפט, און מע פּאָמפּעט ארויס דורך דער דורכגעבויערטער לאָך.

אמאָל שלאָגט דאָ נאַפט פון אונטער דער ערד ווי א פאָנטאַן.

מער ווי אומעטום באַקומט מען בא אונדז ארויס נאַפט אף קאַווקאַז ארום די שטעט באַקו און גראָזנע.

ארויסבאַקום פון נאַפט אין פסס"ר

יאָרן	פּראָדוקציע אין מיל. טאָן
1913	9.194
1924—25	6.961
1925—26	8.215
1926—27	10.129
1927—28	11.045
1928—29	13.300

פראַגן: 1. וועלכע הייצונג ווערט גענוצט אין דער אינדוסטריע און אפן טראַנספּאָרט?

2. ווי באַקומט מען בא אונדז ארויס שטיין-קוילן? וואָס ווייסט איר וועגן זײַן אָפּשטאַם?

3. ווי באַקומט מען בא אונדז ארויס נאַפט?

4. וואָס איז אזוינס נאַפט?

5. פאַרוואָס לוינט עס בעסער הייצן מיט נאַפט ווי מיט שטיינקוילן?

6. וואָס באַקומט מען ארויס פון נאַפט?

אויפגאַבע: אף וויפיל האָט מען אין 1928—29 יאָר ארויסבאַקומען מער נאַפט איידער אין 1913?

אין לאנד פון שווארצן גאָלד

פעטקע איז געקומען קיין באַקו. ער איז שוין אַפן וואָק-זאַל. דארפן דארף ער אַפן טורעם נומער 23 צום פעטער מאַקסים. אַזוי שטייט בא אים אין ביכעלע פארשריבן. ער האָט געפרעגט בא א רויטן היטל (מיליציאָנער).

— זעץ זיך מיט דער באַן און פאָר קיין סאַבונטשי. דאָרטן וועט דיר יעדערער באַווייזן.

פעטקע האָט געטראָפן דעם פעטער בא דער אַרבעט.

— א, פעטקאַ! א גאַסט, א גאַסט! וואָס מאַכסטו? קום אַרייַן.

פעטקע האָט זיך פאָרזיכטיק דורכגעשטופּט אינעווייניק אין טורעם. ווענט פון ברעטער. אן ערדענער דיל פארשמירט מיט נאַפט. איינמיטן א הילצערנער קאַסטן. אַפן דעק א שווארצע לאָך, וואָס גייט אַראָפּ טיף אין דר׳ערד. לעם קאַסטן זיצט אן אַרבעטער. ער גיט אַכטונג אַף דעם שמוציקן קאַנאַט, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון שפּיץ טורעם אין ברונעם.

מאַקסים האָט זיך געפּאָרעט אין ווינקל פון דעם טורעם

פּעטקע איז צוגעגאַנגען ביזן סאַמע ברונעם.

דער קאַנאַט האָט זיך געהויבן אַרויף. צום ערשטן האָט ער זיך געצויגן פּאַוואָליע. נאָר באַלד האָבן זיך דערטראָגן פון דער טיפעניש פון ברונעם פאַרדומפּענע קלאַנגען פון קלעפּ... אַלץ העכער און דייַטלעכער.

פלוצלינג איז פונעם ברונעם אַרויסגעקראָכן עפּעס א מאָדנע, לענגלעכע באַשעפעניש, א מעטער פינף די לענג. די באַשעפעניש איז א ווייַלע געבליבן הענגען אין דער לופטן. נאָכדעם האָט זי זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אַף א הילצערן ברעטל, וואָס דער אַרבעטער האָט אונטערגעשטעלט.

ס׳האָט זיך דערהערט א לייַכטער קלאַפּ, און פון דער באַשעפעניש האָט זיך א גאָס געטאָן א געלבלעכע פליסיקייַט. די פליסיקייַט האָט גערונען איבער דער קאָרעטע, וואָס האָט

זיך געצויגן ווײַטער אין וואנט אריַין. די באשעפעניש האָט זיך אלעווײַלע אופגעהויבן, געהוידעט זיך אינדערלופטן און ווידער געטוקט זיך אין דער טיפעניש פונעם ברונעם.

פעטקע האָט אָנגעשטעלט אפן פעטער א פּאָר פארווּנדערטע אויגן:

— וואָס, זונדל, פארשטייסט ניט דעס סייכל דערפון? — האט געשמייכלט דער פעטער. א קליינע כאָבמע שטעקט דערין. ווי דו זעסט, ליגט די נאפט זייער טיף אין דר׳ערד. גראָבן פון אירטוועגן א ברונעם, ווי מע גראָבט געוויינלעך פאר וואסער, וואָלט געקאָסט זייער טײַער. האָט מען צוגעקלערט אזא מין עקבער, וואָס גראָבט אויס א לאָך. באקומט זיך א נאפט-ברונעם. די ברינעמער זײַנען אָפטמאָל זייער טיפע ביז 1 קילאָמעטער. פון דאָרט באקומט מען ארויס דעם נאפט. נאָר דאָס איז גאָר ניט. אָט ווען איך ענדיקן מײַן ארבעט, וועל איך דיר ערשט באווײַזן כידושים.



נאפט-פאָנטאנען

II

ווען דער פעטער האָט געענדיקט זײַן ארבעט, איז ער געגאנגען מיט פעטקען צו דעם אָרט, ווו ס'האָט געשפריצט א הויכער, שײַנער פאָנטאן. די געלבלעכע פליסיקײַט האָט ארויסגעזעצט פון דער ערד, געשפריצט אין אלע זײַטן און מיט גאנצע כוואליעס זיך געפליעסקעט אין דער ערד.

פעטקע איז געבליבן שטיין א פארוואונדערטער.

— נו, זונדל, וואָס ווּעסטו דערוף זאָגן? געפעלט עס דיר עפּעס?—האָט דער פעטער מאקסים זיך געוועורטלט.

— פארוואָס-זשע זעצט זי פון דער ערד?—האָט פעטקע געפרעגט.

— פארשטייסטו מיך,—האָט מאקסים אים געגעבן צו פאר-שטיין—דאָרט, אין די טיפעניש פון דער ערד, ווו ס'זאַמלט זיך אָן אסאך נאפט, ווערן אָפּטמאָל נאפט-גאזן. און אז מע בויערט דורך די ערד ביז צו זיי, שפארן זיי אַרויס און שלעפּן מיט זיך מיט אויך די נאפט.

— אך ס'ארא גרויסער פאָנטאן!—האָט פעטקע זיך אלץ געוואונדערט.

— הע, ס'איז גאָרניט אזא גרויסער—האָט דער פעטער געשמייכלט—אז איך בין געוועזן אזא ווערוריקל ווי דו, האָט ניט ווײַט פונדאנען אָנגעהויבן שפריצן א פאָנטאן. יענער איז געוועזן טאקע בעעמעס א גוואלדיקער פאָנטאן. דעם ערשטן טאָג האָט ער געגעבן א מיליאָן פוד נאפט. און דער איז אזוי זיך א פאָנטאנדל, ניט אזוי אײַ־אײַ

III

א גאנצע וואָך איז פעטקע געגאנגען מיטן פעטער איבער די נאפט-גרובן. וואָס האָט ער זיך דאָרטן ניט אָנגעזען! ער איז געוועזן אף די זאוואָדן, ווו מ'ארבעט איבער די נאפט. ער האָט געזען, ווי ס'ברענען די גאזן, וואָס שפארן פון דער ערד, און וואָס מע פלעגט זיי אמאָל פארעכענען פאר געטער און מע פלעגט זיך צו זיי בוקן.

ער האָט געזען ווי מע לאָדט אָן די נאפט אין די וואגאָ-נען-ציסטערנעס און די נאפט-שיפן. ער האָט געזען, ווי ס'גייט

אריַין די נאפט אין די טרויבן, וואָס ציִען זיך אף הונדערטער קילאָמעטער פון איין עק קאווקאז ביזן צווייטן.

שטארק איבערגעראשט געוואָרן איז ער פון א נאפט-סרייפע. דריַי טעג האָט געפלאַקערט דער נאפט-פאָנטאן און באנאכט האָט זיך געדוכט, אז א גרויסער פאקעל פלאקערט און רייסט זיך אין הויף אריַין. ערשט אפן פערטן טאָג האָט זיך איַינגעגעבן מיט גרויס מי אים צו פארלעשן...

מ׳האָט געשמועסט, אז דאָס האָבן אונטערגעשיקטע שפּי-אָנען אָפּגעטאָן אזא שפּיצל.

ווען פעטקע האָט דאָס דערהערט, האָט ער באם פעטער געפרעגט, צי איז עס טאקע עמעס?

— ס׳קען זייער זײַן — האָט געענטפערט דער פעטער, — מיר זײַנען זיי ווי זאלץ אין די אויגן. זיי איז א ווייטעק, וואָס מיר בויען אוף אונדזערע כורוועס. כוצדעם איז עס דאָך טאקע נאפט. ניט אומזיסט רופט מען עס: שווארץ-גאָלד. איַנ-דערעמעסן איז עס בעסער ווי גאָלד.

— מיט וואָס-זשע איז עס אזוי טײַער? — האָט זיך פעטקע געכידעשט.

— נאָך א מין טײַער! מיט איר שפּײַזן זיך די עראָפּלא-נען און לופטשיפן, אווטאָמאָבילן, טראקטאָרן. די גרויסע שיפן, פאבריקן און זאַוואָדן הייבן אָן די לעצטע צײַט זיך באהייצן מיט נאפט. נאפט איז די בעסטע הייצונג. און דערפאר טאקע רײַסן זיך איבער איר די קאפּיטאליסטישע מעלוכעס בא די נעזער.

— פארוואָס-זשע רײַסן זיי זיך? ס׳איז דאָ ווייניק?

— ווייניק ניט, און דערפאר וועלן מיר אינגיכן קאָנען פארשטעקן אין גארטל ניט נאָר אייראָפּע, נאָר אפילע אמעריקע, וואָס בלאָזט פון זיך מיט איר אשירעס.

— אוודע וועלן מיר זיי איבעריאָגן — האָט פעטקע גע-זאָגט פעסט און אין זײַנע אויגן האָט זיך געזען א זיכערקײַט.

פראגן: 1. וואָס רופט מען „שווארצער גאָלד“ און פארוואָס?

2. ווי קומט פאָר דער פּראָצעס פון באקומען נאפט?

פארגעבונג: באמערקט, אין וועלכע פאלן שרײַבט מען „און“ און אין וועלכע—„אין“

לענין וועגן עלעקטריפיקאציע

„אויב רוסלאנד וועט באדעקט ווערן מיט א געדיכטער נעץ עלעקטרישע-סטאנציעס און מעכ-טיקע טעכנישע אויסשטאטונגען, וועט אונדזער קאמוניסטישע ווירטשאפטלעכע בויונג ווערן א מוסטער פאר דער קומענדיקער סאציאליסטישער אייראפע און אזיע.

קאמוניזם — דאס איז ראטנמאכט פּליוס עלעק-טריפיקאציע פונעם גאנצן לאנד“

לענין

וואס איז אזוינס „ווײַסע“ קוילן?

ווייסן ווייסן עס אלע, אבער ניט אונטער אזא נאמען. יעדעס טײַכל, יעדעס ריטשקעלע טראגט אין זיך רעזערוון (זאפאסן) ווײַסע קוילן. אזוי רופט זיך דאס גייענדיקע וואסער גופע. וואסער איז אויך אימשטאנד צו ברענגען אין באוועגונג א מאשין.

באם אײַנשטעלן וואסער-מילן ווערט די גרעבלע געמאכט אזוי, אז דער איבערפלאך פון וואסער הייבט זיך אויף. דאס וואסער, וואס פאלט פון דער הויך, דרייט די וואסער-ראד. וואס מער וואסער סע פליסט און וואס שטארקער עס פאלט, אלץ מער ארבעט קאן זײַן.

אף דער ערד איז פאראן אסאך גרויסע טײַכן, וואס האבן ביז איצט פרײַ געקײַקלט זייערע וואסערן. די וויסנשאפט האט אויסגערעכנט, וויפל ארבעט לעפּערעך קאן מען באקומען פון די טײַכן און וואסער-פאלן אין פארשיי-דענע לענדער, ווען מע זאל זיי אלע אײַנשפּאנען אין דער ארבעט. ס'ווײַזט זיך ארויס, אז דידאזיקע צאל איז זייער א גרויסע.

בא אונדז אין לאַנד וואָלטן די רעזערוון וואַסער-קראַפט געקענט פאַרבײַטן אַלע יאָר ביז 170 מיליאָן טאָן קוילן. דידאָ-זיקע ציפער איז קימאַט 6 מאָל גרעסער ווי דער יערלעכער ארויסבאַקום פון קוילן אין דאָנבאַס.

אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס-זשע נוצט מען ניט אויס אַזעלכע רײַכטימער? דער טערעץ איז, וואָס ס'איז גאָר ניט אַזוי גרינג אויסנוצן דידאָזיקע רײַכטימער. ס'איז גאַנץ פּאָשעט אײַנצו-צאַמען אַ קליין טײַכל און אָפּשטעלן דאָרט אַ מיל. נאָר פיל שווערער איז צו טאָן עס מיט אַ גרויסן טײַך. ערשטנס, איז דאָרט זייער שווער אויסבויען אַ גרעבליע. צווייטנס, אויב אַפילע סע האָט זיך אײַנגעגעבן דאָס מאַכן, ווײַזט זיך אַרויס אַ נײַע שווערקײַט. וווּהין טוט מען אַהין דידאָזיקע אומגעהײַערע קראַפט וואָס די גרעבליע קלײַבט אויף?

די נײַסטע טעכניק האָט דידאָזיקע אויפגאַבע געלייזט. אַפּן אָרט פון דער וואַסער-פאַרצוימונג בויט מען עלעקטרישע סטאַנ-ציעס. די מאַשינעס אַף אָט-די סטאַנציעס ווערן געבראַכט אין באַוועגונג דורך די טורבינעס (רעדער), וואָס דרייען זיך פון פאַלנדיקן וואַסער. די סטאַנציעס גיבן איבער דורך דראָטן דעם עלעקטרישן שטראָם אַף גרויסע שטרעקעס אין אַלע זײַטן.

אויסנוצן די „ווײַסע קוילן” אַמבעסטן קאָן דאָס לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַ הייכע טעכניק און אַן אַנטוויקלטע מאַשין-אינדו-סטריע. פון דער אַנדערער זײַט איז יעדע אויסגעבויטע עלעק-טרישע סטאַנציע אַף ווײַסע קוילן פּאָדערט אַליין און רופט אַרויס נאָך זיך די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און אינדוסט-ריע. דעריבער האָט וו. א. לענין געזען אינעם אויסבויען אַזעלכע סטאַנציעס אַ מעכטיק מיטל אַף אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין אונדזער ראַטן-פאַרבאַנד.

פראַגן: באַ וועלכע טנאָים ווערט דאָס וואַסער אָנגערופן ווײַסע קוילן? וויאַזוי בויען זיך וואַסער-מילן? וויאַזוי בויט מען עלעקטער. סטאַנציעס אַף ווײַסע קוילן? וואָס פאַר אַ באַדײַטונג אין זין פון אָפּשפּאָרן הייצונג האָט דאָס בויען עלעקטרישע סטאַנציעס אַף ווײַסע קוילן?

וואָלכאָוובוי

וואָלכאָוובוי איז אַן עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס איז אויס־געבויט אפן טײַך וואָלכאָוו, נישט ווײַט פֿון לענינגראַד.

איינער פון די אויסלענדער, וואָס האָט באַקוקט וואָלכאָוו־בוי, האָט געזאָגט:

— אזוינס האָבן געקאָנט אויסבויען אָדער אמעריקאַנער, אָדער באָלשעוויקעס. א מעשונעדיקע אקשאָנעס, אַן אײַזערנער ווילן!



וואָלכאָוובוי

וועגן וואָלכאָוובוי רעדט מען אין אויסלאַנד ווי וועגן איינע פון די גרעסטע בנינים אין דער וועלט.

וואָלכאָוובוי האָט געקאָסט 100.000.000 רובל.

די קראַפט־סטאַנציע פון וואָלכאָוובוי האָט 8 טורבינעס צו 10 טויזנט פערדקראַפט יעדע. צוזאַמען 80.000 פערדקראַפט. וואָלכאָוובוי פאַרבײַט מיט זיך 1.200.000 אַרבעטער.

די עלעקטרישע ענערגיע, וואָס די סטאַנציע גיט, שפּאָרט אײַן 300.000 טאָן קוילן א יאָר.

אַף וואָלכאָווּבוי איז אווּעק 20.000 טאָן אײַזן, 100.000 טאָן צעמענט, 5.000.000 שטיק ציגל, 50.000 קובישע מעטער שטיין, און א מאַסע געהילץ.

די צאָל מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט באַם בויען די עלעקטרעסטאַנציע וואָלכאָווּבוי, איז אין אייגיקע צײַטן דער-גאַנגען ביז 15.000 מאַן.

אויפגאַבע: שרײַבט איבער דעם אַרטיקל פון אָבּוזאַץ (שורע) „וואָל-כאָווּבוי האָט געקאָסט“ ביזן סאָף.

די צאָלן פאַרשרײַבט מיט ציפער און מיט ווערטער, לעמאָשל: אַנשטאָט 100.000.000 ר. שרײַבט 100 מיליאָן רובל.

דנעפּערבוי

איבער אַלע ברעגן אין א טאָג א העלן
וועט מען סטויפּעס לאַנגע אומעטום צעשטעלן.

איבער אַלע פּוסטע אומרויִקע לענגען
וועט מען דראָטן דינע אומעטום צעהענגען.

און אַהין, ווו כאַטקעס אומעטיקע זינקען,
וועט דער טײַך צעשיקן טויזנטער פונקען.

און די גרעסטע קויכעס איבער די פאַבריקן
וועט דער אַלטער דניעפּער אומעטום צעשיקן.

איבער אַלע דערפער, שטעטעלעך און סקווערן,
וועט דער טײַך צעשיקן טויזנטער שטערן.

ווען יענע שטערן זייער ליכט צעגיסן
איבער ווינקלען גרויע מיט צעשײַנטע גריסן.

און אַהין, ווו כאַטעס אומעטיקע זינקען,
וועט דער טײַך צעשיקן טויזנטער פונקען.

דנעפּערבוי

נאָך אין 1920-טן יאָר האָט דער כ. לענין אראָפּגעשיקט א גרופּע אינזשענערן קיין קיטשקאס פּלאנירן דעם דנעפּערבוי. צוגעטראָטן צו דער ארבעט אָבער איז מען ערשט אין 1926-טן יאָר. די בעסטע ספּעציאליסטן ארבעטן דאָרט. די גאנצע אר-בעט ווערט געפירט מיטן כעזשבן, אז צום 1-טן דעקאבער 1932-טן יאָר זאָל דנעפּערבוי זײַן פארטיק.

אין דער נאָענטסטער צײַט וועט מען איבערן דנעפּער מאכן א בעטאָן-פארצוימונג, דאָס וועט אופהייבן דאָס וואסער פון טײַך אף 35 מעטער די הייך און וועט פארדעקן די בא-רימטע דנעפּער-שוועלן. דעמאָלט וועלן דאָרט קאָנען גיין קאָלערליי שיפן.

באם ברעג דנעפּער, הארט בא דער פארצוימונג, וועט מען בויען אן עלעקטרישע סטאנציע. דאָס וואסער וועט אראָפּ-פאלן 35 מעטער די הייך און וועט ברענגען אין באוועגונג די וואסער-טורבינעס. די סטאנציע וועט פארמאָגן ביז 650 טויזנט פערד-קראפט.

ארום דער עלעקטרישער סטאנציע וועט מען בויען אסאך נײַע פאבריקן און זאוואָדן. דאָרט וועלן באקומען ארבעט ביז 60 טויזנט קוואליפיצירטע ארבעטער.

אפן דנעפּערבוי האלט מען שטארק פון דינאמיט און מע-ליניט. מיט דעם רײַסט מען אוף די ארומיקע פעלדזן. פון די-דאָזיקע פעלדזן-שטיינער בויט מען הײַזער.

גלייך ווי מע רײַסט אוף די פעלדזן-שטיינער, אזוי כאפּן זיי אָן קראנען מיט שטאָלענע מײַלער, טראָגן זיי אריבער אין די וואגאָנעס. פון דאָרט דערלאנגט מען זיי אין די שטיין-מילן, וואָס זײַנען דאָ ספּעציעל אויסגעבויט.

איבערן גאנצן ברעג טײַך גייט א רײ צעמענט-בעטאָן-זא-וואָדן, זעג-מילן, מעכאנישע ווארשטאטן א. א. וו.

איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָ טוט זיך, ווען די אלע זאוואָדן ארבעטן, ווען קאָרעוו צען טויזנט ארבעטער

בויען די גרעסטע עלעקטרישע סטאנציע אין ראטנפארבאנד, ווען מאשינעס רוישן און דינאמיט רײַסט זיך און דונערט איבערן דנעפּער.



דנעפּערבוי

ווען די גרונט-פארצוימונג וועט זײַן פארטיק, וועט דאָס וואסער זיך אופהייבן אף 35 מעטער. דאָרט, ווו ס'איז ביז ניט לאנג צוריק געווען די קאָלאָניע קיטשקאס, וועט אלץ פארגאָסן ווערן מיט וואַסער. דאַן וועט דער דניעפּער האָבן גאָר אן אנדער אויסזען.

אפן אָרט, ווו ס'זײַנען געשטאנען ווילדע פעלדזן-שטיינער וועט שטיין די גרעסטע עלעקטרישע סטאנציע — דניעפּערבוי.

פראגן. ווי גייט די ארבעט אפן דנעפּערבוי?
וואָס פאר א באדײַטונג האָט דער דנעפּערבוי פארן לאנד?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: דניעפּער, מעטער. דער-מאָנט זיך און שרײַבט אָן נאָך אזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט געהאט איבערגעשריבן אין א פאָריקער פארגעבונג צוזא-מען מיט די ווערטער „דניפּער“, „מעטער“.

1553—6*

א פעלדז נאָך א פעלדז

א פעלדז האָט א פעלדז דאָרטן דוירעס געהיט,
א פעלדז נאָך א פעלדז איצטער רײַסט זיך און פליט.

און פליט אינעם טײַך אינדערווײַט, אינדערהייך,
מיט שטיין און מיט זאמד, און מיט שטויב און מיט רויך.

וואָס דונערט אזוי דאָרט, וואָס הודעט און בליצט?
א פעלדז האָט דאָרט טויזנטער שטיינדלעך צעשפריצט.

און נעמט ניט דער האמער — איז דאָ דינאמיט,
א פעלדז נאָך א פעלדז דאָרטן רײַסט זיך און פליט.

פארגעבונג: לייענט איבער אינדערהייך דעם געדיכט.
שרײַבט איבער די ווערטער: פעלדז, האלדז, גאנדז, בראָנדז, אינדזל, לינדזן, אונדז.

וויפל וועט אָפקאָסטן דער דנעפערבוי

אויסבויען א דאמבע אפן דנעפער קאָסטט	27.302.000	ר.
„ „ אן עלעקטרישע סטאנציע „	10.475.000	„
„ „ א בריק איבערן דנעפער „	10.449.000	„
„ „ אן אײַזנבאן . . . . . „	28.463,000	„
איינאָרדענען דעם שיפגאנג . . . . „	7.107.000	„
מאכן א ליניע אף איבערגעבן דעם עלעקטרישן טאָק	8.654.000	„
באהילפיקע געביידעס	2.775.000	„
אן ארבעטער-שטעטל פאר די ארבעטער	2.576.000	„
אנדערע הויצאָעס	25.165.000	„

אויפגאבע: 1. בארעכנט, וויפל וועט אינגאנצן קאָסטן דער דנעפערבוי.
דערבײַ טוט אזוי: לייגט צונויף די ערשטע דרײַ צאָלן און פארשרײַבט די סומע. לייגט ווײַטער צונויף דרײַ צאָלן און דערנאָך די לעצטע צאָלן.
לייגט צונויף די דרײַ באזונדערע סומען, וועט איר באקומען די אלגעמיינע סומע.
2. בארעכנט אף וויפל מיליאָן רובל וועט דנעפערבוי אָפ-קאָסטן מער איידער וואָלכאָוובוי.*

* זע זײַטן 78—79.

דער קאָנווייער פון אינסטרומענטן

אסאך שלעסערס, טאָקערס און דרעליער האָבן געלאכט פון די אויסטראכטענישן און נייַסן, וואָס מע האָט געוואָלט איינפירן.

ס'איז שווער געווען צו גלויבן, אז עפּעס, כ'וויס, — טעלעפאָנען, וואגאָנעטן-טראנספּאָרטירלעך וועלן מאכן א סאָף צו דער לויפעניש פון איין שטאָק אפן צווייטן, פון מייַסטער צום צייכענער, פון לאגער אין דעם אינסטרומענטן-צימער.

אָבער איצט האָט מען אפן 2-טן מעכאנישן זאוואָד „רוסישער דיזעל" גויוער געווען די אומזיסטע ארבעט-פארשווענדונג. אף אלע שטאָקן, ניט ווייַט פון די סטאנאָקעס, זייַנען אייַנגעשטעלט טעלעפאָנען-אפּאראטלעך. יעדער שטאָק איז פארייניקט דורך א טראנספּאָרטיר מיט דעם צייכענונג-צימער. פון סקלאד און פון דעם אינסטרומענטן-צימער זייַנען דורכגעפירט אייַזערנע רערן צו דער צעכן-קאָנטאָר.

דאָס אלעס צוזאמען איז קונציק, דורך קלאנגען-סיגנאליזאציע פארייניקט מיט אלע אָנפירנדיקע צענטרען פון צעך.

גאנצפרי, ווען דער ארבעטער גייט דורך פארביי פּענצטערל פון צעכן-מייַסטער, באקומט ער א נאריאד מיט א פּינקטלעכן אָנווייַז פון דער פרייַז און צייַט. דערנאָך גייט ער גלייַך צום סטאנאָק.

ער באווייַזט זיך ניט אומקוקן, ווי ס'איילן צו אים שלעפּן מיט אינסטרומענטן און מאטעריאלן. ווייַזט זיך ארויס, אז פאר דער צייַט האָט מען פון דעם צעך קאנטאָר דורך די רערן באוויזן שיקן אין אינסטרומענטן-צימער א פאָדערונג דערלאנגען דעם פון פריער צוגעגרייטן אינסטרומענט.

אן אלטער טאָקער, כאווער בודאקאָוו, זאָגט:

— מיר האָבן געמיינט — א שפּילעכל, — ערשט נײַן. א גרויסע קולטור איז, כאווירים, אין אָט די צאצקעלעך.

יאָ, א גרויסע קולטור.

גרויס איז דער ערשטער מעכאנישער צעך אין „רוסישן דיזעל", נאָר קיין טאָלק איז דאָרט ניט געווען. אָפט

פלעגן שטיין ליידיק צונויפקוועטשערס פון די ריזיקע אמערי־קאנער פאטראָנעס בא די גרויסע סטאנאָקעס. ווער איז שולדיק? צי דער מײַסטער, צי דער ארבעטער? מע קאָן ניט דער־גיין קיין אָנהייב און קיין סאָף. און אָט האָט מען באשלאָסן מאכן פאר אזא מאסן־קאָנטראָליאָר א געוויינלעכן עלעקטרישן אויסשליסער און א צענדליק רויטע און בלויע עלעקטרישע לעמפעלעך.

דער סטאנאָק האָט געמאכט דעם לעצטן אומדריי, ניטאָ קיין ארבעט: מאָמענטאל צינדט זיך אָן א רויט לעמפעלע. דער דעזשורנער ווארפט ארויס, ווי דעם מײַסטער אלס פאָרוורף, א גרויסן נומער פון סטאנאָק, וואָס איז שטיין געבליבן. ווען אין דעם אָפּשטעל איז שולדיק דער קראנאָווטשיק, צינדט זיך אָן א בלוי־לעמפעלע, ווידער ווארפט זיך ארויס א נומער. גע־שווינד קלײַבן זיך אָן די מינוטן פון שטיין. פינף... צען... פופצן.. ווי מיט א בײַטש שמײַסן זיי דעם שולדיקן אין פארהאלטן די ארבעט.

זיי יאָגן אונטער, טרײַבן צו, קיין שום צונופריידן זיך צווישן ארבעטער מיטן מײַסטער קאָן ניט באהאלטן דעם שטיין בלײַבן.

דער ארבעטער אליין קאָן קיינמאָל ניט צושרײַבן קיין אי־בעריקע צײַט, וואָס ער שטייט ליידיק. דער ריכטער מיט די פארשיידנקאָלירנדיקע אויגן איז יושערדיק און שטרענג.

פראגן 1) וואָס פאר א נײַס האָט מען אײַנגעפירט אין זאוואָד?

2) ווי האָט עס געווירקט אף דער ארבעט?

3) ווו איז גרינגער דעם ארבעטער אין אן אלטער אָדער אין א ראציאָנאליזירטער פאבריק (דערמאָנט זיך וועגן דער נײַער פאבריק אין איוואנאָווא־וואָזנעסענסק, וועגן דער מעכאניזירטער שאכטע).

4) ווו באקומט מען מער פראָדוקציע?

5) פארוואָס ראציאָנאליזירט מען בא אונדז די פאבריקן און זאוואָדן?

פארגעבונג: געפינט אין דעמדאָזיקן ארטיקל פראזעס מיטן באזונדערן וואָרט „צו". שרײַבט זיי איבער. שרײַבט איבער באזונדער די פראזעס מיט „צי". וואָס איז דער כילעק צווישן די ווערטער „צו" און „צי".

אופגעשטעלט דעם ציגל-זאוואָד

ס'איז געווען א זעלטן שיינער טאָג. מאָרגן איז א יאָנטעוו, היינט—ערעוו יאָנטעוו. ס'איז פריילעך, ס'איז גוט אפן הארצן.

די זון האָט זיך פארטאָג ארומגעוואשן אין רויטע „מילינקעס" און איז ארוף אפן זאוואָד א ריינע, א ציכטיקע.

היינט זיינען אלע ארבעטער ארויסגעגאנגען צו דער ארבעט נאָך העט פריער פארן פייף.

כעוורע האָבן זיך גענומען צו דער ארבעט. דער צענערעק-טער, פארלאָזטער ציגל-זאוואָד מוז זיין גאנץ. נאָך גאנצער ווי פריער.

שטייען טאקע אלע מיט פארקאשערטע ארבל און מע פא-ריכט, מע רייניקט און מע פוצט. ארבעטער מיט לאָפּעטעס, מיט קירקעס, האקן, גראָבן, ווארפן און פירן.

די זון העלפט:

זי ווארפט אראָפּ די היטלען פון די ארבעטער, צעכראַס-טעט זיי די ברוסטן און קיצלט זיי מיט שטראלן איבער פאר-ליימיקטע קעפּ.

אין מאשינען-מויער איז פול מיט גערויש. דעם פרעס האָבן באלאגערט שלאָסערס קאָוואליעס. מע קראצט אים, מע שאָבט אים.

אלע מאָל שאפן זיי זיך מיט יינגלעך-העלפערס.

— שפּרינג נאָכן העמערל! אהער די צוואנגען!.. אף איין פוס נאָכן דורכקלאפּער!.. א נו, דעם האמער... האק-בוך-בוך-דזין...

— האק-בוכן מישן זיך איבער מיט הייזעריקן כראָפּ און קריץ פון זעגן.

— גי—כ—כע—ר, גי—כ—כ—ע—רר, גיכע—ר! כריוקען בייכיקע זעגן איבער באלקנס.

כאפן עס אונטער גרויסע און קליינע הובלס איבער לוי-טערע ברעטער און שפּייען דערביי ארויס פון אָפענע מיילער לויטערע, דורכזיכטיקע, געקרייזלטע סטרוזשקעלעך...

פונדער ווייטנס ווערט דער גאנצער געפילדער פאר-הילכט מיט געשרייען און איבערופן פון מולערס און אויוונער.

די זעקס שאָ זײַנען דורכגעפֿלויגן.

אָט ערשט, דאכט זיך, געשטעלט זיך צו דער ארבעט, און שוין א גרויסארטיקער פּײַף הייסט אוועקווארפֿן די ארבעט. נאָר עפּעס קיינעם גלוסט זיך עס ניט טאָן· מאָרגן איז יאָנטעוו — ערשטער מײַ איז מאָרגן. הײַנט איז ערעוו יאָנטעוו. און איבערמאָרגן? איבערמאָרגן לאָזט מען דעם זאוואָד. אן אייגענעם זאוואָד לאָזט מען.

ווילט זיך נאָך יעדערן עפּעס דערטאָן, עפּעס פארענדיקן...

גוטהארציקע, פריילעכע, יאָנטעוודיקע ארבעטער כאפּן א קוק אין פארשיידענע אָפּטיילונגען: געבײַדעס, אריוונס, אומעטום ריין, ציכטיק, אויסגעפּוצט, יאָנטעוודיק.

II

איבערמאָרגן. פּײַף פון הודאָק האָט קיינעם פון די ארבע-טער ניט אופגעוועקט: עפּשער א קינד, אן אלטן זיידן אראָפּ־געשלעפּט פון בעט גיין קוקן דורך שפּארונעס פון פארקן, ווי מע לאָזט דורך זייערן א זאוואָד· נאָר ארבעטער זײַנען שוין לאנג געזעסן אפן פריזבע פון עס־זאל, אף אויסגעמאָסטענע ציגל. גערויכערט, געשמועסט, געווערטלט זיך... דער פּײַף האָט צע־שטעלט ארבעטער אף קאָלערלײַ ארבעטן.

און דאָ פלוצים: — האק! און באלד א צווייטער און א דריטער און:

סע פליען שוין טרעפּ אראָפּ, שטיקער ליים, פליאכעס ליים, הרודעס ליים. שטיקער ליים כאפּן זיך ארוף אף הענט, אף לאָ־פּעטעס און פאלן מיט א גערויש אין אומגעדולדיקטע וואגאָנעט־קעס.

פאסן, שקיוון, רעדלעך האָבן אפן שטאפּעט פון מאכאָוויק דורכן טראָג־רימען זיך געטאָן א שטעל אָן, א שטופּ מיט די אקסלען, עלנבויגנס, און באלד גענומען זיך דרייען, לויפן, פאר־לויפן, יאָגן, איבעריאָגן, וואָס אמאָל געשווינדער, וואָס ווײַטער שנעלער, וואָס א רעגע געשיקטער, פלינקער·

ס׳איז געוואָרן אן איבערקערעניש צווישן רעדער, פאסן, שקיוון. מע האָט זיך צעזונגען אין מיליאָנען קלאנגען. געטארא־

ראכקעט מיט קאָלערליי קלאַפּעריַיען... ראַליקעס אַף זייערע טרומייטן, וואגאָנעטקעס אַף זייער לאָשן.

דער פרעס האָט ארויסגעשפּארט א לאנגע גראָע צונג-ליים. די ליים האָט זיך געהאקט אַף ציגל. די ציגל האָט מען געשטעלט אַף א טאטשקע.

האָבן זיך טאטשקעס געקוליעט, געקלונגען. ציגל האָבן זיך ארופגעכאפּט און זיך צעשטעלט אין שורעס, זיך פארוואנדלט אין סעגלען: א סעגל לעכער, א סעגל ציגל.

די זון האָט זיך גערוקט אפן הימל ארוף. זיך געראָזעוועט, געגילדעט זיך און ערד, זיך און ארבעטער...

פאר דעם טאָג זייַנען די סאראיען פול געוואָרן מיט ציגל.

אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך דער הויפּט-אינזשענער גענומען צונויפשטעלן א סמעטע אַף רעמאָנטירן און לאָזן די איבעריקע פארלאָזענע זאוואָדן.

פראגן: 1. ווער האָט גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין אופשטעלן דעם ציגל-זאוואָד?

2. וואָס פאר אן ארבעט האָבן דורכגעמאכט די ארבעטער?

3. פארוואָס האָבן די ארבעטער מיט אזא פרייד באגעגנט די עפענונג פון זאוואָד?

א קוואליפיצירטער אומבייַט

מיר האָבן זיך געלאָזט גייַין אַף דער פאבריק, קעדיי באטראכטן די שול פאר פאבריק-זאוואָדישער שילערייַ.

אינמיטן קאָרפּוס ציט זיך א ריי מאשינעס און סטאנאָקעס. לעם זיי שטייען יינגלעך און מיידלעך.—„דאָס זייַנען אונדזערע פאבזאווּשילער"—האָט שטאָלץ געזאָגט דער טעכנישער אָנפירער, —„זיי זייַנען דאָ אַף פּראקטישער ארבעט".

ער פירט אונדז צו צום „סעלפאקטער", אזא גרויסע שפּין-מאשין. בא דער מאשין שטייען כעוורע. אונטער דער אָנפירונג פונעם מייַסטער ארבעטן די פאבזאווּשילער אָנגעשטרענגט און געשיקט.

— אונדזערע פאבזאַוושילער שטייען קיין האָר ניט אָפּ אין דער ארבעט פון די דערוואַקסענע אַרבעטער — זאָגט דער מײַסטער — און אין פלינקײַט און פארשטאַנד שטײַגן זיי אַפי־לע אריבער אַסאַך דערוואַקסענע.

אביסל פון דערווײַטנס, בײַ א וועב-שטול פּאָרעט זיך מיט אינסטרומענטן אין דער האַנט דער פאבזאַוושילער סאָראָקין. ער האָט שוין אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן. איצט ארבעט ער אי אַלס אינסטרוקטער, אי אַלס געהילף־מײַסטער. ער באַגייט זיך מיטן סטאַנאָק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי א דאָקטער

א פ א ב ז א ו ו ש י ל ע ר

מיט א כוילע: מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט באַטראַכט ער, גע־היט קלאַפּט ער איבער אים מיטן האַמער, טאַפּט און גלעט מיט דער האַנט די טיילן פונעם סטאַנאָק און שטיל מיט צאַרטקײַט אין שטים זאָגט ער:

— „אהא, אביסל קראנק געוואָרן און צערודערט געוואָרן. נו, סע גאָר ניט, מירן זיך באלד נעמען היילן!“

ער קריכט ארונטער אונטערן סטאנאָק און הייבט אָן דאָרטן עפּעס אונטערצושרויפן, עפּעס אריינטרייבן מיטן העמערל.

— אנו, גיט נאָר א קוק, ווי סע ארבעטן אונדזערע פּאבזאווּשילערנס אָן אף יענעם קאָמפּליצירטן סטאנאָק, — זאָגט אונדז א צווייטער מײַסטער — זיי שטייען ניט אָפּ פון די אַלטע וועבערנס!

ניט אומזיסט רופט זיך אָפּ דער טעכנישער אָנפירער, דער עלצטער ספּעציאליסט, וועגן די פּאבזאווּשילער אזוי:

— אף דער מאשין און אפן סטאנאָק קוקן זיי ווי אף א באָענטן, אייגענעם מענטשן.

פראגן: 1. אין וואָס פאר א שול גרייט מען ארבעטער פאר די פאבריקן?

2. צי איז פאראן בא אײַך א פאבזאוושול? דערציילט וועגן איר וואָס לערנט מען אין פאבזאוושול אכוץ דער ארבעט?

3. צי זײַנען געווען אזוינע שולן פאר ארבעטער ביז דער רעוואָליוציע?

4. פארוואָס איז אזוי וויכטיק גרייטן א קוואליפיצירטן אומבײַט?

III. פּראָפּאַרייַנען

אין פּאַריין

א צימער 3 מעטער אף 3 מעטער. באם וואנט א טיש. אנט-קעגן טיש — א טיר. באם טיש זיצט טיאָמקין. ער לייענט איין פּאפּירל נאָכן אנדערן. שרייַבט אף פּאפּירלעך. שרייַבט ארייַן צו זיך אין ביכעלע.

אָנפרעגן, פּארוואָס האָט מען אָפּגעזאָגט די ארבעטער?

א שמועס טאָן וועגן פּוסט- און- פּאסעוון.

צונויפרופן די קלוב־פּארוואלטונג.

דורכקאָנטראָלירן ווי גייט דער סאָצגעוועט.

אָרגאניזירן אַן ארבעטער-בריגאדע און שיקן אין דאָרף.

אין צימער גייען ארבעטער ארייַן און ארויס

א דריטער, א פערטער, א צענטער... מע זאָל דאָ זייַן גאנצע טעג — וועט מען ניט אופהערן גיין. דאָ איז דער פּראָפּאריין. סיקלינגט דער טעלעפאָן:

— מע האָט אויסגעצאָלט געהאלט? גוט.

— פונוואנען? א פּראָדוציר־בעראטונג? כ׳וועל קומען.

ארויסגעזעצט די פּרייַזן? כ׳וועל קומען צו פאָרן וועלן מיר זיך דורכריידן.

דער שוימער האָט שוין עטלעכע מינוט ארייַנגעקוקט אין צימער. און טיאָמקין זיצט אלץ און שרייַבט, רעדט דורכן טעלעפאָן, הערט אויס די אָנגעקומענע, גיט פּאראָרדענונגען.

5 אזייגער. גיין אהיים איז קיין צייַט ניטאָ. א זיצונג אין קעמערל, א מיטינג אין קלוב.

ערשט שפּעט באנאכט לויפט טיאָמקין אהיים אַן אופגערעגטער, אַן אייַנגעמאטערטער.

פראגן: 1. מיט וואָס איז געווען פארנומען טיאָמקין?

2. מיט וואָס ווענדן זיך די ארבעטער אין פּראָפּאריין?

3. צי איז אײַך אויסגעקומען ווענדן זיך אין פּראָפּאַריין? דערציילט וועגן דעם.

וואָס טוט אײַער פּראָפּאָרגאַניזאַציע, אַז די אונטערנעמונג זאָל אויספילן איר פּראָדוציר פּראָגראַם?

פּאַרגעבּונג: שרײַבּט איבּער די ווערטער: אַנטקעגן, נאָכן, אַנדערן, אָנפרעגן, וועגן, פאָרן, צונויפריידן, דורכן.

אויסגעקליבּן אַ גוטן פּאַבּקאָם

דער פּאַבּקאָם האָט ניט געוואָלט מאַטריִען זײַן די אַרבּעטער מיט אַ טרוקענעם בּאַריכט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ נדערהאַלבּן טויזנט געדרוקטע בּאַריכטן און זיי צעטיילט אַף די הענט.

די רויטע בּיכלעך מיטן בּאַריכט זײַנען אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מע האָט זיי געלייענט אין די צעכן, אין קלובּ, אין די צוזאַמענווײַנונגען. מע האָט געלייענט גרופּנווײַז אַף דער דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג, אַף דער קאָנפערענץ. מע האָט זיך אומעטום געאַמפּערט. מע האָט געפונען, אַז די אַרבּעט פון פּאַבּקאָם איז נאָך ניט אינגאַנצן אײַנגעאָרדנט.

— אַלע יאָר קלײַבּן מיר צוויי מאָל—האָט זיך דוואָרניקאָוו געהיצט, — און וואָס איז די פּולע?

— אַך דו שעד איינער, דו שלאַק אַזאַ! — האָבּן אים די אַרבּעטערנס געמוסערט, — קאַרג האָט דער פּאַבּקאָם אופּגעטאָן? ווו האָסטו געזען, אַז מע זאָל גאָר דעם קאָלאָפּמאַך האָבּן אַף די הענט, און דו האָסט אים בּאַ זיך אין קעשענע. און וויפיל פאַרבּעסערונגען האָסטו אין אים?! וואָס האָסטו פריִער געטראָגן — אַ פּאַרטעך! און איצט — אַ קאָסטיום אַ ניַיִנקן, און מיר טראָגן קליידער.

— סימע! ס׳אַן עמעס, אַז 284 מענטשן זײַנען איבּערגעוועזן אין אָפּרו־הויז, און אַף די קוראָרטן 94?

— וואָס־זשע, איך אליין בּי, דאָך געפאָרן אַף קאַווקאַז.

אַ גאַנצע ווײַבּערשע סכאָדקע האָט זיך צונויפגעקליבּן אין קיך.

— גיכער, ווײַבּער, — האָט פּינע געשריִען — לייענען דעם בּאַריכט!

מע האָט געלייענט, אַז מע האָט אויסגעבויט א פירשטאָ-קיק הויז, 42 נייַנקע וווינונגען און 18 הײַזער אפן יישעוו אויסגעבויט.

— דאָס אלץ איז ריכטיק, — האָט פיניע פארזיכערט, — נאָר אָט, דער שפיטאָל אף 80 מענטשן, — וואָס קלעקט עס פאר אזא פאבריק? לאָמיר שטעלן די פראגע וועגן א נייַעם שפיטאָל. און מע זאָל בעסער האָדעווען די קראנקע. ניט קיין 10 רובל אף א מענטשן.

באם אויסקלייַבן דעם נייַעם פאבקאָם האָט מען יעדערן פון די פאבקאָמשטשיקעס איבערגעקליבן די בײַנדלעך.

— פאָליע די שפולערן קענען מיר שוין פון לאנג, ארבעט שוין בא אונדז 12 יאָר, אָבער נאומאָוו צו וואָס? זי איז דאָך נאָך גאָר א מיידעלע.

— ווער, סאָניע איז א מיידעלע? זייער א ווילע! — אין קאָמיוג איז זי די בעסטע. א גוטע ארבעטערן.

— און ווער איז דאָ פיניע קוליקאָווסקי?

— נו דעם געלן פיניען קענסטו ניט?

— א—א דער געלער! ליובעס מאן, דעם שלייפער. מיר קענען אים גוט.

— נו, טאָ לאָמיר זיי אויסקלייַבן: שטעל צו דער אָפשטימונג!

אין א וואָך ארום, ווען די ארבעטערנס זייַנען געקומען אין פאבקאָם, איז באם טיש פון פאָרזיצער פון ארבעט-שוץ געזעסן די שפולערן פאָליע.

פראגן: 1. וואָס פאר אן ארבעט פילט אוים דער פאבקאָם?
2, וועלכע קאָמיסיעס זייַנען פאראן באם פאבקאָם?
3. ווי ארבעט אייַער פאבקאָם (אויב איר זייַט אַז ארבעטער)?

פארגעבונג: שרייַבט ארוים אלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך מיט-ן, וואָס פארן-ן איז א קאָנסאָנאנט.—צ. ב.: אויסגעקליבן, גוטן...

וויפל מיטגלידער זײַנען געווען אין די פראָפאריינען פון פ. ס. ס. ר.
צום 1-טן יולי 1928

נאָמען פון פאריין	צאָל מיטגלידער	נאָמען פון פאריין	צאָל מיטגלידער
פאפיר-ארבעטער	45.000	טראנספּאָרט ארבעטער	179.000
נאָדל-ארבעטער	96.000	פארבינדונג-ארבעטער	117.000
צוקער-ארבעטער	112.000	דרוקער	133.000
האָלץ-באארבעטער	188.000	לעדערניקעס	123.000
בעמיקער	268.000	מעד.-ארבעטער	553.000
בארג-ארבעטער	557.000	בילדונג-טוער	798.000
שפּיזלער	455.000	קונסט-טוער	93.000
טעקסטיל-ארבעטער	860.000	באַן-ארבעטער	1.139.000
מעטאליסטן	947.000	האנדל-אָנגעשטעלטע	1.284.000
קאָמונאלניקעס	259.000	לאנד- און וואלד-ארבעטער	1.367.000
פאָלקס-דערנערונג	324.000		
בויער	985.000		
וואסער-ארבעטער	177.000		

אופגאבע: 1. בארעכנט וויפל פראָפאריין-מיטגלידער איז אין 1928 יאָר געווען אין פסס"ר. דערבײַ טוט אזוי.

צעשלאָגט די אלע צאָלן אויף 4 טייל. בא אײַך וועט זיך באַקומען צו 6 צאָלן אין איטלעכן טייל. בארעכנט די סומע פון ערשטן טייל און פארשרײַבט. דערנאָך בארעכנט די סומען פון די איבעריקע טײלן. צולעצט לייגט צונויף אלע סומען, וועט איר באקומען די אלגעמיינע צאָל מיטגלידער פון אלע פראָפאריינען.

וווּקס פון דער צאָל פראָפאריין-מיטגלידער

אין 1917-טן יאָר	7.000.000	מיטגלידער
„ 1919 „	3.000.000	„
„ 1924 „	5.500.000	„
„ 1926 „	9.000.000	„
„ 1928 „	11.000.000	„

אופגאבע. שרײַבט איבער די טאבעלע. אנשטאָט נולן שרײַבט ווערטער. למשל, אנשטאָט 7.000.000 שרײַבט 7 מיליאָן.

ארבעט-שוץ

קעדיי אין פאריין וווט ניט גיין
איז דאָ אין יעדער זאוואָד אן אויג פון פאריין,
יעדער ארבעטער ווייסט עס —
פאבקאָם הייסט עס.
איז בא דיר עפּעס א צאָרע פאראן,
ווענד זיך אהין, אין פאבקאָם שפאן.

ווער האָט אמאָל פון געזעצן געטראכט.
ארבעט אפן באלעבאָס אי באטאָג אי באנאכט,
איצטער איז פריילעכע זעקס ווערטער דאָ:
„ארבעטן דארף מען זיבן־אכט שאָ".

פריער, אז דער ארבעטער איז געוואָרן ארבעטלאָז,
איז ער פון אלעמען געוואָרן פארלאָזט.
איצט וועט זיך מער אזויגס ניט פירן, —
דער געזעץ האָט געהייסן דעם ארבעטער פארסטראכירן.

פארגעבונגען: לייענט איבער דיטלעך דידאַזיקע שורעם.
שרייבט איבער פינקטלעך.

יוינע דער בעקער

(פון „מאָטל-פייסי דעם כאַזנס")

I.

יוינע איז א בעקער. מע רופט אים: יוינע דער בעקער. דאָס הייסט, ער אליין באקט ניט, באקן, באקן אנדערע. ער קויפט נאָר מעל און פארקויפט ברויט. פייסעך באקט ער מאצעס פאר דער גאנצער שטאָט. ער איז צו בעקעריי א ברען, און דערצו איז ער א בייזער ייִד — סאקאָנעס. איך מעג זאָגן, אז ער איז א רעצייעך. ער האָט מיך איינמאָל געכאפּט בעשאס איך בין געוועזן צוגאסט בא מיין ברודער עליע, וואָס ארבעט בא אים, און האָב זיך מעכאבעד געוועזן מיט א בייגל. דער בייגל איז געוועזן

א פרישער, אווארעמער, נאָרוואָס פונעם אויוון. האָט דער רועך באדארפט אָנטראָגן יוינע דעם בעקער. איר וואָלט געמעגט זען זײַן רעציכעדיק פּאָנעם מיט זײַנע גאזלאָנישע אויגן. פון דעמאָלט אָן גיי איך ניט מער אהין. מײַן פוס וועט שוין מער ניט זײַן דאָרט, איך זאָל וויסן גאָלד! א ייִד זאָל האָבן א טעווע אָנעמען פארן קאָלנער און ארויסווארפן אף יענער זײַט טיר, און נאָך געבן גוטע דרײַ סטוסאקעס פון הינטן.

איך האָב אָבער דערלעבט אין אים א נעקאָמע. איר זאָלט וויסן, וואָסער א סאָף ער האָט געהאט! איך האָב דאָך אײַך גע־זאָגט, אז יוינע דער בעקער באקט ניט אליין. באקן, באקן אנ־דערע. עפּעס צוויי ייִדן שווארצע מיט דרײַ ווײַבער פרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט ווארעמע פּאטשיילעס אפן קאָפּ, כאָטש אינדרויסן איז א היץ — סאקאָנעס נעפאשעס.

האָט זיך געטראָפן א מײַסע, ניט איין מײַסע, נאָר עטלעכע מײַסעס.

דער אוילעם האָט זיך געקלאָגט, אז מע געפינט אין יוינעס בולקעס פּעדים און טאשמעס און טאראקאנעס און שטיקלעך גלאָז. איינער האָט געבראכט צו טראָגן צו דעם בעקער א גאנצן זשמוט האָר און געסטראשעט מיט פּאָליציי. מע האָט זיך גענו־מען צו די בעקערס, פארגלײַכן וועמעס האָר. די מאנצבילן האָבן געזאָגט אף די ווײַבער. די ווײַבער האָבן געזאָגט אף די מאנצבילן. די ווײַבער האָבן געטײַנעט, אז זיי האָבן אלע געלע האָר. די מאנצבילן האָבן געטײַנעט — ווו האָט איר געזען בא מאנצבילן אזעלכע לאנגע האָר? ביז די ווײַבער האָבן זיך צעקריגט. און אז די ווײַבער האָבן זיך צעקריגט, איז מען געוואָר געוואָרן שיינע זאכן: איינע האָט פארלאָרן א זאָקנבענדל אין די כא־לע. איינע האָט פארקנאָטן אין טייג א זאטיניצע פון א קראנקן פינגער. נאָך איינע פלעגט זיך לייגן אלע באנאכט צוקאָפּנס די אופגעיוירענע טייג. זי האָט געשוואָרן מיט קאָל האשוועס אין דער וועלט, אז ס׳איז א גרויסער ליגן. סאכאקל האָט זיך דאָס געטראָפן איין מאָל, העכסטנס צוויי מאָל. זי האָט ניט געהאט קיין קישן.

די גאנצע שטאָט האָט זיך געוויגט. יוינע דער בעקער האָט דאָס געהאַט א לויפעניש. עס האָט ניט געהאָלפן קיין זאַך. מע האָט ניט געוואָלט נעמען זײַן געבעקס אין די הענט אַרײַן, כאַטש וואַרף עס אַרויס פאַר די הינט! א מיצווע אויף אים!

II

יוינע דער בעקער איז אָבער א יונג מיט ביינער. ער האָט צע־טריבן די בעקערס, די ייִדן מיט די ווײַבער, און האָט צוגענומען אַנדערע בעקערס. שאַבעס האָט ער געלאָזט אויסרופן אין אַלע שולן, אַז ער האָט צוגענומען נײַע בעקערס, און אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער גיט ער אַכטונג אַליין, אַז ס'זאָל זײַן ריין און ציכטיק. ער איז אָרעוו מיט צען רובל שטראָף, טאָמער געפינט מען בא אים אין דער כאַלע איין האָר אַפילע. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייזן געלט. דער אוילעם האָט געזוכט האָר בא אים אין די געבעקס, און מע האָט דאַפקע ניט געפונען. אַפי־לע, אַז מע האָט יאָ עפּעס געפונען און מע האָט אים געבראַכט, האָט ער אַרויסגעטריבן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט מען אומישנע אַרײַנגעלייגט, ביכדיי צו באַקומען די צען רובל שטראָף, מע ווייסט די מײַסעס!.. א רעכטער כעוורעמאַן אָט דער יוינע דער בעקער!

אָבער דאָ איז אויף אים געקומען גאָר א נײַער אומגליק. איינמאָל, אין א שיינעם פרימאָרגן, זײַנען אַלע זײַנע בעקערס אופגעשטאַנען, צוזויפגענומען די קלומקעס און זײַנען אַוועק. זיי וועלן מער ניט באַקן בא אים פאַר קיין געלט, סײַדן ער וועט זיי העכערן דעם פרײַז אויף א קערבל א וואָך און וועט זיי לאָזן אויף באַנאַכט אַהיים שלאָפן, און וועט זיי ניט שלאָגן מיט די הענט גלײַך אין די ציין אַרײַן. בא יוינע דעם בעקער איז אַזא טעווע: באַלד עפּעס — גיט ער מיט די הענט אין די ציין אַרײַן.

יוינע איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער איז שוין א באַלעבאָס פון היפּשע עטלעכע יאָר, האָט זיך אים נאָך ניט געטראָפן, אַז א באַלמעלאָכע זאָל גאָר זאָגן א דייע, וויאַזוי צו שלאָגן זיך! פון העכערן דעם פרײַז איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן, ער קאָן

קריגן צען אנדערע אף זייער אָרט. א טײַערע מעצ׳ע—ארבע־טער! קארג מענטשן שטארבן פון הונגער?

איז ער אוועק זוכן בעקערס. ניטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל ניט גיין. וואָס איז די מײַסע? אלע בעקערס האָבן זיך גע־מאכט יאדאכעס. זיי ווילן צו אים ניט גיין, ביז ער וועט ניט צו־נעמען אלע פריערדיקע בעקערס, און ביז ער וועט ניט מעקאיעם זײַן אלע דרײַ זאכן:

1) נאָך א קערבל א וואָך.

2) באנאכט א היים שלאָפן.

3) ניט שלאָגן זיך מיט די הענט אין די ציין...

שיין געווען אָנצוקוקן, ווי יוינע האָט זיך געקאָכט, געפּינעט, געקלאפּט מיט די הענט אין טיש און געשאָלטן זיך. אײַ, האָב איך געהאט נעקאָמע!

פראגן: 1. ווי איז זיך באגאנגען יוינע-בעקער מיט זײַנע ארבעטער?

2. אין וואָס פאר א באדינגונגען האָבן זיי געלעבט און גע-ארבעט?

3. צי קאָן בא אונדז איצטער פארקומען עפּעס ענלעכעס?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: געווען, אָנעמען, גע-נומען, געזען, צוגענומען, געפונען, באקומען, געקומען, זײַנען. באמערקט, ווי ס׳שרײַבן זיך די ווערטער: יוינע, אופגעשטאנען.

מאשינעס

I

ס׳איז געווען א ייִד, האָט ער געהייסן רעפאָעל, ער איז געווען קאָל-יאָמאָוו אן אָרעמאן. און געווען איז דער רעפאָעל א גאנץ ערלעכער.

געווען איז ער קאָליאָמאָוו „נעעמען“ בא רעב סימכעלע וויַינער אין פּאָדוואל. און אָ כוץ זײַן געהאלט האָט ער געקאָנט גיין שווערן, אז ער האָט ניט פארנומען קיין פרעמדן גראָשן.

רעב סימכעלע ווײַנער האָט זיך, נישקאָשע, געקאָנט פאר-לאָזן אָף זיין „נעעמען“. ער האָט אים דערפאַר טאקע געהאלטן בעקאָוועד, געצאָלט אים אקוראט די זעקס קארבן א וואָך, אמאָל אונטער א יאָנטעוו געשענקט א קערבל, פייסעך - ווײַן

אומזיסט, און פֿייסעכדיקן בראָנפֿן א פלעשל—פֿון דעם שמועסט מען ניט, ווי דען? רעב סימכעלע ווייַנער איז א מענטש, וואָס פֿאַרשטייט דען ניט, ווי מען דארף שעצן א מענטשן? אז רעפֿאָעל דער בעעמטן האָט געקראָגן בא אים אין „פֿאַדוואל״ פֿריער א „רעמאטיז״ און נאָכדעם האָט זיך אים געלייגט א קאטער אף דער לונג. און עס האָט אים אָנגעהויבן פֿייפֿן אינעווייניק—ווער איז שולדיק? געוונט—דאָס איז דאָך א גאָט זאך. דער געזונטער מענטש קאָן, כאָלילע, גייענדיק שטארבן.

אקיצער, רעפֿאָעל האָט אזוי לאנג געפֿייפֿט, ביז ער האָט זיך איינמאָל אוועקגעלייגט, באקומען פֿערציק גראד היץ און איז שוין מער ניט אופגעשטאנען.

II

רעפֿאָעל איז געשטאָרבן, און איַ-איַ-איַ, וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר—האָט סימכעלע געזאָגט איטלעכן באזונדער—ס'איז בא מיר א זא העזעק, אזא העזעק, וואָס איז גאָרניט אָפצושאַצן! און דער אלמאָנע האָט ער געזאָגט:

— וויין ניט, איך וועל דיך מיט דייַנע יעסוימים מיסטאָמע ניט פֿאַרלאָזן פֿריער גאָט, נאָכדעם איך.

און רעב סימכעלע האָט געהאלטן וואָרט. ווי וויַט ער האָט געקאָנט, דאָס הייסט, די ערשטע עטלעכע וואָכן האָט ער געצאָלט דער אלמאָנע דיזעלביקע סכירעס, וואָס רעפֿאָעל פֿלעגט נעמען. עמעס, זי האָט באדארפֿט נאָך דעם גיין אַלע וואָך, און ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל, און דאָס איז געוועזן פֿאַר איר עפּעס ניט אזוי אנגענעם. נאָר איך בעט אייַך, וואָס האָט איר געוואָלט, מע זאָל איר אָפּשיקן אהיים? דאכט זיך, מע איז געענוג יויצע, אז מע צאָלט א מענטשן סכירעס נאָכן טויט!

— איר גייט צו מיר מאָנען געלט—האָט ער צו איר אמאָל א זאָג געטאָן—גלייַך ווי עס קומט אייַך טאקע, גלייַך ווי איר האָט עפּעס אריַנגעלייגט בא מיר א כיילעק אין פֿאַדוואל...

יענעם טאָג האָט די אַלמאָנע מער געוויינט, ווי בעשאס רעפֿאָעל איז געלעגן אף דער ערד. און אַז אירע צוויי טעכטער, סאָרע און ריווקע, זייַנען געוואָרן געוואָר דעם סאָד, וואָס די

מאַמע וויינט, האָבן זיי זי באַשוואָרן, זי זאָל שוין מער אהינצו ניט גיין.

— וואָס-זשע וועלן מיר טאָן?

— דאָס, וואָס אַלע טוען: מיר וועלן אלע גיין דינען, מיר וועלן נייען אַף דער מאַשין.

נייען אף דער מאשין איז שוין איצט אין קאסרילעווקע א שטיקל איניען. מע קאָן שוין פארדינען די צוויי גילדן א טאָג, אבי מע זאָל נאָר וועלן זיצן איבער דער מאשין אזוינע זעכצן — זיבעצן שאָ אין מעסלעס; און מיט ארבעט איז אויך קיין דייגע ניט, מע קריגט — אז ניט קיין קליידל, איז ליפן, אז ניט קיין ליפן, איז העמדער, אז ניט קיין העמדער, איז נאָז-טיכלעך אונ-טערהאקן. שלעכט איז נאָר, וואָס מע דארף האָבן א מאשינע, זוויי מאשינעס!

עמעס, מע גיט מאשינעס אַף אויסצאָלן. ווו-זשע נעמט מען די ערשטע עטלעכע קערבלעך?

— גייט זיך דורך צו אייער נאָגיד, — האָבן די שכיינעס געגעבן אן אייצע דער אַלמאָנע, — זאָגט אים אַזוי און אזוי, זיי וועלן אים אָפּאַרבעטן.

III

ס׳איז גרינג צו זאָגן: גייט צום נאָגיד! נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פּאַרנאָסע? די אלמאָנע איז זיך דורכגעגאַנגען צו רעב סימכעלע ווייַנער, געטראָפן אים אין דער בעסטער צייַט, סאַמע נאָכן עסן. נאָכן עסן איז דער ערגסטער מענטש ווייכער ווי פארן עסן. פארן עסן איז א מענטש — א כייַע.

— וואָס וועסטו זאָגן עפּעס גוטס?

די אלמאָנע האָט אים אנידערגעלייגט א צעטל אזוי און אזוי: מאַשינעס.

רעב סימעכלע האָט אויסגעהערט די גאנצע צייַט מיט קאָפּ, געקאלופּעט די ציין, געווען רויט, אביסל געשוויצט און עטוואָס געדרעמלט, דאָס הייסט, כאָלילע, ניט געשלאָפן, נאָר געדרעמלט. געקוקט אַף איר נאָר מיט איין האלב אויג, בעשאס מייַסע געקלערט אביסל וועגן געשעפט און אביסל וועגן מאָגן. רעב סימכעלע איז

אביסל אַפּולער, אביסל צו פעטלעך, האָבן אים די דאָקטוירים געהייסן עסן מער פלייש און ווינציקער מעל-שפּײַז; און רעב סימכעלע האָט דאפקע ליב מעל-שפּײַז: לאָקשן, קוגעלעך אוכעדוימע אזעלכע זאַכן, וואָס ווערן געמאכט פון מעל. ער ווייסט, אז עס שאדט אים, נאָר אז ער זעט דאָס, עסט ער, און אז ער עסט אָפּ, האָט ער כאראָטע...

— איז וואָס-זשע מאכסטו, הייסט עס? — רופט ער זיך אָן צו דער אלמאָנע, בעשאס יענע ווערט אנטשוויגן, און ער הערט אוף צו דרעמלען, קוקט אף איר מיט אָנדערהאלבן אויגן.

— וואָס זאָל איך מאַכן? — ענטפערט די אלמאָנע, איר הערט דאָך שוין. וואָס איך מאך, אף אלע סאָנים! איז ווען איך האָב איצט אף איין מאשינע, אף צוויי מאשינעס, כאָטש איין מאשינע...

— וואָסער מאשינע? — מאכט ער צו איר פארוווּנדערט און קוקט אף איר שוין מיט ביידע אויגן.

— איך האָב דאָך אײַך דערציילט, אז מײַנע טעכטער ווילן זיך פאַרנעמען מיט נייען, ווערן נייטעורנס, נייען אָף דער מא-שינע, איז ניטאָ קיין מאשינע. צוויי מאשינעס דארפן זיי האָבן, מע גיט אף אויסצאָלן.

— דאָס איז א גוטע זאך, זייער א גלײַכע זאך! נייטערנס נייען פארדינען, מאכטייסע, זייער גלײַך! פארוואָס ניט?

— האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, רעב סימכעלע, איר האָט שוין אזויפיל געטאָן פון אונדזערטוועגן, טאָמער וואָלט געוועזן א סוואָרע, אז...

רעב סימכעלע דערהערט, אז דאָס שמעקט מיט א באַקאָשע, א גמילעס-כעסעד, געלט מיסטאָמע, כאפּט ער זיך אוף:

— אז וואָס?

— אז איר זאָלט אויסלײַען דאָס ערשטע געלט, וואָס מע באדארף אף די מאשינעס.

— וואָסערע מאשינעס?

— אָט די, וואָס איך זאָג אײַך, צוויי מאשינעס פון מײַנע טעכטערס וועגן, כאָטש איין מאשינע.

— ווי קומט צו מיר מאשינעס? וואָס פאר א מעכוטן בין איך מיט די מאשינעס?

— געלט!—זאָגט די אלמאָנע.—מאשינעס וועלן זיי אליין קויפן, מע גיט מאשינעס אף אויסצאָלן. לעמאָשל, איך צאָל איַין איצט א פופציקער, און שפעטער מיט דריַי כאַדאָשים א פינפ-אונצוואנציקער, און שפעטער...

— איך ווייס, איך ווייס, דו דארפסט מיר ניט דערציילן איך קאָן באשטיין, זיי זאָלן זיך באגיין אָן מאשינעס. נא דיר גאָר מאשינעס!

— וויאזוי-זשע וועלן זיי נייען? מיט די הענט קאָן מען אזויפיל ניט אָנייען; אלע נייטערקעס האָבן היַינט מאשינעס.

— ווילסט זיי מאכן פאר נייטעריגס? אז אָך און וויי צו די יאָרן! דיַין מאן זאָל איצט אופשטיין און דערהערן, אז דו ווילסט מאכן פון דיַינע קינדער נייטערינס, וואָלט ער נאָכאמאָל גע-שטאָרבן. דו ווייסט? רעפאָעל איז געוועזן אן ערלעכער, א קאָ-שערער ייִד. אזעלכע ווי רעפאָעל איז ניטאָ! רעפאָעל זאָל הערן—נייטערנס, וואָלט ער דאָך ניט אויסגעהאלטן! ער וואָלט זיך—איך ווייס אליין ניט וואָס.

רעב סימכע רעדט און וואָס וויַיטער הערערט זיך בא אים דאָס קאָל:

— נייטערנס? הע, א שיינע ארבעט פאר א ייִדיש מיידל, הע! מיר וויסן, וואָס הייסט א נייטערן! און נאָך בא ייִדן. הע! רעפאָעלס טעכטער נייטערנס! און ווו בין איך? דו ווייסט, אז דיַין רעפאָעל איז בא מיר אויסגעוואקסן? אז איך האָב אים געמאכט פאר א מענטשן, פריִער גאָט נאָכדעם איך. און ווער האָט אים כאסענע געמאכט, אז ניט איך? הע! ווילסטו, אז איך זאָל דערלאָזן אזעלכעס? כאסוועכאָלילע! וואָס בין איך עפעס א שטיין? א ביין? א שיַיט האָלץ? הע!

די אלמאָנע—מיט דעם, וואָס זי איז געקומען, מיט דעם איז זי אוועקגעגאַנגען. א וועקגעגאנגען און זיך געגעבן דאָס וואָרט, אז מער זאָל איר פוס ניט זיַין בא רעב סימכעלען אין שטוב—בע-סער שטארבן.

פראגן: 1. אף וועמען האָט געאַרבעט דעם גאנצן לעבן רעפאַעל?
2. ווו האָט ער געקראָגן די קראַנקייט, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן?
3. ווי האָט דער באַלעבאָס געהאָלפן רעפאַעלס פאמיליע?
4. ווער העלפט באַ אונדז דער פאַמיליע פון א פאַרשטאָרבענעם ארבעטער?
5. צי קומט אוים אַנקומען צו דער לאַסקע פון א באַזונדערן מענטשן?

פארגעבונג: פונעם ערשטן קאַפיטל שרײַבט איבער אין באַזונדערע רובריקעס אלע ווערטער, וואָס ענדיקן זיך מיט—ן און מיט—-ען, די ווערטער, וואָס פארן ן שטייט א, אָ, ו, וו, י, ײַ, יי שרײַבט ארוים באַזונדער:

מיט -אַן,-אָן,-ון,-וין,-ין,-ײַן,-אָן.	מיט -ען	מיט -ן
אַן	געוועז	געהייסן
אָרימאַן	פאַרנומען	שווערן
		פרעמדן
אין		גראָשן
און		
גיין		

ארבעטשוץ פאַר יוגנט

די ראַטנמאַכט האָט ארויסגעגעבן ספעציעלע געזעצן, וואָס פאַרהיטן דאָס געזונט פונעם יונגן פראָלעטארישן דאָר.

יונגע ארבעטער ביז 18 יאָר ווערן ניט דערלאָזן אין א גאַנצער צאָל פראָפעסיעס און ארבעטן, וואָס זײַנען שעדלעך פארן געזונט.

פון 16 יאָר ביז 18 יאָר ארבעט די יוגנט נאָר 6 שאָ.

ביז 16 יאָר—ניט מער ווי 4 שאָ.

געהאַלט באַקומט די יוגנט ניט ווי פאַר 6 אָדער 4 שאָ ארבעט, נאָר ווי פאַר א גאַנצן ארבעט-טאָג.

פאַר דער יוגנט איז אײַנגעשטעלט א לענגערער אורלויב ווי פאַר דערוואַקסענע ארבעטער.

בּאַם אײַנאָרדענען אַרבעטער אין אַ סאַנאַטאָריע אָדער אין אַן אָפּרו-הויז שטייט די יוגנט אויפֿן ערשטן אָרט.

בּעשאַס אַ פֿאַרקירצונג ווערן די יונגע אַרבעטער פֿאַרקירצט נאָר אין סאַמע לעצטן פֿאַל.

פֿראַגן: 1. פֿאַרוואָס גיבן אָפּ אונדזערע געזעצן אַ בּאַזונדער אויפֿמערקזאַמקייט דער אַרבעט-שוץ פֿון יוגנט?

2. וואָס פֿאַר אַ לגאָטעס בּאַקומען זיי?

פֿאַרגעבּונג: שרייבּט איבּער אַלע ווערטער מיט -ן אויפֿן סאָף באַזונדער און מיט -ען בּאַזונדער.

יידישע אַרבּעטער-יוגנט בּיז 19-יאָר איז אין ווײַסרוסלאַנד אין 1925 יאָר געווען אין די מער פֿאַרשפּרייטע פּראָדוקציע צווייגן:

פּראָפֿעסיעס	צאָל אַרבעטער-יוגנט
מעטאַליסטן	1170
פּאַפּיר-אַרבעטער	74
האָלץ-בּאַאַרבעטער	713
לעדער-אַרבעטער	1166
דרוקער	112
שפּײַזלער	158
כעמיקער	260
נאָדל-אַרבעטער	643

אויפֿגאַבּע: בּאַרעכנט וויפֿיל אַרבעטער-יוגנט איז אינגאַנצן געווען אין די אַלע פּראָפֿעסיעס?

(בּאַרעכנט פֿריער די צאָל מיטגלידער אין די ערשטע 4 פֿאַרייַנען, דערנאָך אין די לעצטע 4 פֿאַרייַנען; לייגט צונויף בּיידע סומעס).

אויף וויפֿיל איז מעטאַליסטן מערער ווי האָלץ-אַרבעטער?

ארבעטשוץ פאר פרויען

די סאָוועטישע געזעצן פארבאָטן צו אויסנוצן ארבעט פון פרויען אין אזעלכע פראָדוקציעס, ווו ס'איז באזונדעס שווער און שעדלעך פארן געזונט.

שוואנגערע פרויען-ארבעטערנס באקומען אורלויב 2 כאָדאָשים ביז און 2 כאדאָשים נאָכן געלעגן ווערן.

פראגן: 1. צי האָבן די צארישע געזעצן פארהיט דעם געזונט פון דער ארבעטנדיקער פרוי?

2. און ווי איז אין די קאפיטאליסטישע לענדער?

3. אויב איר ווייסט ניט, פרעגט באַם לערער.

פון אכט — אף זיבן

(דערציילט פון א וועבער)

אונדזער פאבריק איז איבערגעגאנגען אף 7 שאָ ארבעט. אסאך האָט געהאט צו טאָן די פאבריק-פאַרוואלטונג, דער פאבקאָם און דאָס פארטיי-קאָמערל. מע האָט געדארפט צוגרייטן די צעכן צו דעם דריטן אומבײַט. מע האָט געדארפט אוועקשטעלן די ארבעט אף אן אנדער אויפן. נאָר דאן וועט דער ארבעטער באווײַזן אָפטאָן זײַן ארבעט אין מעשעך פון 7 שאָ.

מע האָט באדארפט אויך א קלער טאָן: צו וועלכע מאשינעס אוועקשטעלן די נײַע ארבעטער.

לעכאטכילע איז א טייל אלטע וועבער געווען אופגעבראכט פון דער נײַס. זיי האָבן געטײַנעט:

— איר ווילט אראָפנעמען א שאָ? און ווער וועט אונדז פאר דער שאָ באצאָלן?

— אין 7 שאָ וועלן מיר אויסארבעטן אסאך ווייניקער.

— די נײַע ארבעטער וועלן אלע פליגלען בא די מאשינעס אָפּברעכן, ס'איז דאָך דאָרפישע!

אף די צעכן-פארזאמלונגען האָט מען זיי אַלץ דערקלערט:

— בא דער נײַער אָרדענונג דארף די אויסארבעטונג ניט זײַן קלענער, וועט דאָס געהאלט אויך זײַן דערזעלבער. דער דרי-

טער אומבײַט וועט געבן ארבעט די קינדער פון אלטע וועבער, די ארבעטלאָזיקע און דער דאָרפישער אָרעמקײַט, און דאָס לאנד וועט באקומען מער סכוירע.

דורכפירן די נײַע אָרדענונג קאָן מען. ס'פאָדערט זיך נאָר אן אקשאָנעסדיקע ארבעט, דיסציפלין. מע דארף, אז אלע ארבעטער זאָלן אין דעם קענען אָנטייל נעמען.

די אלטע וועבער האָבן פארשטאנען און באשלאָסן העלפן דער אלגעמיינער זאך.

אין 1928—29-טן יאָר זײַנען אף א 7 שאָעדיקן ארבעט-טאָג אריבערגעגאנגען ביז 400 טויזנט ארבעטער.

דאָס איז — א פינפטכיילעק ארבעטער, וואָס זײַנען פארנומען אין אונדזער גאנצער אינדוסטריע.

אין מעשעך פון 5 יאָר איז באשטימט געוואָרן איבערצופירן אף 7 שאָ די גאנצע אינדוסטריע.

פארגעבונגען: שרײַבט אוף די ווערטער: קעמערל, מעסערל, בערל, מײַכל, טײַכל, שיסל, מיידל, שיינדל, ביינדל.

מאכט פארקלענערונגען פון דידאָזיקע ווערטער: ביקס, טיש בעט, פענצטער, בארג, שטוב, שוועל, מויל, קוואל, שטאל, צ. ב. ש. ביקסל, טישל, בערגל, שוועלכל א. אז. וו.

וועגן זיבנשאָעדיקן ארבעט-טאָג

ערעוו דעם צענטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט דער צענטראלער אויספירקאָמיטעט פון פ. ס. ס. ר. באשטימט:

פארזיכערן פאר די פאבריק-זאוואָדישע ארבעטער אין פארלויף פון די נאָענטסטע יאָרן דעם אריבערגאנג פונעם אכטשאָעדיקן ארבעט-טאָג אף א זיבנשאָעדיקן ארבעט-טאָג, ניט פארקלענערנדיק דעם ארבעטלוין. צוליב דעם זײַנען דער פרעזידיום פון צ. א. ק. און דער ראטפאָלקאָם מעכויעוו ניט שפעטער, ווי אין א יאָר ארום צוטרעטן ביסלעכווײַז צו פארווירקלעכן דעמדאָזיקן באשלוס בענגעיע באזונדערע געביטן פון דער אינדוסטריע. דאָס דארף געטאָן ווערן אנטשפרעכיק מיטן גאנג פון דער רע-

קאָנסטרוקציע און ראַציאָנאַליזאַציע פון די פאַבריק־זאַוואָדישע אונטערנעמונגען און מיטן וווקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיוו-קייט.

(פונעם מאַניפעסט פון אלפאַרבאַנדישן צ. א. ק.)

אף א 7-שעהיקן ארבעטס-טאָג

אינעם יאָר 1927—1928 זײַנען אריבערגעגאַנגען אף א 7-שעהיקן ארבעט-טאָג 20 בוימוואָל-פאַבריקן און 4 וואָל-פאַבריקן. צו דער צײַט פונם אריבערגאַנג זײַנען אף די בוימוואָל-פאַבריקן געווען 100 טויזנט ארבעטער און אף די וואָל-פאַבריקן — 4300 ארבעטער. דעמזעלביקן יאָר איז אף א 7-שעהיקן ארבעט-טאָג אריבערגעפירט געוואָרן איין ניי-פאַבריק מיט 3.600 ארבעטער. די פאַבריק „גאָסזנאַק“ מיט 3,900 ארבעטער און צוויי אקומוליאַטאָרן-זאַוואָדן מיט 400 ארבעטער.

אינם יאָר 1928—1929 זײַנען אין דער אינדוסטריע פונעם העכסטן ווירטשאַפט-ראַט אריבערגעפירט געוואָרן אף א 7-שעהיקן ארבעט-טאָג 270.000 ארבעטער.

אויפגאַבע: באַרעכנט וויפיל ארבעטער זײַנען אינגאַנצן פאַר די 2 יאָר אריבער אף א 7-שעהיקן ארבעטס-טאָג?

אין אָפּרו-הויז — אין עמעסער גאַניידן

150 אויסגעמאַטערטע ארבעטער זײַנען געקומען אויסרוען זיך און פאַרפעסטיקן זייער געזונט. סטראַבקאַסע קאַרגט ניט קיין עסן, קאַרגט ניט קיין ווילטאָג און פאַרווײַלונגען.

מיר עסן 5 מאָל א טאָג פונעם שענסטן און בעסטן. „בא דער מאַמען אין קימפעט האָבן מיר עס ניט געזען, וואָס מע דערלאַנגט אונדז צום טיש“—טײַנען שטענדיק די עלטערע ארבעטער.

א גאַנצן טאָג רוט מען אין וואַלד, מע שפּאַצירט, מע באַקט זיך אף דער זון און באַנאַכט הערט מען ראַדיאָ-קאָנצערטן פון מאָסקווע, בערלין און פּאַריז.

פראַגן: 1. צי זײַנען געווען אָפּרו-הײַזער פאַר ארבעטער ביז דער רעוואָליוציע?

2. ווער פלעגט זיך היילן אין די סאַנאַטאָריעס און אף די קוראָרטן אין קרים, אף קאַווקאַז א. אז. וו?

3. וועמען שיקט מען אין דער ערשטער ריי אין **אַפּרו-הײַזער**, סאַנאַטאָריעס און קוראָרטן בײַ אונדז?

4. ווי איז אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער? לייענט איבער וועגן דעם אין בּיכל „די באַפרײַטע פרויי"

פאַרגעבונג: (אוקר.) וויאַזוי רעדט איר אַרויס די ווערטער: אויסגעמאַטערטע, טאַטע? מיט **א** צי מיט **אָ**?

וויאַזוי איר זאָלט ניט אַרויסריידן, נאָר שרײַבן דאַרף מען מיט **א**: טאַטע, אויסגעמאַטערט, מאַמע, קאַלע, קאַץ, וואַנט, געוואַנט, באַלד, זאַלץ, שמאַלץ א. א. וו.

.IV קוסטאר־אינדוסטריע

אין ארטעל אריין

פארגייען וועגן — אומעטיק פארקלערטע,
פארגייען שטיבעלעך — נידעריקע, קאָסע.
עס קומען שוין קיין יידן מער ניט אין די דערפער
זיך אויסשמעקן אזוי די וואָך פארנאָסע.
א ווינטמיל דרייט פונוויטן מיט די הערנער



אין ארטעל

און ווינטן אין דער הייך אויף שפיצן זיך בּאראטן:
עס קומען שוין קיין שניידערס מער ניט אין די דערפער
בּאנייען פויערים, בּאנייען און בּאלאטען,
פארגייען וועגן — ווער וועט זיי דערקענען?

ס׳פארגייט מיט זיי א דאָר פון טאָרבעס און פון שטעקנס.
פון פענצטער קוקן שנײַדערשע אלטע מאנעקענען
און ווארטן אזוי שטיל אף לעצטן, אף באדעקנס.
נאָר קיינעם ארט דאָס ניט, ס׳טוט קיינעם שוין ניט באנג,
א טאָג א נײַער זעצט זיך אף דער שוועל.
עס טראָגן אלטע באלמעלאָכעס מיט געזאנג
די לעצטע שוין מאשין אין שטעטלשן ארטעל.

פראגן: 1. פארוואָס גייען ניט די שנײַדער אין דאָרף זוכן ארבעט?
2. פארוואָס איז בעסער צו ארבעטן אין קאָלעקטיוו?

פארגעבונג: לייענט איבער אינדערהייך. שרײַבט איבער פונקט ווי דאָ. ווו מע דארף, שטעלט א קאָמע.

קוסטאר-געווערב-קאָאָפעראציע

די קוסטאר־געווערב־קאָאָפעראציע פארייניקט די קוסטארן און באלמעלאָכעס. זי אָרגאניזירט דעם קרעדיט, באזאָרגט מיט אינסטרומענטן, מאשינעס, רויווארג, נעמט אָן באשטעלונגען און פארקויפט די אויסארבעטונגען פון אירע מיטגלידער, זי פארבינדט זיך מיט דער לאנדווירטשאפטלעכער און געברויך-קאָאָפעראציע און פארקויפט איר די אויסארבעטונג.

פון דער אנדער זײַט איז זי פארבונדן מיט דער מעלוכישער אינדוסטריע און מעלוכע־האנדל. זי באזאָרגט] קוסטארן מיט רויווארג, קויפט אָפּ די קוסטארישע פּראָדוקציע.

דער פּריוואטער אופקויפער עקספּלואטירט דעם קוסטאר, קויפט בא אים די פּראָדוקציע וואָלוול און די רויווארג פארקויפט ער אים טײַער.

די קוסטאר־געווערב־קאָאָפעראציע באפרײַט דעם קוסטאר פונעם עקספּלואטאטער.

די קאָאָפעראציע פירט א גרויסע קולטורעלע ארבעט צווישן, אירע מיטגלידער, ליקווידירט אמעראצעס, עפנט קלובן, שולן, קורסן און נאָך און נאָך.

פראגן: 1. מיט וואָס העלפט די קוסטאר-געווערב-קאָאָפעראציע דעם קוסטאר?

2. צי איז פאראן בא אייך א קאסטאר-קאאפעראציע?
3. דערציילט וועגן איר ארבעט?

וויפל יידישע קוסטארן רעכענען זיך אין גאנצן ראטנפארבאנד?

פון די 2.800,000 יידישע נעפאשעס, וואס געפינען זיך איז פ. ס. ס. ר. זיינען:

1.000,000 נעפאשעס פראלעטאריער
——— 200,000 „ פויערים
——— 600,000 „ אן באשטימטע פראפעסיעס

די איבעריקע קוסטארן.

אופגאבע: וויפיל יידישע נעפאשעס קוסטארן איז פאראן אין ראטנפארבאנד?

פון דאמסאנים — גוטע פריינט

קוסטאר- זיינ- אמאל געוו- דאמסאנים צוויש- זיך. וואס איז? איינער דעם אנדער- האט ניט פארגונ:

— אלעמאי האט ער יא ארבעט און איך ניט?

נאר זינט די קוסטאר- האב- זיך פארייניקט אין ארטעל — איז די קינע איינגאנצ- פארשוונד- געוואר-.

אפן מארק האב- — זיך פריער געפונ- באזונדערע ווארשטאטלעך איבערגעצאמטע מיט דיקע ווענט. יעדער באלמעלאכע פלעגט זיך אונטערהער-, צי יענער האט ארבעט, צי ניט. איצט איז געוואר- א גאנצע איבערקערעניש.

די ווענט, די אפצאמונג זיינען איינגאנצ- פאנאנדערגעגנומ-... פון די אלע איינציקע צעברעקלטע ווארשטאטלעך איז געוואר- איין מעכאניקער ארטעל. אלע זיינ- — דורכגעדרונג- — מיט איינע און דיזעלביקע אינטערעס-—.

אומעטום קלאפ- — די האמערס, ארבעט- — די מאשינעס פון די מיילער גיסט זיך א פריילעך לידל, וואס פילט אן די ווארשטאטלעך מיט טראפנס ניי- לעב-—.

פראגן: 1. פארוואס האבן די קוסטארן אופגעהערט קאנקורירן צווישן זיך?
2. צי האט זיך פארערגערט אדער פארבעסערט זייער לאגע נאך דער פאראייניקונג?

פארגעבונג: שרייבט איבער. אנשטאט די פאסעקלעך, שרייבט ווו מע דארף -ן און ווו מע דארף -ען

דער 1-טער קאָנקורס פון קוסטארן-יוגנט אין טול-טשין

פארטראכט און גוט געמאכט

קוסטארן וויצלען זיך פון כעוורע:

אויסגעטראכט א „קאָנקורענץ“ אפן בעסטן שנײַדער און קירזשנער. ס'וועט דען עפּעס ארויסקומען...? ווו וועלן זיי נעמען מאשינעס? סכוירע?

דאָס קאָמיוג-קעמערל באם „קוסטפּראָם“ איז אָבער אײַנגע-שפּארט: מיר דארפן פארינטערעסירן די קוסטארן-יוגנט אופצו-הייבן זייער קוואליפיקאַציע. נאָר וויאזוי פירט מען צונויף א וואנט מיט א וואנט?

קוסטפּראָם האָט געהאָלפן

לאנג ריידן האָט מען ניט געדארפט — דער קוסטפּראָם גיט סכוירע און נעמט צו די אויסארבעטונג. ער באצאָלט נאָך געלט פאר דער ארבעט — ס'זאָלן זײַן פּרעמיעס.

ספּעצן געפינען זיך אין שנײַדער-ארטעל. וואָס-זשע פעלט נאָך?

פינקלען מעלדונגען אין די גאסן:

„אין קוסט-קלוב שאבעס 24-טן נאָיאבער — א קאָנקורס אפן בעסטן יוגנטלעכן שנײַדער און קירזשנער. אײַלט קומען! ס'ווערן ארויסגעגעבן פּרעמיעס. ביוראָ פון קעמערל“

פארשרײַבן זיך יאטן. אלע ווילן נעמען אָנטייל.

אין פרײַען פארטאָג אָדער שפּעט אין דער נאכט.

דער פינצטערער פארטאָגיקער דרויסן ווערט פארהילכט מיט יוגנט-געלעכטער—פון שטוב צו שטוב וועקט מען דעם אוי-לעם. כעוורע זײַנען אף די פיס. אלע שלאָפן אין די קליידער. די מאשינעס זײַנען פלינק צונויפגעטראָגן געוואָרן.

דאָ איז דער קאָנקורס

שײַנט דער פלאַקאַט נעבן קוסט-קלוב. שאַבעס. מאַשינעס קלאַפּן און כעוורע וויצלען זיך... מ׳זינגט:

מיט א נאָדל, אָן א נאָדל,
נייען מיר בעקאָוועד גאָדל.
גיט אהער א נײַס:

Наш паровоз летит вперед
В коммуне остановка...

מע לאָזט קיין פרעמדע ניט ארײַן — נאָר פון צײַט צו צײַט כאַפּן זיך ארײַן קוסטאַרן און מע שעפּט נאָכעס, ווי׳אַזוי די כעוורע, „קיין אײַנהאָרע״, ווי זיי קלאַפּן.

און קיינער פון זיי כידעשט זיך אפילע ניט, וואָס זיי נייען אום שאַבעס. די ספּעצן, עלטערע קוסטאַרן, שנײַדן צו.

זאָל לעבן!

פריילעך שיט זיך ארײַן די גאַנצע „נאַטשאַלסטווע״. מע רעדט, מע וואַרפט לאָזונגען, ס׳טרעטן ארויס די כ״כ: פון „קוסטפּראָם״, פון „פּאַרטקאָם״, פון נאָדל פאַריין, פון קוסט פאַ-ריין, פון קרײַז-קאָמיוג און אנדערע.

כעוורע פּאַטשן בראַוואָ, נאָר זייער קאָפּ איז אין דער ארבעט.

מע דאַרף נעמען א פּרעמיע...

רויק... פּאַרטיק...

ווי פריילעך ווערן די כעוורע, ווען ס׳קומט דער פאָטאָ-גראַף.

פאָטאָגראַפירט גוט — ס׳איז פאַר דער צײַטונג — ס׳זאָל זײַן גוט, ס׳איז דער ערשטער קאָנקורס.

שטייט אויף—דער געריכט גייט!

געאַרבעט האָבן די כעוורע ביז 6 אין אָוונט. דער קלוב איז פול שויבן ברעכן זיך. מע באַטראַכט די ארבעט, וואָס איז-אויסגעהאַנגען אף דער וואַנט.

כוצדעם קומט נאָך פּאָר אַ באוויז־געריכט אַף אַ קוסטאַר וואָס עקספּלואַטירט זײַן לערנײַנגל. ס׳טרעטן אַרויס „איידעס“. דער „באשולדיקטער“ איז פאַרצאָרנט. דער פּראָקוראָר „דונערט“.

מיט גרויס אופמערקזאַמקײַט האָט דער עולם דעם געריכט אויסגעהערט.

אַ פּרעמיע באַקומט

און ווידער איז אין קלוב ראַשיק. ס׳ווערן אַרויסגעגעבן די פּרעמיעס דרײַ לערנײַנגלעך, וואָס אַרבעטן גאָר אַזוי ניט לאַנג.

כאַפּן שוין די יאַטן אַ טענצל. מע עסט וואַרעניקעס, מע טרינקט אַ גלעזל סיטראָ און איינער וויל דעם צווייטן איבערשרײַען.

ס׳איז פריילעך.

פראַגן: 1. ווי האָט די יוגנט אָרגאַניזירט דעם קאָנקורס?
2. ווי האָבן זיך באַצויגן די עלטערע צו דעם?
3. עפּשער איז בײַ אײַך אויך געווען אַ קאָנקורס? דערציילט וועגן דעם.

פאַרגעבונג: אַ „קאָנקורענץ“, אַ וואַנט, אַ נאָדל, אַ פּרעמיע, אַ באוויז-געריכט, אַ קוסטאַר, אַ טענצל, אַ גלעזל.

שרײַבט איבער דידאָזיקע ווערטער, אָנשטאָט דעם **אַ**, וואָס שטייט בײַ יעדער וואָרט שטעלט דאָס וואָרט **דער**, **די** אָדער **דאָס**.

צי קען מען בײַ די ווערטער אַרײַן, אַרויס, פאַרבײַטן דעם אָס **אַ** אַף **דער**, **די**, **דאָס**?

פאַרגעדענקט: אויב מע קען דעם **אַ** ניט פאַרבײַטן אַף **דער**, **די**, **דאָס** דאַרף מען אים ניט שרײַבן באַזונדער.

די ערשטע „קוסטאַרישע דאַטשע“

צוויי גלענצנדע געבײַדעס אַף דער בעסטער קיִעווער דאַטשע אין דער געדיכטער וואַלדיקער פּוטשעוואָדיצע. מיר זײַנען אָנגעקומען אַהין נאָכמיטאָג. ווער אין די בעטלעך, ווער אין די „האַמאַקעס“ און ווער גלאַט אַפן גרינעם גראָז פאַרברענגט די „שטילע שאָ“.

— כאַווײַרים, ווי פילט איר זיך?

— אָך, זייער גוט, ס׳איז אַ מעכאַיע!..

איך זערקען זיי ניט, די גוט באקאנטע פענעמער פון האָ-רעפּאשנע קוסטארן. וואָס עטלעכע טעג פרישע לופט, רו און מענטשלעכע דערנערונג קאָנען מאכן...

צו מיר דערנעענטערט זיך מיט שטילע געלאסענע טריט א פארברוינטער, אויסגערוטער באלעמעלאָכע, א איוואניוו־קער שוסטער. ער ברומט אונטער שטילערהייט עפּעס א ניגנדל און דערלאנגט מיר א ברייטן שאָלעם-אלייכעם.

— ווי לאנג רוט איר זיך אָפּ?

— עס ענדיקט זיך די צווייטע וואָך, און דאָס איז טאקע ניט גוט, כאָווער, עס ווילט זיך פארברענגען א ביסל מער ווי צוויי וואָכן, קיינמאָל ניט פארזוכט דעם טאַם, איר פארשטייט...

און דער איוואניווקער שוסטער דערקלערט מיר, אז אף זיין לעבן האָט ער זיך נאָך ניט אָפּגערוט. ווי גוט וואָלט געווען, ווען אלע באלמעלאָכעס פון די גרויסע און אויך פון די קליינע פארוואָרפענע שטעטלעך זאָלן א גאנץ יאָר ארבעטן און פארדינען, דערנאָך זיך אָפּרוען א גאנצן כוידעש איינעם מיט אזעלכע ווי זיי. אך, ווי גוט וואָלט דאָס געווען!..

אונדזער שמועס רייסט איבער א הילכיקער געלעכטער פון צוויי יונגע מיידלעך — דאָס האָט זיך די יוגנט-סעקציע צעשפּילט. זי האָט דאָ אויך אירע פאַרשטייער. עלטערע און מיטליאָריקע קוסטארן זיינען זייער צופרידן מיט די יאטן, זיי מאכן פריילעך דעם גאנצן אוילעם. טאָג און נאכט נאָר מע לאכט און מע שפּילט און מע זינגט. קוקנדיק אף זיי, פארגעסט מען אינגאנצן די דייגעם.

אזוי דערקלערט מיר א ייִדענע א זאָקנמאכערן. זי פילט, אז דאָ איז זי פּאָטער געוואָרן פון איר אלטן לאנגיאָריקן לונגען-פעלער.

א פאָלנע דאטשע!..

דער פארוואלטער פון הויז באווייזט אונדז אלע צימערן און־מעטום ריין — א מעכאַיע. אין קיך איז אויך ציכטיק. ער איז גליקלעך. סאכאקל ווערן דורכגיין דורכן הויז 400 קוסטארן. פון זיי ביז 150 אומזיסטיקע און די איבעריקע פאר א קליינעם

געצאָלט. דאָס הויז ווערט באַדינט דורך אַ ספּעציעלן דאָקטער. עסן גיט מען 4 מאָל אין טאָג, בילעטן אין קינאָ אומזיסטיקע און —

— אַ ראַזירער אויך אומזיסט — שרײַט אויס פֿון הינטער אַ בוים אַ יונג באָכערל...

דער קרײַזקוסט האָט פֿיל מי אַרײַנגעלייגט אין שאַפֿן דעם ערשטן אָפּרוהויז פֿאַר קוסטאַרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

פֿאַרגעבונג: דער בעסטער, די שטילע, די צווייטע, דער פֿאַרוואַל־טער, דאָס הויז, דער קרײַזקוסט. דעם ערשטן.

אַנשטאָט דער, די, דאָס, שרײַבט פֿאַר יעדן וואָרט אַ, די אַ שרײַבט באַזונדער.

צי קען מען אין די ווערטער: דערלאַנגען, דערמאָנען פֿאַר־בײַטן דעם דער אויף אַ?

אויפֿן פֿרײַען פֿעלד

ווי נאָר ס׳איז טאָג געוואָרן, איז שימען־עליע דער שנײַדער אויפֿגעשטאַנען, גענומען מיט זיך דאָס שטעקל מיטן גאַרטל און איז אוועק אין וועג אַרײַן בעשאָלעם צופּוס קיין קאָזאָדאָיעוו־קע קויפֿן אַ ציג.

געווען איז דאָס זונטיק אין אַ שיינעם, ליכטיקן, לויטערן, וואַרעמען זומערטאָג. שוין לאַנג געדענקט ניט שימען־עליע אַזאַ אויסגעצייכנטן, אויסגעהעלטן טאָג. שוין לאַנג איז שימען־עליע נישט געווען אין פֿעלד אויף דער פֿרײַער לופֿט. שוין לאַנג האָבן זײַנע אויגן ניט געזען פֿאַר זיך אַזאַ אויסגעצוואָגענעם גרינעם וואַלד, אַזאַ שיינע גרינע קאָלדרע, וואָס איז באַשאָטן מיט אַלער־ליי קאָלירטע שפּרינקעלעך. שוין לאַנג האָבן זײַנע אויערן ניט געהערט קיין פּישטשען פֿון פֿייגעלעך, קיין פֿלאַטערן פֿון פֿלאַ־טערלעך. שוין לאַנג האָט זײַן נאָז נישט געשמעקט אַזאַ גע־שמאַקן רייעך פֿון גרין גראָז, פֿון רויער ערד.

שימען־עליע האָט פֿאַרבראַכט אַלע זײַנע יאָרן אין אַן אַנ־דער וועלט. זײַנע אויגן האָבן געזען פֿאַר זיך טאָמעד אַנדערע בילדער: אַ פֿינצטער גרוב, בײַ דער טיר אַן אויוון, קאָטשערעס

מיט לאָפּעטעס און א פּאָמונעצע א פולע ווי אן אויג. באם אויוון, בא דער פּאָמונעצע — א בעט פון דריי ברעטלעך.

אפן בעט—קינדערלעך אסאך, איינס קלענער פונעם אנדערן. האלב־נאקעטע, גאנץ־באָרוועסע, נישט קיין געצוואָגענע, שטענדיק הונגעריקע... זיינע אויערן האָבן געהערט שטענדיק אנדערע קוילעס: מאמע, ברויט!.. מאמע, בולקע!.. מאמע, עסן!.. און איבער אלע קוילעס — א קאָל פון זיין ווייב ציפּע-ביילע־רייזע: „עסן? נישט עסן זאָלן איך ווערעם, ליבער גאָט, מיטן טאטן אייערן, דעם שלימאזל! פארכאפּט זאָלט איר ניט ווערן, ריבוי־נעשעלוילעם, מיט אים איניינעם!" אוכדוימע אזעלכע זיסע קוילעס. זיין נאָז איז געווינט געווען צו אנדערע רייכעס: א רייעך פון נאסע ווענט, וואָס ווינטער נעצן זיי און זומער שימלען זיי; א רייעך פון זויערטייג מיט קלייען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון רויע ליים, פון געשאָבענע פישעלעך, און פון קישקעלעך; א רייעך פון בגאָדים, וואָס לאָזן זיך הערן אונטערן הייסן פרעסל מיט א געדיכטער פארע און מיט א מאָדנעם טשאד...

ארויסגעריסן זיך אף א ווייַלע פון יענער אָרעמער, וויסטער, פינצטערער וועלט אף דערדאָזיקער בייַער, פרייַער, ליכטיקער, שמעקנדיקער שיין האָט זיך אונדזער שימען־עליע געפילט ווי א מענטש, וואָס איז אין א הייסן זומער־טאָג אריינגעשפּרונגען א נאקעטער אין יאם אריין; דאָס וואסער טראָגט אים, די כוואַליעס שלאָגן אים, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציט אין זיך די לופט מיט דער פולער ברוסט — ס'איז מעכאיענעפּעש, מאמעש א גאניידען!..

— לעמאָשל, וואָס וואָלט גאָט געארט — קלערט זיך שימען־עליע — וואָס וואָלט גאָט געארט, ווען איטלעכער באַלמעלאָכע, אשטייגער, זאָל זיך קענען אלע טאָג, לאָז זיין כאָטש אייַנמאָל אין דער וואָך, ארויסגיין אהערצו אפן פרייַען פעלד?

פראגן: 1. אין וואָס פאר א באדינגונגען האָבן געארבעט די יידישע באלמעלאָכעס אמאָל?

2. צי פלעגן זיי ווען עס איז האָבן א מעגלעכקייט אפּרוען, עטעמען מיט פרישער לופט?

3. וועגן וואָס האָט געטרוימט שימען-עליע?
4. ווען האָבן זיך פאַרווירקלעכט זײַנע טרוימען?

פאַרגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: א שיינעם, א פלאַטערן, א פינצטערער, אַן אויוון, א פּאַמונעצע, א קאָל, א רייעך, א געדיכטע, א מאָדנער, א ווײַלע, א הייסן. דעם **א** וואָס פאַר דידאַזיקע ווערטער שרײַבט באַזונדער. שרײַבט איבער די ווערטער: אוועק, אזא, אנדערע, אשטייגער, ארויסגיין, אהערצו, דעם **א**, וואָס פאַר דידאָזיקע ווערטער שרײַבן צוזאַמען. „א היים" שרײַבט מען אמאָל איניינעם, אמאָל באַזונדער. אין דער פראַזע „איך האָב א היים" שרײַבט מען דעם **א** באַזונדער, וואָרעם דעם **א** קאָן מען דאָ פאַרבײַטן מיט „די". אָבער אין דער פראַזע: „איך גיי אהיים" שרײַבט מען דעם **א** איניינעם.

ק אָ אָ פּ ע ר א צ י ע

ווי אַזוי אונדזער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך פאַרבעסערט

שלעכט האָט געאַרבעט אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. ניט קיין זאַלץ, ניט קיין קעראָסין, מעל מיט זאַמד, פּרייזן הייכע. דערפאַר אָבער האָט גוט געלייזט דער קרעמער יאָסל.

די רעווידיר־קאָמיסיע פון קאָאָפּעראַטיוו האָט איינמאָל גענומען איבערקוקן דעם אָנקלאַגעס־בוך. אין יעדן קאָאָפּעראַטיוו דאַרף זיין אַזאַ בוך. ווי נאָר זי האָט אים געעפנט, האָט זי שוין אויפן ערשטן בלעטל איבערגעלייענט דריי אָנקלאַגעס.

ערשטע אָנקלאַגע:

„ס'איז באַ מיר אויסגעגאַנגען די גאַנצע זאַלץ, בין איך געקומען אין אונדזער קאָאָפּעראַטיוו, אין קאָאָפּעראַטיוו איז קיין זאַלץ ניט געווען. האָב איך געמוזט קויפן באַם קרעמער יאָסל;

צווייטע אָנקלאַגע:

„איינמאָל האָב איך געקויפט מעל אין קאָאָפּעראַטיוו, איז אין איר געווען זאַמד. דאָס ברויט האָט געקריצט אונטער די ציין”.

דריטע אָנקלאַגע:

„כ'וואָלט זייער אַ באַלן זיין וויסן, פאַרוואָס איז באַם קרעמער מעל וועלוועלער ווי אין קאָאָפּעראַטיוו ?”

די אַלע אָנקלאַגעס האָבן געשריבן מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו. די רעווידיר־קאָמיסיע האָט פאַרשריבן די אַלע אָנקלאַגעס און גענומען אויספאָרשן די אַרבעט פון קאָאָפּעראַטיוו.

ס'איז דורכגעגאַנגען ניט קיין סאַך צייט.

איינמאָל אינדערפרי — מיר גיבן אַ קוק — די טירן פון קאָאָפּעראַטיוו זיינען פאַרשלאָסן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רעוויזיע האָט געפונען אַסאַך בעסרוינעס.

צו די מעל פלעגט מען אין קאָאָפּעראַטיוו צומישן זאַמד, קעדיי ס׳זאָל צוקומען אין וואָג, און ריינע מעל פלעגט מען פאַרקויפן דעם קרעמער.

דערפאַר האָט זיך טאַקע אַזוי באַקומען, אַז דער קרעמער האָט געהאַנדלט מיט בעסערע מעל, ווי אין קאָאָפּעראַטיוו.

דער קרעמער פלעגט אָפּקויפן באַ די מיטאַרבעטער פון קאָאָפּעראַטיוו די געגאַנוועטע סכוירע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרוואַלטער פון קאָאָפּעראַטיוו איז דעם קרעמערס אַ פּריינטל, און מיטן סקלאַד האָט פאַרוואַלטעט אַ געוועזענער הענדלער.

דידאָזיקע גאַנצע קאָמפּאַניע איז אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעשיקט אין דער קרייז־שטאָט אין טורמע. מע האָט גלייך איבערגעוויילט די פאַרוואַלטונג.

ס׳זיינען אויסגעקליבן געוואָרן עטלעכע איבערגעגעבענע אַרבעטער.

איצט בייטיקט זיך שוין קיינער ניט באַ אונדז אינעם קרעמערס הילף. אין קאָאָפּעראַטיוו זיינען איצט פאַראַן די בעסטע און פרישסטע סכוירעס.

פראַגן: 1. פאַרוואָס האָט דער קאָאָפּעראַטיוו שלעכט געאַרבעט ביז דער רעוויזיע?

2. פאַרוואָס האָט מען געמאַכט אַ רעוויזיע?

3. ווער דאַרף אַכטונג געבן, אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל גוט אַרבעטן?

4. דערציילט וועגן דער אַרבעט פון אייער קאָאָפּעראַטיוו, וואָס פאַר אַ אָנטייל נעמען די מיטגלידער אין זיין אַרבעט?

(אוקר.) שרייבט איבער די ווערטער: פּריַיזן, זיין, צייט, זייגען, פריינטל, גלייך.

מעל, קרעמער, געווען, פלעג, געוועזענער.

גוט, גענומען, איבערקוקן. בוך, געקומען, אונטער.

אָנקלאַגע, איינמאָל אָפּגעשיקט, אָפּקויפן.

(ליטוו.) שרייבט איבער די ווערטער: ברויט, בעסרויגעס, אָפּקויפן סכוירע.

לידער פון מארק-סעדעכעס

ריידן ווײַבער אף דער גאס,
סאָרע, הינדע, לייע —
וועגן דער סאָוועטסקער וולאסט,
בא וועמען ט׳איז די דייע.
הינדע שרײַט: ווו זײַנען מיר?
פארוואָס קומט זיי אינגאנצן?..
טאָמער עפּעס — „בא דער טיר
שטייט איר, ספּעקוליאנטן!״
לייע שילט מיט איר פּיסקאטש:
„א רוח אין אײַער טאטן״,
טאָמער האָב איך אביסל שמאלץ,
ווילן זיי אויסצאפּן.
סאָרע מיטן קורצן סטאָן
איז גרייט דעם מויעך פּלעטן —
שוסטערס, שנײַדערס אויבנאָן,
שרײַבן די דעקרעטן.
א בײַזע צאָרע אף אונדזער קאָפּ,
וואָזוי זאָלן מיר ניט וויינען? —
פארברענט זאָל ווערן דער גאָראבקאָפּ:
ער נעמט בא אונדז צו די קוינים.
אומעטום שטופּט ער זײַן נאָז,
אף אלץ איז ער א מייוון,
פארקויפט א לאָמפּ, א שאָל, א גלאָז,
פארקויפט אפילע הייוון.

פראגן: 1. וועראיז ניט צופרידן פון דעם, וואָס די ראטנמאכט בויט די קאָאָפּעראציע?
2. ווו איז ביליקער סכוירע: אין קאָאָפּעראטיוו אדער באם פּריוואטן הענדלער?
3. וואָס טוט די ראטנמאכט, קעדיי געבן פּארנאָסע די אמאָליקע קליינע הענדלער?

געמאכט א טאָלק אין קאָאָפּעראַטיװ

שאַבּעס איז דער קאָאָפּעראַטיװ פול מיט קוינים. אַן ענג־שאַפט און א היץ. די פריקאַזטשיקעס װערן אָפּגעגאָסן מיט שװייס. א שטופּעניש און א קריגערײַ פאַר אַן אַטשערעד, איט־לעכער װיל װאָס גיכער אַרױסרײַסן זיך פון דעם געהענעם. באַ־זונדערס שטאַרק טומלען די װײַבער.

די אַרבעטערנס לאַטישעװסקע און טוטשינסקע שטייען אָן א זײַט. זיי זײַנען דעלעגאַטקעס. אױף דער פאַבריק האָט מען זיי אױסגעטײלט אין דער קראָם־קאָמיסיע. איז אָט שטייען זיי און באַטראַכטן, װאָס טוט זיך אין קאָאָפּעראַטיװ. פון צײַט צו צײַט װאַרפן זיי זיך איבער מיט קורצע װערטער.

— אָן ליגן מאַקאַראָנעס אינײנעם מיט זײף. מע װעט אין מויל ניט קאָנען נעמען.

— און אָט, זעסט, װיפל פליגן עס טוט זיך אױפן פלייש. ניט אומזיסט קלאָגן זיך אונדזערע אַרבעטערנס אױפן קאָאָפּעראַטיװ.

— נו, יאָ, אַװאַדע ניט אומזיסט. יענע װאָך האָב איך געקויפט ברויט, גענומען עסן און געפונען א גאַנצע שטריק.

די דעלעגאַטקעס זײַנען צוגעגאַנגען צום טיש. לאַטישעװסקע האָט געבעטן א קילאָ ציבעלע. דער פאַרקויפער האָט אָפּגעװויגן און געגעבן אַן אָרדער.

לאַטישעװסקע האָט א פאַרװוּנדערטע באַװיזן דער צװייטער דעלעגאַטקע:

—זע, ער האָט אָנגעשריבן 18 קאָפּיקעס: עס קאָסט דאָך 20.

— הער נאַר, דו, װאָס האָסטו דאָ אָנגעשריבן?— רופט זיך אָפּ לאַטישעװסקע צום פאַרקויפער, — ס׳קאָסט דאָך טײַערער!

דער פאַרקויפער איז געװוען קענטלעך שיקער.

— ניט דײַן זאַך! האָט ער גראָב אָפּגעהאַקט. געקויפט װעל־װעלער — איז דײַן גליק.

די דעלעגאַטקעס האָבן אױפגעזוכט דעם פאַרװאַלטער, ער האָט זיי אָן אָנגעבלאָזענער אױסגעהערט.

— איר האָט ניט װאָס צו טאָן, דרייט איר זיך אַרום און לאָזט ניט אַרבעטן.

— נו, דו, ניט פארײַס זיך אזוי! דער פארקויפער איז שי־קער, פארוואָס גיסטו ניט אכטונג?

— ס'איז ניט דײַן אײסעק! — איז אָנגעפאלן דער פאר־וואלטער, — רוק זיך ניט, ווו מע בעט דיך ניט!

— טוטשינסקע האָט זיך דערשראָקן. אָבער לאטישעווסקע איז באשטאנען אף אירס.

— איך וועל דאָס אזוי ניט דורכלאָזן!

זי איז צוגעגאנגען צום טעלעפאָן און ארויסגערופן דעם באַ־פולמעכטיקן פון פאבריק לאָמאָוואצקין, יענער איז געקומען. די דעלעגאטקעס האָבן אים דערציילט אין וואָס עס גייט דאָ.

לאָמאָוואצקי האָט רויִק געגומען פאנאנדערקלײַבן די זאך.

ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער פארקויפער קומט גאנץ אָפט שיקער צו דער ארבעט. דערבײַ האָט מען אופגעדעקט נאָך אסאך פעלערן אין דער ארבעט פון קאָאָפעראטיוו.

נאָכדעם האָבן זיך לאטישעווסקע און טוטשינסקע ערשט פעסט גענומען פאר דער ארבעט אין דער קראָם־קאָמיסיע. און זייער ארבעט איז ניט געגאנגען פארפאלן: דאָס פלייש ליגט איצט שטענדיק צוגעדעקט מיט מארלע. די פראָדוקטן ליגן אף אן אָרט.

דער פארוואלטער, און דער פארקויפער באגייען זיך שוין ניט אזוי גראָב מיט די קוינים. שאבעס קומט א פרײַער פאר־קויפער פון אן אנדער אָפטיילונג אהער אין קאָאָפעראטיוו און העלפט ארבעטן. ס'איז געוואָרן קלענער די שפארעניש און די ענגשאפט.

אין 3 כאדאָשים ארום האָט לאטישעווסקע אף דער פאבריק אָפגעגעבן א באריכט פון איר ארבעט.

דער אוילעם האָט שטארק אפלאָדירט דער דעלעגאטקע.

— גוט געארבעט — האָבן די ארבעטערנס גערעדט צווישן זיך, ווען זיי זײַנען זיך צעגאנגען פון דער פארזאמלונג.

פראגן: וועלכע פעלערן זײַנען געווען אין דער ארבעט פון קאָאָפע־ראטיוו? וואָס האָבן באוויזן אופצוטאָן די דעלעגאטקעס אין

קאָאָפּעראַטיוו? צי נעמען אָנטייל אײַערע ארבעטערנס אין דער קראָם-קאָמיסיע?

פּארגעבונג: שרײַבּט איבּער די ווערטער: אן ענגשאפט, אן אָטשערעד אן ארבּעט, אן אָרדער, אן אָנגעבּלאָזענער, אן אָנגעשיקערטער, אן אָרט, אן אנדער, אן אָנטייל, אן אייםעק, אן אוילעם, אן אי-נוועניקסטער, אן אומגליק.

קאָאָפּעראַציע

די קאָאָפּעראַציע פּארנעמט א גרויס אָרט אין אונדזער פאָלקסווירטשאפט. קאָאָפּעראַציע איז א בּריק צווישן שטאָט און דאָרף. דורך די קאָאָפּעראַטיוון באקומט דאָס דאָרף די פאבּריק-אויסארבּעטונגען און סכוירעס פון שטאָט. דורך זיי, ווידער, בּאַקומט די שטאָט לאַנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן. די אויפגאבּע און די וויכטיקסטע אויפגאבּע פון דער קאָאָפּעראַציע איז געבּן דעם ארבּעטער און דעם פּויער גוטע סכוירעס פאר א בּיליקן פּרײַז.

די קאָאָפּעראַציע יאָגט זיך ניט נאָך גרויסע פּארדינסטן. וואָס בּיליקער עס זײַנען די סכוירעס, אלץ מערער קאָן זיי דער ארבּעטער קויפן. די קאָאָפּעראַציע איז בּארופן צו פּארבּעסערן די לאגע פון די ארבּעטער און פּויערים.

אויסערדעם, האָט נאָך די קאָאָפּעראַציע בּא אונדז א בּאַזונדערע בּאַדײַטונג.

זי פּארייניקט אייַנצלנע בּאַלמעלאָכעס און קוסטארן אין ארטעלן און פירט זיי בּיסלעכווײַז אריבּער פון זייער טעכניש-אָפּגעשטאַנענעם ווארשטאַט צו אן אָרגאַניזירטער ארטעל-פּאבּ-ריק.

די קאָאָפּעראַציע העלפט די פּויערים בּאַקומען די נייטיקע מאשינעס און אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע מיטלען אף אופ-הייבּן די גערעטעניש, פּארייניקט די פּויערים אין קאָלעקטיוון און שאפט פון די צעבּרעקלטע, אָפּגעשטאַנענע יעכידישע ווירטשאפטן מעכטיקע פאבּריקן פון בּרויט און אנדערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן.

די קאָאָפּעראַציע שאַפט אָפּ דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטן, שאַפט אָפּ דעם קלאַס קרעמער, הענדלער, מעקלער, באַלעבעסלעך מיט זייערע אייגנטימערישע באַלעבעסלדיקע האַסאָגעס. זי הייבט אויף דעם קולטורעלן צושטאַנד פון אירע מיטגלידער. זי פלעכט אַריין גרויסע מאַסן באַפעלקערונג מיט זייער אַרבעט, מיט זייערע מאַטעריעלע באַדערפעענישן און מיט זייער אַרט דענקען — אין דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט, אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, בויט אין פּסס"ר.

דער ערשטער שאַבעס אין כוידעש יול, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער יאָנטעוו פון קאָאָפּעראַציע אַף גאָר דער וועלט.

פאַרגעבונג: שרייבט אַרויס באַזונדער די שטיקער רייד מיט **א** און מיט **אן** בײַ די לעצטע גיט צו די ווערטער פון פאַריקער פאַרגעבונג. קוקט זיך צו און דערקלערט, אין וועלכע פאַלן שרייבט מען „אן" אַנשטאָט „א".

VI. לאנדווירטשאפט

אלעמען...

אלעמען, אלעמען, אלעמען,
אונדזער טרייסט, אונדזער מי, אונדזער ברויט.
אין שטעט און אין שטעטלעך פארוואָרפענע
אָנקומען זאָל אונדזער פרייד.
מיר זיינען אף פעלדער פארלאָזטע
מיט גלויבן געקומען צו גיין,
מיר האָבן די גרונטן די הארטע
געריסן מיט אונדזערע ציין.
מיר זיינען אין שפאן זיך געגאנגען
צוזאמען מיט אונדזערע פערד.
מיר האָבן מיט שווייסיקע טראָפנס
באזאפטיקט די ערד.
מיר האָבן די וויסטע מידבאָריעס
אין גאנצן באנייט.
קומט, זעט ווי עס וויקלען זיך פעלדער
אין גרינלעכן זייד.
מיר האָבן דעם זאָמען באגאָסן
מיט זודיקן שוויס
און זעט ווי עס וויגן זיך זאנגען
אין ערדיקן שוים.

פארגעבונג: לייענט איבער דידאָזיקע ליד מיט דער געהעריקער אינטאָנאציע.

א טאכלעס

אף דער זיצונג פון פערעטשעפענער קאמקעמערל איז געשטאנען די פראגע — וועגן א טאכלעס פאר די שטעטלדיקע קאפצאנים. ס׳זיי־נען געשטאנען נאך פראגן, נאר דאס איז געווען דאס וויכטיקסטע.

פאטוגײלע, דער פאָרזיצער פון אויספירקאם, בעטעווע א מענטש א קאלטבלוטיקער, איז דאך געווארן אופגערעגט:

— וואס הייסט א טאכלעס? וועגן וואס רעדט זיך דאס?

נאך אים איז ארויסגעשפרונגען דער קאמיוגיסט א צעקאכטער:

— מע דארף זיך דאך סאף־קאל־סאף דורכשמועסן וועגן די רע־זאליוציעס פונעם לעצטן פארטיי־צוזאמענפאר. ביזוואנען וועט מען דאס פארציען?

און מוישע קנאק, דער מיליציאנער, פארשטייט אויך ניט וועגן וואס פאר א טאכלעס וועט מען דאס שמועסן. פאכט ער מיט זײן מיליציאנעריש היטל צום סעקרעטאר און בעט א ווארט:

— כאווערטע... כאווערטע...

— נאר זי רײסט אים איבער:

— כאווײרים, גענוג צו אמפערן זיך. א ווארט באקומט דער כא־ווער האז.

— פערעטשעפ—האט האז דער פינאנגענט אנגעהויבן—איז א ידיש שטעטל. פון טאמיד אן א קליינהענדלערישעס, א קאפצאניש, וואס האט געצויגן כעיונע פון האנדל און וואנדל, פון געמילעס־כעסעד און פון נעכטיקע טעג. „ברויט־פראדוקט", „מעלוכע־האנדל", קאאפע־ראציע נעמען אף דעם לעצטן ביסן ברויט. און מיר — האט ער א פיר געטאן מיט זײן איינציקער האנט איבערן גאנצן צימער, — טראגן די אכראיעס פאר אלע שטעטלשע קאפצאנים. דארף מען טראכט טאן וועגן א טאכלעס,

— פאר קליינבירגער אכראיעס?—האט זיך דער קאמיוגיסט א רים געטאן פון ארט אזוי, אז אלע האבן דערזען זײן פלאקסענעם קאפ האר, — איך פארשטײ ניט, כאווערטע, גיב מיר א ווארט!..

נאר האז איז אויך געווארן אופגערעגט:

— וואס דרייסטו א מויעך וועגן קליינבירגער? דאס זײנען קאפ־צאנים, וואס פײגערן פון הונגער. ווער זעט נאך דעם פערעטשעפער דאלעס אזויפיל, ווי איך? טאגטעגלעך האבן צוטאן מיט יעדן קרעמל, מיט יעדן טישל, מיט יעדער כורווע. געדענקט, כאווײ־רים,—האט ער אויסגעשריען ווי אף א מיטינג,—אויב מירן ניט טראכטן וועגן א טאכלעס פארן שטעטל, וועט עס אונטערגיין, כארעוו ווערן און די קינדער וועלן אויסוואקסן אזעלכע צעפוילטע, ווי זייערע טאטעס.

מער האָט ער ניט גערעדט. אומגעריכט איבערגעריסן. פינף מינוט עפּשער האָט קיינער ניט גערעדט. מע האָט אלץ אויסגעוואַרט, טאָ-מער וועט האָז נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט געשוויגן. ביזוואַ-נען ס׳איז געוווּן שטיל, האָט מוישע קנאַק געהאַט א מעגלעכקייט טיפער אריינטראַכטן זיך אין פינאַגענטס רייד.

ער איז מיט אים איינגאַנצן מאַסקים: פּערעטשעפּ איז ווירק-לעך א שטעטל, וואָס שטאַרבט אויס פון הונגער, וואָרעם ווער זעט נאָך אזוי די גאַס, ווי א מיליציאָנער? און דאָך וויל ער וויסן:

— אָבער וואָס פאַר א טאַכלעס קען מען דאָ צוטראַכטן?

איין וואָרט האָט האָז אָפּגעביסן. א קורץ און א שטייף וואָרט, וואָס איז ארונטערגעפאַלן, ווי א שווערער ציגל:

— ערד!

בא פּאָטוגאַילען האָט א צאַפּל געטאָן זיין פויעריש האַרץ. אומ-געריכט פאַר זיך אליין, דערמאָנט זיך פּאָטוגאַליע, וויאזוי מע גייט דאָס נאָכן אַקער, און גרויע שטיקער ערד ווערן אויסגעקערט ארויף מיט א שוואַרצן אונטערשלאַק און מיט א רייעך פון פרישן ערדישן זאַפט.

ער איז מאַסקים מיט האָזן, און דער קאָל זיינער איז א ווייכער מיט א גוטמוטיקן שמייכל:

— ערדעלע שפּייזט אַלעמען.

און האָז לייגט פאָר:

— היינט אין אָוונט צונויפרופן א פאַרזאַמלונג פון אָט די אַלע קאַפּצאָנים און צוזאַמען מיט זיי באַהאַנדלען די פראַגע.

נאָכדעם טרעט ארויס דער סעקרעטאַר. גערעדט האָט זי מיט א זינגענדיקן קאָל וועגן א מישפּאָכע קאַפּצאָנים, פון וואַנען זי איז אויסגעוואַקסן, וועגן דעם, אז ביז היינטיקן טאָג האָט מען זיך צו א טאַכלעס ניט געקאָנט דערשלאָגן און געענדיקט האָט זי אזוי:

— האָזס פאָרשלאַג אָנעמען. אויסטיילן א דריילינג, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער גאַנצער ארבעט פון פּערעטשעפּער איבערוואַנדערונג.

און אין פּראָטאָקאָל האָט זיך א פרישע שורע באַוויזן:

— געבן צו וויסן דעם רייפּאַרטקאָם און באַקומען א העסקעם.

פראַגן: 1. וואָס פאַר א פראַגע האָט טען באַטראַכט אויף דער זיצונג פון קעמערל?

2. וואָס פאַר אן אויסגאַנג האָבן זיי געפונען פאַר דער שטעטלשער אָרעמקייט?

3. צי נעמט בא אייך די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע אן אָנטייל אין איינאָרדענען יידן אויף ערד?

פאַרגעבונג: שרײַבט איבער די פאַר־ווערטער: פאַרט ער, האָט ער, ער איז, ווײַל ער. וואָס מאַר אַן ענלעך וואָרט איז פאַראַן אין אַלע פאָרן? ווי אַזוי שרײַבט זיך דאָ ער פונעם אַנדערן וואָרט־אינײנעם צי באַזונדער? איבער די ווערטער: שוסטער, שנײַדער, מעסער, לערער שרײַבן זיך אינײנעם.

ער איז אַ גרויסער קענער — אינײנעם
אַלצדינג קען ער — באַזונדער
} פאַרוואָס? טראַכט צו נאָך אַזעלכע ווערטער.

אויפגאַבן: 1. אין 1917 יאָר איז יידישע ערדאַרבעטער געווען אַרום 52.000 נעפּאַשעס, און אין 1927 . . . . 175.000 און אין 1929?

רעכנט אויס אויף וויפל האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל יידישע ערד־אַרבעטער נאָך דער רעוואָליוציע?

2. ביז דער רעוואָליוציע האָבן יידן געהאַט 120.164 העקטאַר ערד. אין 10 יאָר אַרום נאָך דער רעוואָליוציע 496.500 העקטאַר ערד.

רעכנט אויס וויפל ערד איז צוגעקומען.

3. אין אויגוסט 1928 יאָר האָט דער אַלפאַרבאַנדישער אויספּירקאָמיטעט באַשטימט: אויסטײלן אין קרים און אין אַנדערע פונקטן צו 7 העקטאַר ערד אויף אַ פאַמיליע און באַזעצן 15.000 יידישע פאַמיליעס אויף ערד.

באַרעכנט, וויפל העקטאַר ערד איז אויסגעטײלט געוואָרן פאַר די 15 טויזנט פאַמיליעס.

קאָמערד

דעם 25־טן יול 1924 יאָר האָט דער פּרעזידיום פונעם צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט פון דער ווײַסרוסלענדישער ראַטנרעפּובליק אָנגענומען אַזאַ באַשלוס:

געבן יידן—סײַ אײנצלנע, סײַ קאָלעקטיוון — ערד אויף דיזעלביקע רעכט, וואָס דער נישט־יידישער פּויערשער באַפעלקערונג.

באַקומען ערד האָבן רעכט אַפילע אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך פריער מיט ערדאַרבעט נישט פאַרנומען.

כּדי דורכפירן דעם דאָזיקן באַשלוס אין לעבן, איז באַלד אויפן אָרט באַשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף אײַנאָרדענען האָרעפּאַשנע יידן אויף ערד.

אַן ענלעכן באַשלוס האָט דעם 29־טן יול 1924 יאָר אָנגענומען דער פּרעזידיום פונעם אַלוקראַינישן צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט.

דעם 29־טן אויגוסט האָט דער פּרעזידיום פונעם אַלפאַרבאַנדישן צענטראַלן אויספּיר־קאָמיטעט באַשלאָסן:

שאַפן בײַם פּרעזידיום פון נאַציאָנאַליטעטן־ראַט, וואָס בײַם צ. א. ק. פון פ.ס.ס.ר, אַ באַזונדערן „קאָמיטעט פאַר אײַנאָרדענען אַרבעטנדיקע יידן אויף ערד", פאַרקירצט „קאָמערד" און אויף רוסיש „Комзет".

אף איינער פון זײַנע ערשטע זיצונגען האָט דער אלפארבאנדי-שער „קאָמערד“ אָנגענומען אזא באשלוס:

אין די נאָענטסטע 10 יאָר באזעצן 100 טויזנט יידישע מישפּאָ-כעס אף ערד.

די ערד-אײַנאָרדענונג פירן ניט צעזייט און צעשפּרייט, נאָר ווי ווײַט מעגלעך צוזאמען, קאָנצענטרירט אף גרויסע ערד-שטעקן.

דאָס וועט שאפן א גרונט אף אויסבילדן מיט דער צײַט א יידישן אווטאָנאָמען געגנט (טעריטאָריעלער איינס).

פראגן: 1. מיט וואָס פארנעמט זיך דער קאָמערד?
2. וואָס פאר א געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע העלפט דעם קאָמערד?
3. ווי ארבעט בא אײַך דער געזערד?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: אפילע, אזוינע, אזעלכער, אהער, אסאך, אדעראבע, אבי, אהא, אהין, אוואדע, אוועק, ארײַן, ארוים, אכוץ.

באמערקט, אז אין די אלע ווערטער שרײַבט זיך דער „א“ צוזאמען מיט די איבעריקע בוכשטאבן.

וואָס איז דער כילעק: איך האָב א היים—איך גיי אהיים. איך האָב א זייגער—ס'איז איצט צוויי אזייגער.

ווען שרײַבט מען דעם „א“ איניינעם און ווען באזונדער?

ווי פירט דער קאָמערד זײַן ארבעט

ביזן יאָר 1928 האָט דער קאָמערד באזעצט יידן אף ערד און געשאפן נײַע יידישע קאָלאָניעס אין אוקראינע, אין ווײַסרוסלאנד, אין קרים, אין קאווקאז און אין בריאנסקער און סמאָלענסקער גובערניעס.

אין 1928 יאָר האָט די אלפארבאנדישע רעגירונג באשטימט אָפּ-צוגעבן א גאנצע געגנט אף באזעצן דאָרט הארעפּאשנע יידן.

דאָס לאנד רופט זיך בירא-בידזשאן. בירא-בידזשאן געפינט זיך אין דער געגנט פונעם טײַך אמור. דאָס לאנד איז גרעסער פאר גאנץ פּאלעסטינע. בירא-בידזשאן קען ארײַנעמען אסאך איבערוואנדערער.

דאָס באזעצן יידן אף ערד אין בירא-בידזשאן האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

זינט ס'איז געוואָרן דער קאָמערד, האָט די יידישע לאנדווירטשאפט באזונדערס שטארק גענומען וואקסן.

יידישע ערד-שעטעכן אין העקטארן:

רעפובליקן און ראיאָנען	ביז דער גרינדונג פון קאָמערד	צוגעקומען: אין 1925 יאָר	אין 1926 יאָר	אין 1927 יאָר	פאר 3 יאָר צוזאמען	סאכאקל איז אין אָקטיא-בער 1927 יאָר געווען
1. אוקראינע . . .	122.165	57.361	67.696	20.056	?	?
2. קרים	—	27.582	31.851	49.680	?	?
3. ווייסרוסלאנד .	26.852	9.985	5.265	4.964	?	?
4. האָמליער גוב .	—	2.411	—	—	?	?
5. צאָפן-קאווקאז .	—	—	2.646	6.000	?	?
6. דאגעסטאן . .	—	—	—	10.400	?	?
7. אזערביידזשאן .	—	800	—	448	?	?
8. אוזבעקיסטאן .	—	—	—	3000	?	?
9. פסקאָווער, בריאנסקער און סמאָלענסקער גוב.	—	—	785	1200	?	?
סאכאקל אין גאנצן פארבאנד	149.017	98.654	108.240	95.748	?	?

בארעכנט: 1. וויפל איז פאר די דריי יאָר צוגעקומען יידישע ערד אין יעדער רעפובליק און ראיאָן? 2. וויפל אין גאנצן פארבאנד? 3. וויפל ערד האָבן יידן סאכאקל געהאט צום צענטן יובילײ פון דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע אין יעדער רעפובליק און ראיאָן? 4. וויפל אין גאנצן פארבאנד?

געזערד

געזערד איז א געזעלשאפט, וואָס פארנעמט זיך מיט העלפן איינאָרדענען הארעפאשנע יידן אף ערד.

דער ציל פון געזערד איז:

1. זאמלען געלט, סיי אין ראטנפארבאנד גופע און סיי אין אויסלאנד, אף צו העלפן דעם קאָמערד דורכפירן די יידישע ערדאיינאָרדענונג.

2. העלפֿן דעם קאָמערד אָפּקלײַבן די איבערוואַנדערער.

3. געבן די איבערוואַנדערער לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס, פֿערד, בעהיימעס, בוי-מאַטעריאַלן, זריע א. אז. וו. אויף אויסצאָלן.

4. באַזאָרגן די איבערוואַנדערער מיט מעדיצינישע, און קולטורעל-דערציערישע הילף.

5. העלפֿן דעם „קאָמערד" אויספֿאָרשן און צוגרייטן נײַע ערטער, ווו מע קאָן באַזעצן ייִדן אויף ערד.

דער געזערד באַקומט אַסאַך שטיצע פֿון אויסלאַנד, פֿון פּאַרשײַדענע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, ווי „איקאָר" פֿון צאָפֿן-אַמעריקע, „פּראָקאָר" — פֿון אַרגענטינע און אַנדערע.

פּאַלעסטינע

וואָס איז אַזוינס פּאַלעסטינע?

די ציאָניסטן זאָגן, אַז פּאַלעסטינע איז אַ לאַנד, וואָס ריננט מיט מילך און האָניק. אַ לאַנד, וואָס קאָן אַרײַנעמען אין זיך אַ גרויסן טייל ייִדן און מאַכן אַ סאָף צו אַלע ייִדישע צאָרעס.

אַזוי זאָגן די ציאָניסטן.

איצט לאָמיר הערן, וואָס זאָגט די סטאַטיסטיק.

לויט די לעצטע אויסמעסטונגען, פֿאַרנעמט פּאַלעסטינע אַרום און אַרום בא 4 מיליאָן 800 טויזנט העקטאַר. פֿון זיי איז ערד, וואָס טויג אויף צו באַאַרבעטן $^1/_2$ מיליאָן העקטאַר. כּוצדעם קען מען נאָך אויסבעסערן אַ האַלבן מיליאָן העקטאַר. דאָס איבעריקע איז בערג, וויסטעניש און אומגינסטיקער באָדן.

לויט דער ציילונג פֿון 1922 יאָר איז אין פּאַלעסטינע פֿאַראַן אַ באַפֿעלקערונג פֿון 550 טויזנט נעפֿאַשעס וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט. דערפֿון זעען מיר, אַז אויף איין נעפֿעש קומט אָן ווייניקער ווי איין העקטאַר באַאַרבעטע ערד. דאָס הייסט, אַז אויף אַ מישפּאָכע פֿון 6 מענטשן קומט אויס ניט מער ווי 5 העקטאַר ערד.

פּאַלעסטינע איז ניט נאָר געדיכט באַפֿעלקערט, נאָר איבערבאַפֿעלקערט. דער ערד-הונגער אין דאָרף צווישן די פֿעלאַכן (פּויערים) איז שרעקלעך גרויס. אויף דער באַאַרבעטער ערד איז ניטאָ קיין שום פּלאַץ פֿאַר אַן איבערוואַנדערונג - קאָלאָניזאַציע.

פֿאַר דער ציאָניסטישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע בלײַבט מער ניט ווי אַ קלײנער טייל פֿון דעם באָדן, וואָס קען מעליאָרירט ווערן, דאָס הייסט—די זומפּן.

און וועגן אָט-די זומפּן איז אָט וואָס עס דערציילט אַ מיטגליד פֿון אַ ציאָניסטישער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט באַשטימען, צי קאָן מען

אין די זומפן באזעצן מענטשן. די קאָמיסיע האָט געטראָפן אַן אלטן אראבער און זיך ארײַנגעלאָזן מיט אים אין א שמועס.

— ליבער אלטער, וואָס באַטײַטן דידאָזיקע כורוועס?

— א יישעוו, וואָס איז כאַרעוו געוואָרן — זאָגט ער.

— וואָס-זשע פאר א יישעוו איז דאָ געווען?

— א דײַטשישער.

— און ווו געפינען זיך איצט די מענטשן פונעם דאָזיקן יישעוו?

— געשטאָרבן.

— געדענקסטו דעמדאָזיקן יישעוו?

— דאָס איז געווען, ווען איך בין נאָך א קינד געווען...

— און פון דעמאָלט אָן האָט שוין דאָ קיינער ניט געוווינט?

— נאָכדעם איז דאָ געווען א צווייטער יישעוו, אַן אראבישער דאָרף.

— וואָס-זשע איז מיט דעם געשען?

— אויך אומגעקומען, — מאכט ער מיט א זיפֿץ.

— און די אײַנוווינער? וואָס איז מיט זיי געוואָרן?

— אויכגעשטאָרבן, אלע אויסגעשטאָרבן.

— וואָס-זשע איז די סיבע, וואָס דאָ איז אומעגלעך צו לעבן?

— א שלעכטער ווינט בלאָזט דאָ, און דאָס וואסער איז שלעכט.

און ווער עס ברענגט זיך אָן מיט דעמדאָזיקן וואסער ווערט געשוואָלן און אפֿן דריטן טאָג שטארבט ער.

אזוי האָט דערציילט דער אלטער אראבער. דאָס איז איינס פון די ערטער, ווו די ציאָניסטן בויען זייערע יישוווים.

א דאָקטער, וואָס ארבעט אין דער קראנקן-קאסע פון דער „אלגע-מיינער ארבעטער-אָרגאניזאציע אין פאלעסטינע" האָט גאנץ אָפן געמאָלדן:

אין א שיינעם פרימאָרגן קענען אַלע אַרבעטער פונעם יישעוו פארוואנדלט ווערן אין אייביקע אינוואַלידן.

און ניט אומזיסט באצייכנט מען די ציאָניסטישע קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינע מיטן נאָמען: נאציאָנאלע אונטערנעמונג אף פראָדוצירן אינוואלידן.

פראגן: 1. וואָס זאָגן די ציאָניסטן וועגן פאלעסטינע?
2. צי קאָן פאלעסטינע ארײַננעמען א מאסע מענטשן?
3. פארוואָס לוינט די ציאָניסטן נארן די הארעפּאשנע יידישע מאסן?
4. ווו קומט פאָר דאָס עמעסע באזעצן יידן אף ערד?
5. וואָס פאר א מיין ליגט אין די ציאָניסטישע רייד וועגן „קלאל-יִסראָעל"?

פארגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: האָט זי, פרעג איך, זאָגט ער, ענטפערט ער, מאכט ער, שטארבט ער.
באמערקט, וויאזוי שרײַבט זיך: זי, איך, ער: אינאיינעם מיטן צווייטן וואָרט, צי באזונדער?

צו א נײַער היים, צו א נײַ לעבן

זונטיק דעם 30-טן אפּרעל האָט קרעמענטשוג אַרויסבאַגלייט די ערשטע 15 איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן. ס'האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט אַן אוילעם פֿון א מאַן 600.

ווער איז דאָ ניט געווען?

יידן מיט לאַנגע ווײַסע בערד, ווײַבער פֿון קיך און פֿון פּריפּעטשיק, לערערס און לערערקעס, פּאַרטיי-טוער און פּראָפֿטוער, שילער פֿון אַרבעט-שולן און נאָך און נאָך.

אַלע זײַנען הײַנט געקומען זיך געזעגענען מיט זייערע ברידער, פֿרײַנט און כאַווײַרים.

— מיר פֿאָרן אַקערן מיט דער נאַז די ערד, — האָבן זיך אייניקע איבערוואַנדערער געוויצלט.

יאָ, טאַקע מיט דער גאַנצער ענערגיע, אָבער מיט דער הילף פֿון טראַקטאָרן צעאַקערן די פֿעטע נײַע ערד, אויסקאָרטשען דאָס ווילד-גראָז און זייען ברויט און לײַן קערנדלעך פֿון סאָציאַליזם...

א פֿאָרשטייער פֿון שטאָטראַט האָט גערעדט:

— די בורזשואַזע צײַטונג „יידישע וועלט" פֿון פֿילאַדעלפֿיע שרעקט אונדז מיט שיידים... אין ביראָ-בידזשאַן, שרייבן זיי, זײַנען דאָ זייער אַסאַך שיידים און די שיידים וועלן אונדז שטערן די וועלדער אויסהאַקן די פֿעלדער צעאַקערן... נו, מיילע, אונדזערע איבערוואַנדערער זײַנען אַזעלכע קינדער, אַז זיי קאָנען באַזיגן ניט נאָר די ביראָ-בידזשאַנער שיידים, נאָר אַפֿילע פֿילאַדעלפֿיער...

א קוסטאַר איז אַרויסגעטראָטן:

— כאַווײַרים, מיר ווייסן דאָך, אַז יעדער אָנהויב איז שווער און דעריבער שיקן מיר טאַקע 15 געזונטע כעוורע: זאָלן זיי דאָרט אָנהויבן בויען א נײַ לעבן...

און צוזאַמען מיט די גליִענדיקע, האַרציקע ווערטער האָבן זיך א שאָט געטאָן מאַטאָנעס: א פּרימוס מיט א פֿענדל, — „פֿאַרנוצט עס געזונטערהייט" — רעגן-מאַנטלען, פֿויערישע וועגענער, קאָלדרעס, גרעט, אַפּטייקלעך, א ביקס, ביכער, לעפֿל מיט גאָפּלען, און נאָך און נאָך.

דעם ערשטן מײַ האָט מען די ביראָבידזשאַנער באַגלייט אויפֿן וואָקזאַל. ווידער האַרציקע ווערטער, ברידערלעך געזעגעניש.

— פֿאָרט געזונט, כאַווײַרים! איר וועט זײַן די ערשטע גליקלעכע אײַנוווינער פֿון ביראָבידזשאַן.

עמעצער ווישט אָפּ א טרער פון פרייד...

— זייט געזונט! פארגעסט ניט אין אונדז!..

ניין, קרעמענטשוגער ארבעטנדיקע וועלן ניט פארגעסן. אזוינע געשעענישן פארגעסט מען ניט.

ביז צוויי באנאכט האָט זיך געצויגן דאָס געזעגעניש. מיט א הילכיקן פייף האָט דער צוג גענומען רירן פון אָרט. הונדערטער מיילער און הערצער האָבן נאָכגעשיקט דעם לעצטן „זייט געזונט".

פראגן: 1. צי זיינען בא אייך פאראן איבערוואַנדערער קיין בירא-בידזשאן?
2. וואָס שרייבן זיי פון דאָרטן?
3. צי לוינט אריבערטראָגן די אלע שוועריקייטן?
4. צי ווייסט איר, אז דאָס איז א לאנד פון פיל מעגלעכקייטן?

פארגעבונג: שרייבט איבער די ווערטער: געזעגענען זיך, געווינצלט זיך, האָבן זיך, האָט זיך.
ווי אזוי רעדט איר ארויס דאָס וואָרט—„זיך" איניינעם, צי באזונדער פונעם ערשטן וואָרט?
אָבער שרייבן שרייבט מען באזונדער.

איבערוואנדערער

כאבאראָווסקער וואָליקעס; געלער קאָזשוך;
א טאָרבעלע שפייז און מערעזשינס א בוך...
איז שוילעק פיר וואָכן געפאָרן אין באן,
פיר וואָכן געפאָרן פון בירא-בידזשאן.
ערעוו פייסעך—און קיין אומאן
איז זיך שוילעק אָנגעקומען.
האָבן שכיינים זיך צעוואקלט:
— אומגעקערט זיך א מעראגל!...
— קוקט אים אָן דעם יונגנמאנטשיק!
— זע א הוילעך! א איוואנטשיק!
— ניין, א באָדגורי! ניין, א גאזלען!
— האָט געפרווט זיין ביטער מאזל!
אן אסיפע אין דער קלויז איז:
— העיוס ווי שוילעק האָט געליטן,
בעכיין אים געבן ארבע-קויסעס.
און אף מאצע—מאָעסכיטן!

און דער גאַבע רעב יעכיעל
האָט נאָך צוגעלייגט פון זײַנעם:
— און איך גיב אים אן אליע
כע-כע־כע, — און טאַקע א פײַנע!
און דער גאַבע, כאזן, מויעל,
און דער שאַמעש מיט א בינטל:
— ט׳האָסטו מאַצע, ברודער שויעל,
און א הון פאַר דײַן געזינדל!..
האָסט געוואָלט דײַן מאַזל פּרוּוון...
ייִד און ערד... א שיינע פּראַצע!..
האָט זיך שוילעק אָנגערופן:
— אַף קאַפּאָרעס כ׳דאַרף די מאַצע!
— שוילעק, ברודער, טרײַבסט לעצאָנעס!
זע נאָר, מאַצע! מיט מאַטאָנעס!
אן אליע מיט א ביידער!
— אַף קאַפּאָרעס אײַער סיידער!
— סטײַטש?.. וואָס רעדסטו?.. זע, געשאָנקען...
טײַנעט גאַבע א פאַרגאַפּטער.
ווײַזט זיי שוילעק אַף דער קליאַמקע:
— אז איך פײַף אַף אײַער מאַפּטער!
האָט אין אומאַן זיך גערודערט:
וואָס האָט שוילעק אומגעקערט זיך:
— זאָג-זשע, זאָג־זשע, שוילעק, ברודער,
אין דער ווײַטער וועלט, וואָס הערט זיך?
— אונדזער ווײַטע וועלט פון בירע,
דאָרטן מאָזלען מיר און פּאָקן...
און מײַן גרופּע זיבן אירע,
האָט זיך קיינער ניט דערשראָקן!
— איז פאַרוואָס זשע, איז פאַרוואָס זשע
האָסט זיך אומגעקערט אצינדער?
— כ׳האָב פאַרדינט די ערשטע גראָשנס,
קום איך נעמען ווײַב און קינדער.

זאָלן קינדער דאָרטן וואקסן,
און פארבײַטן זייער טאטן!
זאָלן הייבן יונגע אקסלען
ײִדרעפּובליק פון די ראטן.

פראגן: מיט וואָס האָט מען געוואָלט מעכאבעד זײַן שויעלן? וואָס האָט ער געענטפערט די קלייקוידעש? וואָס זאָגט ער וועגן ביראָבידזשאַן? פארוואָס רופט ער עס „ײִדרעפּובליק“? ווי באצוען זיך די ײִדישע קלייקוידעש און די בורזשואזיע צו דער ײִדישער ערד אײַנאָרדענונג?

פארגעבונג: שרײַבט ארויס די ווערטער: „זיך“ מיט די ווערטער, וואָס שטייען פאר זיי, לעמאָשל: איז זיך, שבײנים זיך א. א. וו. דאָס וואָרט זיך שרײַבט אָפּגעטיילט פונעם צווייטן.

א כאזער

בוקע איז געקומען אין דאָרף צו זײַנע קינדער. ער איז ארומגעגאנגען צווישן די עלטערע ײִדן און געטײַנעט:

— געזערד וועט גאָר טיילן כאזיירים! וואָס זאָגט איר אף די מאטאָנעס? ווער דארף עס האָבן אזא מיעסקײַט! פע!

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס: אלץ דארף מען נעמען. גלויבט מיר, ײִדן וועלן נעמען כאזיירים אויך! האָט אָפּגעהאקט שימען דער גוואר, וואָס איז אמאָל געווען אונטערשאמעס אין גלעזערשולכל. א רעגע האָט ער געשוויגן. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן:

— ווער ס'וועט וועלן, דער וועט נעמען.

— יאָ, הערסט, — בוימלען זיך בוקעס אויגן — אָט דאָס זאָג איך דיר, מיטאמאָל ארײַן א גוי.

— דער קליינער יאָסיק, שימענס צוועלף־יאָריק יינגל, פאלט ארײַן אין די רייד:

— איך ווייס, אז יוילעק דער גלעזער וועט נעמען א כאזער!

— פונוואנען ווייסטו?

— מאָטקע און סימע, יוילקעס קינדער, האָבן עס געזאָגט אין לייענשטיבל. מיר האָבן שוין דאָרט גערעדט דערפון.

— געהערט א מײַסע „מיר האָבן שוין גערעדט דערפון אין לייענשטיבל“. א יכעס ס'לייען שטיבל! „זיי“ האָבן גערעדט! די ײִדן זאָגן נאָך עפּעס און גייען זיך פאנאנדער.

אפדערנאכט, ערעוו יענעם פרימארגן, ווען מע האָט געזאָלט טיילן מאטאָנעס אין „געזערד“ פאר די איבערוואנדערער, האָבן סימען און מאָטקע, יוילקעס קינדער זיך גענומען צום טאטן.

סימע איז א נידעריטשקע, א קרעפּטיקע. זי כאַפּט אָן אלע מאָל דעם טאַטן מיט איר פולער האַנט בא די שפּיציקע אקסלען און רעדט אים איַן:

— האָסט אלציינס ניט וואָס צונעמען דאָרט כוץ א...

זי פארשעמט זיך אביסל, ווען זי זעט דעם טאַטנס אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

דערנאָך ענדיקט זי שמייכלענדיק:

— כוץ א כאַזער, מער איז פאַר דיר גאַר ניטאָ דאָרט — א בעהיימע האָסטו, א פערד האָסטו, אביסל געהילץ האָסטו!..

מאָטקע הויבט אונטער דעם טאַטנס קאָפּ, כאַפּט אים בא דער דלאָניע:

— אָן עק, גיב די האַנט, אז דו גייסט מאָרגן און פּאָטער!

יווילעק דרייט מיטן קאָפּ, זאָגט געלאַסן:

— טרעט אָפּ, מיינע קאָמסאָמאָלטשיקלעך, רעדט מיך ניט איַן, ס'איז דאָ בא אונדז א בעהיימע, ס'איז דאָ א פערד, אף וואָס טויג עס מיר?

בא סימען בליִען די באַקן. סימע טוט א שפּרונג, נעמט אָן מאָט-קען באַ דער טשופּרינע האָר און קלאַפּט אים אין קאָפּ:

— מאָטקע, גיי מאַך אָן אָרט אין שטאַל. דער טאַטע איז מאַסקים.

יווילעק שרײַט נאָך:

— מאָטקע, איך היים ניט, אָט וועט די מאַמע דערהערן!

סימע:

— איך גיי ריידן מיט דער מאַמען!

דער ייִד שרייט:

— מע דאַרף ניט, איך וועל אליין!

סימקע קוקט אף מאָטקען:

— מאָטקע, דער טאַטע איז דאָך געווען אף דער אנטירעליגיעזער לעקציע, האָסט פארגעסן, ער האָט דאָך געפּאַטש בראַוואָ!

און צום טאַטן ווענדט זי זיך:

— נו, גיי אגיטיר אליין די מאַמען.

יווילעק שטייט, רירט זיך ניט פון אָרט.

אין א רעגע אַרום מאַכט סימע אָן אָנשטעל:

— ווייסטו גאָר וואָס? מעגסט ניט וועלן, מירן אליין גיין נעמען דעם כאַזער און פּאַרטיק.

מאָטקע כאַפּט זיך אָן פאַר דעם איַינפאַל: טאַקע, טאַקע.

יווילעק טוט א גיי און בלײַבט שטיין.

— איַי קאָמסאָמאָלצעס מיַינע, איר זאָלט מיך איבערלעבן, א פאַר-שיַיטקיַיט.

אױף מאָרגן האָט יױלעק מיט אַ דינער רוט געטריבן פון שטאָט אַן אופגערייצטן כאַזער צו זיך אין דאָרף אַרײַן. ס'איז אים געװען זײער מאָדנע. דער כאַזער איז געגאַנגען זײער גיך, קימאַט געלאָפן. יױלעק איז נאָכגעלאָפן. זײ זײַנען געגאַנגען קעגן דער זון. איבערן גראָז האָט נאָך געאָטעמט די אינדערפרײקע פרישקײַט.

דער כאַזער איז געװען אַ געלער. פונהינטן, אױפן רעכטן פאָ-דערשטן פוס, איז געװען אַ ליכטיקער פלעק. עפּעס אַזױ װי אױסגע-קראָכן די האָר. יױלעק האָט אַ צי געטאָן דאָס שטריקל. זיך אָנגע-בױגן צום פּוס. באַטראַכט לאַנג דאָס ליכטיקע אָרט. דערנאָך האָט ער זיך אופגעהױבן און אַ טרײַב געטאָן:

— װיאָ! װיאָ! װיאָ!

און װידער זיך אָפּגעשטעלט. ער דערמאָנט זיך, אַז אַזױ טרײַבט מען אַ פערד. אַ שמײכל האָט אָנגעפילט אַלע קאַרבן פון זײַן פּאָנעם. באַלד האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און אַרױסגעבראַכט פאַר זיך דעם פרעמדן קלאַנג:

— אַטשו, אַטשו!

געשװיגן און דערנאָך צוגעגעבן.

— גײ, גײ, שװאַרציאַר מײַנער!

ס'איז געװען שױן הינטערן דאָרף. די זון האָט זיך געגליטשט אױף די נײַע דעכער און געמאַכט די טשערעפּיטשעס ליכטיקער. מיטאַ-מאָל טוט אים אַ טיאָכקע אין האַרצן.

ער דערמאַנט זיך, אַז מאָרגן איז יאַמקיפּער. ער דערפילט אין האַנט דאָס שטריקל און טוט אַ ליכטן ציטער.

עפּעס בינדט זיך ניט דאָס גײן דאַװנען מיט אָט דער באַשעפע-ניש, װאָס ער פירט איצט. ער װעט דעם כאַזער אומקערן. ס'איז פאָרט פריקרע אין אַזױנע יאָרן.

באַלד זײַנען אָנגעלאָפן סימע, מאָטקע און דער קלײנער יאָסיק שימענס. מאָטקע איז באָרװעס, דאָס העמד איז צעכראַסטעט. ער האָט אױסגעכאַפּט דאָס שטריקל באַם טאַטן, און אַלע דרײַ זײַנען זײ אַװעק מיטן כאַזער.

יױלעק איז געבליבן הינטן. געגאַנגען פּאַמעלעך. געװישט דעם שװײס פון פּאָנעם, פון האַלדז.

די יאַטן האָבן געשלעפּט דעם כאַזער באַם שטריקל: ער האָט געשריען — יױלעקן האָט עס געשניטן אין די אױערן.

סימע קערעוועט זיך אוים און שרײַט:

— טאטע, ביסט א מאַלאַדיעץ! מיר פארשרײַבן דיך אין קאַמסאַמאַל.

פראגן: 1. פארוואָס האָט יוילעק ניט געוואָלט נעמען דעם כאזער?
2. וואָס האָט געווירקט אף אים, ער זאָל פאָרט נעמען דעם כאזער?
3. צי קומט אָן יוילעקן און זײַן גלײַכן גרינג דאָס צופאסן זיך צום נײַעם לעבן?
4. פארוואָס איז נייטיק זיך באפרײַען פון די רעליגיעזע פענטעס?

פארגעבונג: שרײַבט ארוים די ווערטער; באגעגנט ער זיך, זאָגט איר, האָט ער, זאָג איך, גענומען זיך, כאפט זי, רעדט אים אײַן, פארשעמט זיך, ענדיקט זי, קלאפט אים, רירט זיך, כאפט זיך, איז ער, אנגעבויגן זיך, ער זיך, האָט זיך געגליטשט, דערמאָנט זיך,
די אלע ווערטער שרײַבן זיך באזונדער.

צײַט-ליד

מיר גרייטן ווינטער זיך — צום שניט!
אין שניי דערמאָנען מיר — די ערד!
מער פארלאָזן מיר זיך ניט —
אף באשערט!
קאמף דעם הונגער! קאמף דער נויט!
לאנד האָט לענדן אָנגעגורט!
ניט געטרויען אונדזער ברויט —
דער נאטור!
אז דײַן בייט איז רײַך אין פלאקס,
אז דײַן לאָנקע קאָרן האָט —
וואקסט א קוימען נאָך, און ס'וואקסט —
א זאוואָד!
איבער לאנד און איבער אינדזלען!
איבער גרענעץ! איבער וועלט! —
שניטער-ליד פון לאָנקע אונדזער!
אונדזער פעלד!
ניט דאָס מאזל, פויער, וועט דיר
געבן טוווע — און ניט גאָט!
וואָס מיר געטער! וואָס מיר וועטער!
אָט דער סאָד:

אויב די זריִע איז פארדאָרבן —
וועט ניט העלפן זון און טוי!
איידער נעמסט די זאָמען־טאָרבע —
טו אזוי:
סאם צום ערשטן דורך די זריִע,
זיפּ און רייניק זי פון מיסט! —
וועסטו פרילינג זיך באמִיִען
ניט אומזיסט!
וועסטו האָבן אלץ, וואָס פעלט דיר!
— צו דער ארבעט! ניט געוואַרט,
אין פעוורַאל — א קאמף מיט פעלדער!
און אין מארט!
וואָס מיר מאזל! ווער מיר וועטער!
סאם די זאָמען! יעדן זאָם!
קענסט אליין ניט? — העלפן וועט דער
אגראָנאָם!
זריִע פעלט דיר? גיי ניט זוכן
באם קולאַק; ער זוכט דיין בלוט!
העלפן וועט דיר די מעלוכע,
אפן פּוד!
די מעלוכע האָט אינזינען
אָרעם־שיכט און מיטל־שיכט!
ווילסטו, פויער, פעלד־מאשינען,
ציִק און שיך? —
הייב די שעפע פון די ברויטן!
זעט מיט ווייץ די ארבעט־שטאָט!
וועט דיר שטייען אין די בויטן —
דער זאוואָד!
מערער קאָרן, ווייץ און גראָזן —
מערער טראקטערס! מער געוואנט!
מער עלעקטריע! מער קאָלכאָזן!
איבער לאנד!

א מוסטער אראָפּצונעמען זיך פון א דײַטש

אינגלווײַז האָב איך העכער א יאָר געלעבט בא א דײַטש. איך געדענק נאָך ווי הײַנט די שטוב מיטן קליינעם גערטל. סאַכאַקל 12 אויף 8 מעטער דער שעטעך. ארומגעצוימט איז דאָס גערטל געווען מיט געפלאָכטענע ריטער און צווײַגלעך פון יעגלע-האָלץ. ניט וואָס א כאַזער, נאָר אפילו אן אָף האָט זיך אין גערטל ניט געקאָנט ארײַנקריגן.

אָנהויב אפרעל, מיטן ערשטן גלעט פונם פרילינג-ווינטל, האָט מען דאָס גערטל אָפּגעריײניקט פון שנייַ, צעגראָבן עס מיט א רידל ביז 4 ווערשקעס די טיף. אָף א קליין שליטל האָט דער דײַטש ארײַנגע-פירט אינעם גערטל א קופּע פערדיש מיסט, האָט זי געלאָזן ליגן עטלעכע טעג, ביזוואנען זי האָט זיך דערווארעמט. דערנאָך האָט ער זי אויסגעשפּרייט איבערן גאנצן גערטל, ווײַטער מיטן רידל איבערגעגראָבן די ערד אזוי, אז די מיסט איז געבליבן ליגן פונונטן און פונדערהויך — די ערד.

אין א פּאָר וואָכן ארום זײַנען שוין געווען גרייט קליינע בייטע-לעך. געמאכט זייער אקוראט, ווי אויסגעגאָסענע אין א פורעם. שווארץ זיינען די בייטלעך געווען, ווי די פינצטערע נאכט, און דער אויבערדעק זייערער — ניט פון הליבעם און ניט פון צעמאָלענעם פּראָשעק, נאָר פון ערד-קוילעכלעך, ווי די טערקישע ניס די גרייס. געדויערט נאָך עטלעכע טעג — אָף די בייטלעך האָבן זיך די ערשטע בליטן באוויזן פון וואָס פאר א גרינס איר ווילט נאָר — רעדים, סאלאט, ציבעלע, שפּינאט, עטלעכע סאָרטן קרויט, טאמאטן און נאָך עפּעס, וואָס איך געדענק שוין ניט איצטער.

קעדיי די פּרימאָרגן-פרעסטלעך זאָלן ניט פארשאטן די יונגע שפּראָצלען, האָט דער דײַטש מיט זיין הויזגעזינט — דעריקער, קליינ-ווארג — ארײַנגעהאקט פלעקער ארום די בייטלעך, און צו אָוונט-צו פלעגט ער אָף זיי ארופווארפן ראָגאָזשעס.

סאָף אפרעל האָט מען שוין בא אונדז געגרייט דעם טיש מיט אלערליי גרינסן. קליינווארג האָט זיך מאמעש געקוויקט מיט וויניגרעט (געמיש) פון סאלאט, גרינע ציבעלע, רעדים און דערווײַל נאָך פּארא-יאָריקן קארטאָפל. און אז די בעהיימע האָט זיך אָפּגעקעלבט, און אין שטוב איז געוואָרן אביסל סמעטענע, פלעגט מען דאָס וויניגרעט באַ-נעצן מיט סמעטענע און — כײַ געלעבט! דער דײַטש, געדענק איך, פלעג פון גרוים היספּיילעס זאָגן, אז דאָס איז א מײַכל פאַרן „קייזער ווילהעלם אויך“.

אין יוני-כוידעש האָבן מיר שוין געהאט קאַבאַקלעך מיט יונגע מערן. דעמאָלט האָט די באלעבאָסטע געוויזן, וואָס זי קאָן. עפּעס א

קלײניקײַט? אז אלץ איז צו דער האנט, אלץ איז גרייט, און די קיך־טוירע האָט זי מאַשמאָעס גוט געקאָנט, פלעגט אלע טאָג זײַן אן אנדער זופּ פון א נײַער קאָמבינאציע גרינסן מיט א נײַעם קאָליר, געשמאַק און רייעך — איין זופּ בעסער פונעם אנדערן. אין א פּאָר וואָכן ארום איז צוגעקומען יונגע קארטאָפל, וועלכע מיר פלעגן ניט ארויסרײַסן מיטן גאנצן קוסט, נאָר אײנציקווײַז — די מער צײַטיקע בולבעס. דערבײַ פלעגן מיר אלעמאָל צוריק צודעקן דעם קארטאָפל־קוסט מיט ערד און אזוי ארום לאָזן אָפּוואקסן נײַע בולבעס אנשטאָט די אויסגע־ריסענע.

טאָמאטן זײַנען צײַטיק געוואָרן די לעצטע. צוזאמען מיט זיי אר־בעס, בּרוק (בּרוקווע), מאָן, בּעבּלעך און בּאָב. אפילע ציקאָריע האָט אויך ניט געפעלט אין דער אלערהאנטיקער גרינסן־מישפּאָכע, וואָס אין קליין גערטל. די וואָרצלען פונעם ציקאָריע־געוויקס האָט מען געטריקנט, צוגעבּרוינט אפן פײַער, צעמאָלן און געטרונקען אָנשטאָט קאווע.

א גאנצן זומער האָט א פאמיליע פון 6 נעפאשעס קיין איין קאָפּיקע ניט אויסגעגעבּן אף גרינס. געשפּײַזט האָט אונז א קליין גערטל פון 12 אף 8 מעטער דער שעטעך! אינגאנצן האָט דאָס גערטל געקאָסט, עפּעס בּא א קאָפּיקעס אכציק, וואָס מע האָט אויסגעגעבּן אף זריע. געארבּעט האָבּן אלע ניט אזוי פון נויט, ווי פון פרייד.

פראגן: וויאזוי האָט דער דײַטש באארבּעט זײַן גאָרטן?
צי גיט מען בּא אונדז אזויפיל אופמערקזאמקײַט א גאָרטן?
פּרווט באארבּעטן אײַער גאָרטן אזוי ווי עס הייסט אן אגראָנאָם.

פארגעבּונג: שרײַבּט איבּער די ווערטער: געלעבּט, אָפּגערייניקט, אויס־געגעבּן, אויסגעשפּרייט, פלעגט, אָפּגעקעלבּט, אָפּוואקסן.

גרינס איז זייער א געזונטע און נערהאפטיקע שפּײַז.
די לעצטע צײַט נעמען מיר אָן מיטלען אף צו פארגרעסערן די פּראָ־דוקציע און דעם געבּרויך פון גרינסוואַרג.
דערווײַל פארבּרויכט מען אינעם ראטנפארבּאנד דורכשניטלעך צו 53 קילאָגראם גרינס אף א פּארשוין יערלעך.
דאָס איז אין 2 מאָל ווייניקער ווי אין דײַטשלאנד, אין 3 מאָל ווײ־ניקער ווי אין די פאראייניקטע שטאטן (אמעריקע) און אין 4 מאָל ווייניקער ווי אין פראנקרײַך.

אופגאבּע: שטעלט צונויף א טאבּעלע וויפל קילאָגראם גרינס פארבּרויכט א מענטש יערלעך אין ראטנפארבּאנד, דײַטשלאנד, פאראייניקטע שטאטן (אמעריקע) און אין פראנקרײַך.
לויט אזא פאָרם.

דער געברויך פון גרינס אף איין מענטשן

נאָמען פון לאַנד	וויפל קילאָגראַם
ראַטנפאַרבאַנד	53
דייטשלאַנד	——
————	——
————	——

קאָלעקטיוו

I

א פארזאמלונג אויסגערופן.
יידן אָנגעפעלצט מיט בערד.
— נו, וועט מען מיט מאזל פרווון
מאוועך זיין א פארשע ערד.
מ׳דארף א האָרעווע טאָן אַזא מין,
מ׳דארף די ערד א גראָב טאָן טיף:
ריישיס, זאָל עס זײַן צוזאמען
וועהאשייניס — קאָלעקטיוו.
איינער ווייסט — וואָס ס׳פעלט באַ איינעם
און דער צווייטער ווייסט פאר זיך:
אָבער קאָלעקטיוו — אינײנעם
זײַנען אלע — אײַזן זיכער.

II

שווייס האָט פעלדער אָנגערירט שוין
— פון באגינען ביז באגינען —
וואקסט אַווירטשאפט, בליט אַ ווירטשאפט
פון די הוילע הענט און פינגער.
איז א בעהיימעלע אף צווייען
און א שקאפקעלע אף דרײַען:
און מע אקערט און מע זייט
און ס׳איז גוט און ניט געדײַגעט!

גענדז אין פארטעכלעך אין ווײַסע,
הינער אין פאטשײלעס רויטע,
ײדן האָרעווען, האָרעווען פלײַסיק
בא דער ערד און בא די בוריטן.

קאָלעקטיוויזירן די לאנדווירטשאפט—איז דאָס בע-סטע מיטל צו העכערן די גערעטעניש

די מײַלעס פון א קאָלעקטיווער ווירטשאפט לעגאבע א אינדיווי-דועלער

פאר יעדן, וואָס פארנעמט זיך מיט ערד-ארבעט, איז זייער וויכ-טיק, אז די ערד זאָל געבן וואָס מער נוצן. אָט-די נוצן קען מען פון איר ווירקלעך באקומען דאן, ווען מע וועט זי ווי געהעריק באארבעטן.

די ערד אונדזערע איז ווײַט ניט קיין שלעכטע. פארקערט, זי איז אָפט בעסער פון דער ערד, וואָס איז פאראן אין אנדערע לענדער. פונדעסטוועגן איז דאָרט, אין איראָפּע, די גערעטעניש 3—4 מאָל העכער ווי בא אונדז.

דער סאָד פון דעם איז זייער א פּאָשעטער: בא אונדז באארבעט מען די ערד גאָרניט ווי עס באדארף צו זײַן. מע דארף אײַנפירן א ריכטיקן זיי-פארקער, קינסטלעכע באמיסטיקונג, מאשיניזירן די ווירט-שאפט א. אז. וו.

אָבער דאָס אלץ איז אומעגלעך צו טאָן אין א אינדיווידועלער ווירטשאפט. דאָס קען מען טאָן בלויז דאן, ווען מע זאָל מאסנווײַז צו-נויפנעמען עטלעכע ערד-באלאָקים. יעדער פארייניקטער שטיק זאָל אויסמאכן א שעטעך פון צוויי-דרײַ הונדערט העקטאר. דאָסזעלביקע איז מיט אגראָנאָמישער הילף: א אינדיווידועלע ווירטשאפט האָט עס ניט, ווײַל מיר פארמאָגן ווייניק אגראָנאָמען.

ווי-זשע טוט מען פאָרט אין איראָפּע? „גאָר פּאָשעט", ווי עס פּאסט פאר קאפּיטאליסטן: מע שטויסט ארויס די אָרעמקײַט און די ערד קאָנצענטרירט זיך בא עטלעכע גרויסע באלעגופים,—פון פּריצים איז שוין אָפּגערעדט. אָף אזא וועג וועלן מיר, פארשטייט זיך, ניט גיין. דער גלײַכסטער וועג צו אָרגאניזירן א גרויסע ווירטשאפט, וואָס גיט קאָלאָסאלע נוצן איז—קאָלעקטיוויזירן זיך.

דער כילעק אין דער גערעטעניש

נאָר לאָמיר זיך צוהערן צו דעם, וואָס עס ריידן פאקטן: מירן נעמען און פארגלײַכן די גערעטעניש פון פארשיידענע קולטורן אין

קאָלווירטן און אין אינדיווידועלע ווירטשאפטן. אָט זײַנען ציפערן:

אין 1927 יאָר האָט די גערעטעניש פון איין העקטאר אין די קאָלווירטן באטראָפן ווינטערוויי — 90,7 פראָצ., אין די אינדיווידועלע ווירטשאפטן — 65,7 פראָצ.

און אזוי מיט אלע אנדערע קולטורן. אין די קאָלווירטן האָט מען פיל מער אראָפּגענומען ווי אין די אינדיווידועלע ווירטשאפטן. די צאָל לאנדווירטשאפטלעכע פארייניקונגען האלט אין איין וואקסן.

פראגן: 1. צי קאָנען באקומען גוטע גערעטענישן איינציקע — אָרעמע און מיטעלע פויערים?

2. פארוואָס איז בא זיי שווער צו הויבן די ווירטשאפט?

3. וואָס פאר אן אויסוועג האָט געפונען די ראטנמאכט?

4. פארוואָס קאָן א קאָלעקטיוו גוט פירן די ווירטשאפט?

5. ווי באקומט ער מאשינעס?

אין צאָפן-קאווקאזער קאנט איז פון 1,5 מיליאָן פויערשע ווירט־שאפטן קאָלעקטיוויזירט 900.000 ד. ה. 60,5 פראָצענט.

אנשטאָט 900.000 קליינע ווירטשאפטן זײַנען געשאפן געוואָרן 6200 מעכטיקע קאָלווירטן. דידאָזיקע קאָלווירטן פארייניקן 8,5 מיליאָן העקטאר אקער-ערד פון די 15,7 מיליאָן פון דעם גאנצן שעטעך אקער-ערד, וואָס אין קאווקאזער קאנט, ד. ה. 54 פראָצענט.

אין פרילינג 1929 יאָר האָבן זיך אין אוקראַינע אָרגאניזירט נײַע קאָלווירטן:

קאָמונעס — 40

ארטעלן אין צען מאָל מער.

געזעלשאפטן פאר געמיינזאמער ערד באארבעטונג אין 30 מאָל מער ווי קאָמונעס.

אויפגאבע: בארעכנט וויפל נײַע קאָלווירטן זײַנען צוגעקומען?

טראקטאָר

מיהאָט געווארט, געווארט אזויפיל
און די ערד מיט הענט געקרישעט,
נאָר געקומען נאָר צולויפן
איז א טראקטאָר אפן יישעוו.
מיט א היץ און מיט א פּאַרע
מיט א הילך דאָרט,—און מיט נאָך וואָס?
ס׳קרײַזלט רונד זיך—א פּאפּאכע,
און די קינדער קוויטשען באָרוועס.

פערציק הענדלער, צוואנציק ווייבער
האָבן אים מיט נעז באטראכט שוין,—
אוי, אוי, אוי—איז דאָס א טרייבער,
אוי, וועט ער דאָרט טאראראכטשען!

פ ר א ג ן: צי האָט איר געזען ווי ס'ארבעט א טראקטאָר? ווי באארבעט ער די ערד? וואָס פאר א גערעטעניש באקומט מען פון אקערן מיט א טראק-טאָר?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: לייענט איבער דיטלעך דאָסדאָזיקע געדיכט, שרייבט עס איבער.

אין 1922 יאָר האָבן מיר ארייגעפירט פון אויסלאנד 50 טראקטאָרן.
אין 1924 יאָר אין 30 מאָל מער.
אין 1926 יאָר אין 200 מאָל מער ווי אין 1922 יאָר.
וויפל טראקטאָרן האָבן מיר ארייגעפירט אין 1924 און אין 1926 יאָר?

אין 1923/24 יאָר האָבן אונדזערע זאוואָדן ארויסגעלאָזט 23 טראק-טאָרן.
אין 1924/25 יאָר — אין 22 מאָל מער
אין 1925/26 יאָר—אין 54 מאָל מערער איידער אין 1923/24.
וויפל טראקטאָרן האָבן אונדזערע זאוואָדן ארויסגעלאָזט אין 1925/26 יאָר?
זומער 1929 יאָר האָט אונדזער רעגירונג געשלאָסן אן אָפמאך מיט דער אמעריקאנער פירמע פאָרד, זי זאָל אונדז העלפן אויסבויען אין ניזשני-נאָווגאָראָד אן אווטאָמאָביל-זאוואָד, וואָס זאָל ארויסלאָזן 100.000 אווטאָמאָבילן א יאָר.

די מאשין איז א וועג צו דער קאָלעקטיווער ווירטשאפט

א מאשין, א טראקטאָר קען איצט מאכן א גאנצע רעוואָליוציע אין דאָרף מיט דעם, וואָס בא דער מאשינען-פּראָדוקציע לוינט בעסער באארבעטן די ערד געמיינזאם.

קוידעמקאָל שטעלט זיך די פראגע: צי זאָל מען אקערן יעדער פעלד באזונדער מיט מעזשעס אָדער אקערן אלע פעלדער מיטאמאָל, ווי איין פעלד? דאָס לעצטע לוינט בעסער.

אז די ערד איז צעאקערט, שטעלט זיך א צווייטע פראגע: צע-טיילן די צעאקערטע ערד אָדער זי פארזייען צוזאמען און צעטיילן דערנאָך דאָס גערעטעניש? אז דאָס ברויט איז אויסגעוואקסן, איז די

פראגע: צי טײלן דאָס ברויט פֿאַרן אָפּשנײַדן אָדער צוזאמען שנײַדן און טײלן די סנאָפּעס? אז דער שניט איז אראָפּגענומען געמײנזאם, שטעלט זיך די פראַגע: צי טײלן די סנאָפּעס, אָדער עפּשער געמײנ-



נײַע ווירטשאפט



אלטע ווירטשאפט

זאם זײ דרעשן? דערנאָך, נאָך דעם שוטפעסדיקן דרעשן: צי צעטײלן דעם קאָרן איבער די הויפן, צי פארקויפן דורכן קאָאָפּעראטיוו און צע-טײלן זיך מיטן געלט.

אָט איז דער געדאנקענגאנג בּא א פּויער, ווען דער טראקטער הײבּט אָן ארײַנדרינגען אין דער לאנדווירטשאַפט.

די קאָלעקטיווע ווירטשאפטן קומען צו הילף דער פּויערשער באפעלקערונג

אין 1923 יאָר האָבן די קאָלווירטן ארויסגעגעבן דער פּויערשער באפעלקערונג 1.036 טאָן רײנעם סאָרט קערנער צום זײען.

און אין 1925 יאָר אין 45 מאָל מערער.

אויסערדעם האָבן די קאָלווירטן אין 1923 יאָר אויסגעסאָרטירט אף זײערע רײניק-פּונקטן 258 טאָן קערנער צום זײען. און אין 1925 יאָר אין 89 מאָל מערער.

אופגאבע: 1. בּארעכנט וויפל טאָן סאָרטירטע קערנער האָבן די קאָלווירטן ארויסגעגעבן פאר דער גאנצער צײַט?

די ווײַבּערשע קאָמונע

הארט בּאם טײַך, אף די גרענעצן פון דער גרינער אוקראַינע און מאָרעשכוירעדיקער פּאָלעסיע, האָט שטעטל זיך געטוליעט.

ס'איז געווען נאָכן בּלוטיקן 1919 יאָר, ווען די פּאָגראָם-כוואַליע פון די קאָנטער-רעוואָלוציאָנערע בּאנדעס האָט שטעטלעך געשווענקט

אין בלוט און א טעל פון זיי געמאכט. אויסגעהאקטע פענצטער און פאריאסעמטע הײַזער האבן אויסגעזען ווי קוואָרים נאָך א מאגייפע. איז אין שטעטל א מיידל פון אויעזד אראָפּגעקומען.

פון הויז צו הויז, פון מויל צו מויל האָט איינער דעם צווייטן די יעדיע איבערגעגעבן: דאָס האָט דער קרײַז אַן אינסטרוקטערשע אראָפּגעשיקט צו אָרגאַניזירן אַ קאָמונע פאר די איבערגעבליבענע אלמאָנעס.

און דאָרטן, ווו אַמאָל האָט דער פּאָרעץ פון שטעטל מיט זײַנע הינט געשפּאַצירט, איז אַ פרײַע קאָמונע אויסגעוואקסן.

שווער איז געווען דאָס ערשטע שטיקל צײַט. אָבער 20 העקטאַר ערד זײַנען באַארבעט געוואָרן און אָנגעהויבן זיך באַדעקן מיט גרינינקע שפּראָצונגען. דער גאָרטן האָט טאָג-טעגלעך געהאַלטן אין איין וואקסן, און די בליענדיקע קארטאָפל האָט געוווּנקן וועגן בעסערע צײַטן.

די ארבעט איז פאנאנדערגעטיילט צווישן אלע מיטגלידער פון דער קאָמונע, לויט יעדערנס געניטקײַט.

מיטן ארטעל פירט אָן דאָס מיידל מיט די אונטערגעשאָרענע האָר, וואָס דער קרײַז האָט אראָפּגעשיקט.

דער שטייגער ווערט אויך איבערגעבויט אף נײַע יעסוידעס. די קאָמונע האָט אָרגאַניזירט אַ קאָלעקטיווע גאָרקיך, א רויטן ווינקל מיט א גוטער ביבליאָטעק, אַ קינדער-גאָרטן פאַר זייערע קינדער, אַ שול פאַר די עלטערע און קורסן פאַר די מיטגלידער פון דער קאָמונע, וואָס ווילן זיך לערנען א נײַע מעלאָכע. געקראָגן א פּיאַנע — א מאטאָנע פון וואָלויספּירקאָם. און אז ס׳קומט א יאָנטעוו, קלײַבן זיך צונויף אַלע פרויען צוזאַמען מיט זייערע קינדער אינעם פאָרפּוצטן רויטן ווינקל. די אינסטרוקטערשע דערציילט זיי וועגן דער גרויסער רעוואָליוציע, וועגן טויזנטער קאָרבאָנעס און בלוטיקע שלאכטן, וועגן א נײַעם לעבן. דאַן דערמאָנען זיך די פרויען אָן זייערע געשאָכטענע מענער און ברידער, אָן די פינצטערע נעכט אין די קעלערס אף די בוידעמער און א טרייסטנדיקער „אינטערנאציאָנאַל״ רײַסט זיך ארויס פון זייערע הערצער. דער געזאנג באַדעקט דעם גאנצן צימער און קײַקלט זיך דורך די פענצטער אין דער שטילער נאכט ארײַן.

אָט אזוי האָבן זיך פרויען גענומען צו א נײַעם לעבן, א לעבן א געזונטן — אף קאָלעקטיווע יעסוידעס.

הארט באָם טײַך, אף די גרענעצן פון דער גרינער אוקראַינע און מאָרעשכוירעדיקער פּאָלעסיע, האָט זיך נאָך אַ שטערנדל באוויזן- וועלכע איז א טייל פון דער גרויסער שײַן, וואָס הייסט קאָמוניזם.

פּראַגן: ווי האָט געארבעט די ווײַבערשע קאָמונע? וואָס האָבן זיי אופגעטאָן אין דער ווירטשאפט? ווי האָבן זיי איבערגעבויט דעם לעבן-שטייגער?

פארגעבונג: שרײַבט איבער ריכטיק די ווערטער, אויסגעזען, אראָפּגע-שיקט, באדעקט.

דער ראַטווירט „גיגאַנט"

ערשט גאָר ניט לאַנג האָבן אין סטעפּ זיך געפּאַשעט טאַבונעס פערד און טשערעדעס שאָף.

און איצט — 300 טראַקטערן אַקערן אויף די נאָך קיינמאָל ניט געריירטע ערד.

אינעם סאַלסקער ראַטווירט (קאַווקאַז) איז פאַראַן 150 טויזנט העק-טאַר. אין ראַטווירט אַרבעטן בלויז מאַשינעס. ניטאָ ניט קיין פערד, ניט קיין אָקסן, ניטאָ גאָרניט פון יענעם אַלטוואַרג, וואָס מיט דעם שעמט אַזוי אונדזער אָפּגעשטאַנענע לאַנדווירטשאַפט.

כוץ די מאַשינעס, איז אין ראַטווירט פאַראַן מענטשן. אָט זײַנען די טראַקטאָריסטן. זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. זיי אײַלן פאַרענדיקן דעם וואַרמעס און זיך שוין נעמען צו דער מאַשין, — זי רייניקן און האָדעווען.

די טראַקטאָריסטן האָט מען צונויפגעזאַמלט פון נאָענטע און ווײַטע יישובים. דאָס זײַנען געוועזענע באַטראַקעס און אָרעמע פויערים.

צווישן זיי פיל קאָמיוגיסטן.

היים און געטרײַ אַרבעטן די מענטשן אין ראַטווירט.



טראַקטאָרן קאָלאָנע

דער פאַרוואַלטער פון ראַטווירט יורקין, איז מיטן גאַנצן לײַב און לעבן אַרײַן אין דער אַרבעט. באַטאָג יאָגט ער אף אן אויטאָמאָביל איבער די פעלדער, גיט אָפּ באַפעלן די טראַקטער-בריגאַדעס.

אים דאָרט דער קאָפּ אי פאַר א וווינונג, אי פאַר געלעגערס פאַר די טראַקטאָריסטן. ער אייסעקט זיך מיטן אַפּטייל, זידלט זיך מיטן קאָאָפּעראַטיוו, פאָדערט אוועקשטעלן ווי ס'קער צו זײַן דאָס באַדינען די אַרבעטער.

שפּעט באַנאַכט טרעפן מיר יורקינען אין קאַנצעלאַריע. א בלייכער, אָן אויסגעמאַטערטער פאָרעט ער זיך מיט די פּאַפּירן.

— גייט שוין שלאָפן — ס'איז דאָך שוין באַלד טאָג.

— אָט, אָט, כ'וועל נאָר אָפּאַטערן די פאָדערונגען אַף זריע, וועל איך זיך לייגן.

מיט די פאָדערונגען אַף זריע פאַרענדיקט יורקין ערשט צו פאַרטאָג צו. אינדערפרי, ווארטן שוין אַף אים צענדליקער מענטשן און אַסאַקים.

מעטאַל און מענטשן — אָט מיט וואָס ס'לעבט און ס'עטעמט דער ראַטווירט „גיגאַנט“.

דער ראַטווירט „גיגאַנט“ איז דער סאַמע גרעסטער ראַטווירט אין פ.ס.ס.ר. בא א מיטעלער גערעטעניש דאַרף ער געבן ניט ווייניקער פון 200 טויזנט טאָן ברויט. אַזויפיל ברויט קאָן קלעקן פאַר מאָסקווע אַף א האַלב יאָר.

אין צענטער פון ראַטווירט, באַ דער סטאַנציע צעלינאַ, בויט זיך א קינאָ, אַן אַמבולאַטאָריע, א שול און הײַזער פאַר די אַרבעטער. דאָ וועלן אויך זײַן וואַרשטאַטן אַף רעמאָנטירן די טראַקטאָרן און שטאַלן פאַר די מאַשינעס.

דידאָזיקע ברויט-פאַבריק וועט וואַקסן און זיך פאַרברייטערן. די אָנגעהויבענע אַרבעט וועט דערפירט ווערן ביזן סאָף.

דאָס ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מע זעט, וויאַזוי ס'אַרבעטן די מענטשן און די מאַשינעס אין סאָלסקער ראַטווירט.

פ ר א ג ן. ווי אַרבעט דער ראַטווירט „גיגאַנט“?

פאַרוואָס רופן זיך די ראַטווירטן „ברויט-פאַבריקן“?

וואָס פאַר א ווירקונג האָבן די ראַטווירטן אַף דער פויערשער באַפעלקערונג?

פ א ר ג ע ב ו נ ג ע ן: אינעם וואָרט „י אָ ג ט“ הערט זיך א ק. וואָס הערט זיך אינעם וואָרט יאָגן?

אינעם וואָרט „א ו י ס ג ע מ א ט ע ר ט ע ר“ הערט זיך א ז. וואָס הערט זיך אינעם וואָרט א ו י ס מ א ט ע ר ן.

אינעם וואָרט "ל ע ב ט", הערט זיך א פּ, אָבער אינעם וואָרט ל ע ב ן?

וואָס פאַר א צוויי באַטײַטן האָט דאָס וואָרט „שעמט“? דערמאָנט זיך נאָך ווערטער מיט פאַרשיידענע באַטײַטן

וועגן קאָלווירטן און ראַטווירטן (סאָווכאָזן)

(לויט כ׳ סטאַלינס רעדע)

סע שטייען איצט פאַר אונדז אומגעהייערע אויפגאַבן. מיר דאַרפן איבערבויען איינגאַנצן אונדזער פּאַלקווירטשאַפט.

אין דער לאַנדווירטשאַפט דאַרפן מיר גיכער גיין צו גרויסע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפטן. א גרויסע ווירטשאַפט קאָן אָנווענדן מאַשינעס, אויסנוצן די וויסנשאַפט, נוצן באַמיסטיקונג. אין דעם איז איר קראַפט. אירע גערעטעניישן זיינען העכערע. א געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט קאָן ארויסלאָזן אַפן מארק מער ברויט, איידער די קליינע ווירטשאַפט, פון איינעם און דעמזעלבן העקטאַר קאָן א געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט געבן מער ברויט איידער א קליינע ווירטשאַפט.

אין 1927 יאָר האָט מען אין די קאָלווירטן צונויפגענומען בא א מיליאָן טאָן ברויט. צום פאַרקויפן האָבן זיי אין דעם יאָר געגעבן העכער א דריטל פונעם צונויפגעקליבענעם ברויט. און די קליינע מיטלפויערשע און אָרעמפויערשע ווירטשאַפטן האָבן ארויסגעלאָזט אַפן מארק בלויז א צענטביילעך פונעם צונויפגעקליבענעם ברויט.

אַסאַך קאָלווירטן גיבן שוין איצט ביז 3 טאָן גערעטעניש פון העקטאַר. דאָס האָט געשאַפן בא די אָרעמפויערים און בא די נידעריקערע שיכטן פון מיטלפויערים א שטאַרקן דראַנג צו קאָלווירטן.

די ראַטנמאַכט שטעלט זיך א שווערע אויפגאַבע — פאַרייניקן די קליינע, צעשטויבטע פויערשע ווירטשאַפטן אין קאָלווירטן.

די ראַטנמאַכט איז צוגעטראָטן צו שאַפן נייע גרויסע ברויט-ווירטשאַפטן.

לויטן באַשלוס פון דער סאָוועטישער רעגירונג, ווערן פון 28-טן י. אַף די פרייע ערדן באַשאַפן נייע גרויסע ראַטווירטן. אין יעדן ראַטווירט וועט זיין פון 10 ביז 30 טויזנט העקטאַרן ערד. אין 5—6 יאָר ארום דאַרפן זיי געבן ביז צוויי מיליאָן טאָן ברויט.

באַמערקונג: אין 1929 יאָר האָבן זיך גענומען שאַפן גרויסע ראַטווירטן ביז 50 טויזנט העקטאַר ערד אין א ראַטווירט.

ליקווידירן דעם באַלעגוף אלס קלאַס

פאַר די לעצטע כאַדאָשים האָט די קאָלווירטישע באַוועגונג געמאַכט א נייעם טראָט פאָרויס און ארומגעכאַפּט ניט נאָר באַזונדערע גרופּעס אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, נאָר אויך גאַנצע ראַיאָנען, קרייזן און אפילע גאַנצע געגנטן און קאַנטן.

דער פינפיאָריקער קאָלעקטיוויזאַציע-פּלאַן, וואָס לויט אים האָט מען צום סאָף פונעם פינפיאָר גערעכנט ארומכאַפּן מיט קאָ-לעקטיוון 22—24 מיליאָן העקטאַר, וועט באַדײַטנד אריבערגע-שטיגן ווערן שוין הײַנטיקס יאָר.

אַזוי ארום האָבן מיר א מאַטעריעלע באַזע צו פאַרבײַטן די גרויסע באַלעגופישע פּראָדוקציע מיט דער גרויסער פּראָדוקציע פון די קאָלווירטן.

דערדאָזיקער אומשטאַנד, וואָס האָט א באַשליסנדיקע באַדײַ-טונג פאַר דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט פון פ. ס. ס. ר. האָט געגעבן דער פּאַרטיי דעם פולן גרונט איבערצוגיין פון דער פּאָליטיק פון באַגרענעצן די עקספּלואַטאַטאָרישע טענדענצן פונעם באַלעגופנטום צו דער פּאָליטיק פון ליקווידירן דעם באַלעגוף אלס קלאַס.

אויס באַלעגופים!

דעם 10 פעברואַל 1930-טן יאָר האָט דער אויספּירקאָם פון צפון-קאַווקאַזער קאַנט אָנגענומען אַזאַ באַשלוס בנוגע די באַלעגופים.

אין די קרײַזן און געגנטן, וווּ ס'קומט פאָר די דורכפירעכע קאָלעק-טיוויזאַציע, ווערט אָפּגעשאַפט דאָס אַרענדירן ערד און באַנוצן זיך מיט געדונגענע אַרבעטער. דער פאַרמעגן פון די באַלעגופים ווערט קאָנפיסקירט און איבערגעגעבן אין די קאָלווירטן.

מיטן ציל צו ליקווידירן דאָס באַלעגופטום אלס קלאַס און פאַרהיטן די קאָלווירטן פון שעדיקונגען מיצד די באַלעגופים, באַשטימט דער אויספּירקאָם: אַרויסזעצן די באַלעגופים און פאַנאַנדערזעצן די באַלעגו-פישע ווירטשאַפטן. פאַר די אַרויסגעזעצטע באַלעגופים ווערן אויסגע-טיילט כאַלאָקים, וואָס זײַנען שווער צו באַאַרבעטן ווערן. אין די ער-טער, וווּ די באַלעגופישע ווירטשאַפטן ווערן פאַנאַנדערגעזעצט, איז דערלויבט צו אָרגאַניזירן יישווּים פון 50—100 הויפן.

קעדיי די באַלעגופים זאָלן קענען טייקעף צוטרעטן צו באַאַרבעטן די נײַע ערדן, וואָס מע טיילט זיי אויס, באַקומען זיי א מינימום פּראָ-דוציר-מיטלען: 1 פערד אָדער 2 אָקסן אָף 2 ווירטשאַפטן, אן אַקער און א באָראָנע אָף 4 ווירטשאַפטן. די באַלעגופישע ווירטשאַפטן זײַ-נען מעכויעוו אויסצופילן די ווירטשאַפטלעכע פאַרגעבונגען און די סכוירע-מויכרעס אָפּגעבן דער קאָאָפּעראַציע.

די פולע אַרויסזעצונג און פאַנאַנדערזעצונג מוז דורכגעפירט ווערן אין משך פון 3 כאָדאָשים.

קאָלווירט „גיגאַנט"

די קאָלווירטניקעס פון אירביטער קרײַז האָבן זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, וויאַזוי בעסער אײַנאָרדענען די אַרבעט און דאָס לעבן אין די קאָלווירטן. אַלע זײַנען זיי געקומען צו איין געדאַנק, אַז די קאָלווירטן דאַרפן זיך פאַרייניקן. און 92 קאָלווירטן האָבן באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן זיך אין איין פעסטן קאָלווירט „גיגאַנט".

אין די ווײַטע פאַרוואָרפענע ווינקלעך פון אונדזער לאַנד האָט מען וועגן דערדאָזיקער געשעעניש גערעדט און געשעפּטשעט זיך געהיים-ניספול, ווי וועגן עפּעס אַ וווּנדער, אַ נעס.

— געהערט? וווּ? וואָס? ווען?

— מע זאָגט, אַז אויפן אוראַל, אין אירביטער קרײַז, האָבן זיך 126 דערפער פאַראייניקט אין איין גרויסן קאָלווירט „גיגאַנט".

— ליגן, ליגן—טוט אַ מאַך מיט דער האַנט דער, וועמען מע דער-ציילט עס.

אַ ווערטעלע אויסצורייד: 126 דערפער ווילן לעבן אײַנייִנעם! אַזאַך כידושים האָבן זיך מענטשן אָנגעזען, אָבער אַזאַ נײַס האָט מען נאָך קיינמאָל ניט געהערט. און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַזאַ מאַסע מענטשן זאָלן פירן איין ווירטשאַפט? יאָ, פריער האָט מען וועגן דעם אַפילע טראַכטן ניט געקענט. און איצטער האָבן ווירקלעך די פּויערים פון אירביטער-קרײַז גענומען בויען דעם קאָלווירט „גי-גאַנט".

דער 4-טן יול 1919 יאָר האָבן די באַפולמעכטיקטע פון די 92 קאָל-ווירטן אונטערגעשריבן דעם באַשלוס. 3 ראַיאָנען—יעלנסקער, בײַקאַל-סקער און זנאַמענסקער—האָבן זיך אָרגאַניזירט אין איין קראַסנאָפּאָלי-אַנסק ראַיאָן פון דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע און געשאַפן דעם קאָלווירט. 30 קילאָמעטער אינדערברייט און 50 קילאָמעטער אינדער-לענג—אָט אַזאַ שטרעקע פעלדער פאַרנעמט דער קאָלווירט „גיגאַנט".

ס'פאַלן די פאַרצאַמונגען פון די קלייניקע ווירטשאַפטלעך. ס'פאַלן אײַן די אָרעמע אויסגעקרימטע הײַזלעך. די קאָלווירטניקעס בויען 30 צוזאַמענוווינונגען, 40 גאָרקיכן, 24 בעדער, 50 שטאַלן, 2 פּוטער-זא-וואָדן, שולן, קלובן און יאַסלעס. אויף אָרט פון די סאָכעס, צעפּעס און סערפּן קומען טראַקטערס, זייעלקעס און שנײַד-מאַשינעס. 85 טראַק-טערס האָרעווען איבערן ברייטן סטעפּ און הייבן אויף נײַע שיכטן אַקערערד, וואָס זײַנען ביז איצט געלעגן ניט באַאַרבעט. פאַראיאָרן איז געוועזן פאַרזייט אין די קאָלווירטן 1147 העקטאַר ערד. הײַיאָר איז מיט קאָרן פאַרזייט 1.600 העקטאַר און מיט זומער-טווועע 35.000 העקטאַר.

דער גאנצער פארזוי-שעטעך פון די קאָלווירטן האָט זיך פארגרע־סערט אף 60 פראָצענט. דער הויפּט-צווייג אין דער קאָלווירטשאפט וועט זיין פּי-צוכט. 10 טויזנט פערד און קי איז פארגעזעלשאפטלעכט אין קאָלווירט „גיגאנט". דער קאָלווירט וועט ארויסלאָזן אין פארקויף טויזנטער צענטנער פלייש, פּוטער, קעז אין די שטעט פון ראטנפאר־באנד. דער קאָלווירט באקומט שטאמיקע קי און כאזיירים. אין די נייע שטאלן שטייען צו 200, צו 400 ריינע, זאטע קי און גיבן מילך אין צוויי מאָל מער, ווי אין א אינדיווידועלער ווירטשאפט.

מיטן קאָלווירט פירן אָן די בעסטע אָרגאניזאטאָרן פון די אלטע קאָמונעס. דער קאָלווירט דאַרף אסאך ספּעציאליסטן. אין קאָלווירט בויט זיך א קורסן-הויז, וווּ 1.200 מאן קאָלווירטניקעס וועלן יערלעך באקומען די נייטיקע וויסנשאפטן אין פארשיידענע צווייגן פון לאנד־ווירטשאפט. אין קאָלווירט גייט ארויס א צייטונג „גיגאנט" אין 5 טויזנט עקזעמפליארן. מיליאָנען רובלס גיבן אוים די קאָלווירטניקעס אף אויסצוריכטן דעם קאָלווירט „גיגאנט". פון דער מעלוכע האָבן זיי אנטליען ארום און ארום נית מער ווי 84 טויזנט רובל, מיט די איי־גענע קרעפטן וויקלען די קאָלווירטניקעס פאנאנדער זייער ארבעט אין קאָלווירט „גיגאנט".

קאמף

די קאָלווירטניקעס האָבן געפּייערט דעם יוגנט-יאָנטעוו. פון פרי־מאָרגן האָט זיך אין דאָרף מישקינא פארזאמלט א מאסע מענטשן. כעוורע האָבן געמאכט א פארשטעלונג. אָט זיצט אף א וואָגן ארומ־גענומענערהייט א גאלעך מיט א גאלעכטע. און אָט אף א צווייטן זיצט א בייזער בעלעגוף. ער קוקט מיט רעציכע אף די קאָלווירטני־קעס, וואָס מאכן א סאָף צו זיין רייכן לעבן.

דער אָרקעסטער שפּילט א מארש. פון דער טריבונע האלט מען רעדעס. דער פּאָרזיצער פון קאָלווירט דערציילט: אסאך האָבן אונדז געשטערט די באלעגופים. אסאך האָבן מיר געליטן. נאָר אין אונדז ליגט א קויעך. מיר האָבן געקעמפט און געשאפן 92 קאָלווירטן. פון זיי האָבן מיר אָרגאניזירט א מעכטיקן קאָלווירט „גיגאנט". בא אונדז איז איצט 22 טויזנט מיטגלידער קאָלווירטניקעס. כאוויירים, ס'הייבט זיך פאר אונדז אָן א נייַ לעבן!

— הורא — האָבן די קאָלווירטניקעס אונטערגעכאפּט די לעצטע וואָרטער.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט א געשריי.

— ס'ברענט! לארינאָ ברענט!

איז געוואָרן א טומל, א געלאַף. א רויך האָט באַדעקט דאָס דאָרף. דער פײַער איז געשפּרונגען פון הויז צו הויז. דער ווינט האָט גע־בלאָזן, און לאַרינע איז געוואָרן איין שטיק פײַער.

מע האָט ניט באַוויזן צולויפן צו דער סרייפּע ווי פון 32 הײַזער איז שוין געוואָרן א באַרג אש.

— פונוואנען האָט זיך אָנגעהויבן? פונוואנען? — האָט אין אײַלע־ניש געפרעגט דער פאָרזיצער דעם דזשורנעם אין דאָרף.

פון עק דאָרף האָט אויסגעבראָכן די סרייפּע. די באַלעגופישע הײַ־זער זײַנען אלע געבליבן גאנץ. די באַלעגופים האָבן אונטערגעצונדן.

אפן געריכט האָבן די באַלעגופים געטײַנעט, אז זיי וועלן קעמפן קעגן די קאָלווירטן. זיי האָבן פארברענט דעם קאָלווירט „אופגאנג", פארברענט 22 הויפן אין קאָלווירט איגנאטיעווע. „מירן זען" — האָבן זיי געזאָגט — ווי די האָלעדראנצעס וועלן גיין קעגן אונדז. מיר דאַרפן ניט קיין קאָלווירטן".

דער געריכט האָט זיי פארמישפּעט צום שיסן.

פון דער סרייפּע זײַנען 50 פאמיליעס געבליבן אָן א דאך. וואָס טוט מען?

מע האָט צונויפגערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג. די אָפּגעברענטע האָבן דערקלערט: אלס ענטפער די באַלעגופים אָרגאניזירן מיר א קאָ־מונע. מירן אויסבויען אן אלגעמיינע גאָרקיך. דאָס גאנצע פּי אונדזערע פירן מיר צונויף אף איין הויף. מיר דאַרפן ניט קיין באַזונדערע הויפן, קיין פּריוואטע באַזונדערע נעבעדעס. זאָל לעבן די קאָמונע!

די שכייניסע קאָלווירטן און דער סאָוועט זײַנען געקומען צו הילף די אָפּגעברענטע. אויסגעהאָלפן זיי מיט דירעס און מיט קליידער.

אָט־אזוי בויען די פּויערים פון אוראלער געגנט א פעסטע קאָלעק־טיווע ווירטשאפט.

פראגן: 1) פארוואָס קעמפט דער גאלעך און דער באַלעגוף קעגן קאָלווירט? 2) פארוואָס האָבן די באַלעגופים אונטערגעצונדן דאָס דאָרף לאַרינע? 3) וויאזוי קעמפט אײַער קאָלווירט מיט די באַלעגופים?

אין דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע

נאָך אפן וועג קיין ליובאַוויטש, אויב איר זײַט ניט קיין היגער וועט דער באַלעגאָלע אײַך זיכער פרעגן:

— איר פאָרט דאָך קיין ליובאַוויטש מיקויעד קאָלכאָזן? איז זאָלט איר וויסן, אז מיר ווילן אלע ארײַן אין קאָלכאָז. מיר זעען, אז קיין אנדער וועג איז ניטאָ און מענטשן זײַנען מיר, וואָס האָבן ניט מוירע פאר קײַן שום „טרוד". איך אליין האָב שוין לאנג א שטיקל ערד,

איז זומער גראָבט מען די ערד און מע ווערט אויסגעמאַטערט און וואָס גיט עס? גאָרנישט מיט גאָרנישט. וואָסער אָף קאַשע, אָט ווען מע זאָל אונדז אָלעמען „אָביעדיניאיען“ אין א „גיגאַנט“, ווי אין רודניע (א קאָלעקטיווזירט שטעטל נעבן ליובאַוויטש), וואָלט שוין גאָר אַנ-דערש געווען. אָט האָבן מיר באַ אונדז אַרום ליובאַוויטש א יידישן קאָלעקטיוו „ערשטער מײַ“. איז די ערשטע פּאָר יאָר האָבן זיי זיך געמאַטערט. שײַעך געמאַטערט! מאַמעש קיין שטיקל ברויט ניט גע-האַט. און איצטער לעבן זיי טאַקע די טעג, דאָס הייסט, קיין גרויסע געווירים זײַנען זיי ניט, נאָר ברויט האָט מען גענוג, און אָף מילך און פּוטער איז מען אויך ניט זשעדנע. מיט איין וואָרט, גאַנץ ליובאַ-וויטש וויל אַרײַן אין קאָלכאָז.

און אַז דער באַלעגאָלע איז זיכער, אַז איר פאָרט וועגן „קאָלכאָז“, האָט ער דערצו די פולע רעכט. זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער דראַנג צו דורכגויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע, האָט ליובאַוויטש דערפילט אין זיך א נײַעם שטראָם לעבן. די ערשטע צײַט האָט מען זיך געוויצלט, ניט געגלייבט, אַז עס וועט עפּעס אַרויסקומען. נאָר אַז פון שטאָט זײַנען געקומען מענטשן, מע האָט דורכגעפירט די ערשטע פאַרזאַמלונגען פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג און מע איז צו-געטראָטן צו פאַרווירקלעכן דעם קאָלעקטיוויזאַציע-פּלאַן, איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז עס איז שוין קימאַט ווי א פאַקט.

און פאַרזאַמלונגען זײַנען איצט אין ליובאַוויטש ניט קיין זעלטנ-קײַט, קימאַט יעדן אָוונט איז דער „קלוב“ (בעסמעדרעש) געפּאַקט מיט אוילעם. מע הערט אויס די רעדנער וועגן דעם, וויאַזוי מע וועט פאַרוואַנדלען ליובאַוויטש אין איין גרויסן קאָלווירט, מע פאַרשיט מיט א מאַבל פראַגן:

— און וואָס וועלן טאָן די עלטערע, וועלכע זײַנען צו אַרבעט ניט פעיִק?

— וואָס וועלן טאָן אין קאָלווירט די באַלמעלאָכעס? צי וועלן זיי זיך פאַרנעמען מיט זייער פראָפעסיע אָדער מיט אַנדער אַרבעט?

— צי מעגן קינדער פון קאָלווירטניקעס פאָרן אין שטאָט לערנען זיך?

— וואָס זאָלן טאָן די אָרעמעלײַט, וועלכע קאָנען קיין פּײַ ניט אַרײַנטראָגן?

ווו וועט מען אַהינטאָן די באַלעגופים?

אָף אַלע פראַגן באַקומט מען א קלאָרן ענטפער, און מע איז, ווײַזט אויס, צופרידן, עס ווערט באַשלאָסן אַרײַנטרעטן אין קאָלווירט. און מענטשן, וועלכע זײַנען נעכטן אַרומגעגאַנגען ליידיק, פאַרדײַגעטע, פאַרצווייפלטע, — זײַנען הײַנט רויִקער, פעסטער אין טראָט. זיי פילן,

אז זיי זיינען שוין „עפעס“, אז פון היינט אן זיינען זיי א שאפנדיקער עלעמענט אין דער געזעלשאפט.

עס איז אויך דא, ווי אומעטום, א היפל געוועזענע און איצטיקע נעפליט און קלייקוידעש, וועלכע פילן, אז מיט דער קאלעקטיוויזירונג פונעם שטעטל פארלירן זיי אינגאנצן דעם באדן אונטער זייערע פיס. און זיי פרוון טאקע אגיטירן קעגן דעם, אז די ארעמשאפט זאל אריינגיין אין קאלווירט. נאר עס העלפט זיי ווי א טויטן באנקעס.

שווערער איז אביסל אין די ארומיקע דערפער, ווו די ווירקונג פונעם באלעגוף איז זייער שטארק. עמעס, די לעצטע דירעקטיוו פון דער פארטיי וועגן ליקווידירן דאס באלעגופנטום אלס קלאס האט אפגעשניטן בא די באלעגופים די פליגלען. זיי וואגן שוין זעלטן ארויסצוטרעטן אפן קעגן קאלעקטיוויזאציע. פארקערט, זיי זעען מיט אלע מעגלעכקייטן אליין ארייננדרינגען אין די קאלווירטן, קעדיי פון אינעווייניק זיי אופרייסן. נאר שטילערהייט פירן זיי א קאלאסאלע ארבעט צווישן די ארעמע שיכטן פויערטום, זאגן זיי צו פיל טויוועס, אבי יענע זאלן ארויסטרעטן אף די פארזאמלונגען קעגן די „קאמוניעס“.

די ליובאוויטשער פארטייישע און קאמיוגישע קעמערלעך, די לערערשאפט, די סאוועטישע טוער—אלע זיינען מאביליזירט צו געבן א ווידערשטאנד דעם קלאסן-סוינע „אין דעם לעצטן און אנטשיידענעם שטרייט“. זיי צו הילף קומען די ארגאניזאציעס פונעם ראיאן, קרייז און געגנט. פיל העלפן דער קאלעקטיוויזאציע אין דארף אויך די שילער פון די יידישע מיטעלע און הויך-שולן, וועלכע זיינען אף די קאניקולן אהער געקומען. אפן גאנעק פונעם דארפסראט קאנט איר באגעגענען טאלמידים פון דער סמאלענסקער יידישער פראפטעכנישער שול, וועלכע האבן באקומען דירעקטיוון פון דער שול צו ארגאניזירן אין די דערפער קאלווירטן. זיי זיינען „שטענדיק גרייט“ און ווארטן, ווהין דער דארפראט וועט זיי שיקן.

דער כאווער פאפאוו א סטודענט פון סמאלענסקער סאוופארטשול איז שטארק צעטראגן. א קלייניקייט—צוויי דריי פארזאמלונגען טאגטעגלעך? און אף יעדער פארזאמלונג אלץ דיזעלבע פראגן אף דער איינציקער טעמע: וועגן קאלעקטיוויזאציע.

דער כאווער רייכלין, א סטודענט פון לענינגראדער יידישן ארבפאק קלייבט זיך אין וועג: אים שיקט מען אין איינעם פון די ארומיקע דערפער דורכפירן א מיטינג וועגן ארייננטרעטן אין קאלווירט. פארשטייט זיך, ער בעט ניט מע זאל אים געבן א פור. אזא יאט קאן באשטיין גיין צו פוס. ביפראט נאך, אז די גאנצע געגנט איז אים גאנץ גוט באקאנט. זיין יינגערע שוועסטער, א שילערן פון שול, מוז

מיט אים מיטגיין אין דאָרף: אין דער גרויסער ארבעט איבערצובויען דאָס לאנד מוז זי נעמען אן אָנטייל, אזוי האָט מען איר געזאָגט אין שול, און זי וועט דאָס אויספילן. זייער פאָטער, אן עלטערער שוסטער, איז א מיטגליד פון שוסטער-ארטעל. באלד, ווי עס וועט זיך אָרגאניזירן דער קאָלווירט, טרעט דער גאנצער ארטעל אריין אלס מיטגליד אין קאָלווירט.

דער קאָלווירט „ערשטער מײַ“

באלד נאָך דער רעוואָליוציע האָט זיך אין איינעם א פריצישן הויף ארום ליובאוויטש אָרגאניזירט א ציאָניסטישע קאָלאָניע „טייל צור“. אויסנוצנדיק די גוטע ערד, דעם אינווענטאר און די קרעדיטן, וואָס זיי פלעגן באקומען פון מעלוכע-אנשטאלטן אף צוגרייטן יונגעלײַט צום אריבערפעקלען זיי קיין פאלעסטינע, האָבן די כאלוצים אויסגענוצט אויך די פולע מעגלעכקײַט צו פירן זייער קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע ארבעט. זיי פלעגן צונעמען פאר מיטגלידער אין ארטעל נאָר די, וועלכע ווערן קאָמאנדירט פון די צענטראלע ציאָניסטישע אָרגאניזאציעס, שטרענג אָפּהיטן, אז אין קאָלאָניע זאָל ניט ארײַנפאלן קיין סאָוועטישער, קאָמוניסטישער „סאם“, דורכפירן אומלעגאלע פארזאמלונגען, פירן א פאלשע „צווייענדיקע“ בוכהאלטעריע און ארויסוואַרפן פון דער „קאָמונע“ יעדערן, וועלכן מע האָט כוישעד געווען אין לאָיאלקײַט צו דער ראטנמאכט.

סאָפּקאָלסאָף האָבן די געהעריקע אָרגאנען זיך פארינטערעסירט מיט דער קאָנטר-רעוואָליוציאָנערער נעסט און גענומען אָפּטער אהין ארײַנקוקן. דערשפירנדיק, אז צו זייער ווילקיר קומט א סאָף, האָבן די כאלוצים אין א קורצער צײַט פאר זייער ליקווידאציע באוויזן צו ברענגען אין א כאאָטישן צושטאנד זייערווירטשאפט, וואָס עס האָט זיך געלאָזן, האָט מען פארקויפט, דאָס איבעריקע — צעבראָכן.

אין אזא צושטאנד האָט א הײַפעלע ליובאוויטשער האָרעפּאָשניקעס אין פרילינג 1927 י. באקומען דעם „טייל צור“ און פארוואנדלט אים אין א קאָלווירט „ערשטער מײַ“.

שווער איז געווען די נײַע ייִדישע פויערים איבערלעבן די ערשטע צוויי יאָר. עס איז ניט געווען מיט וואָס צו זייען. ניט געווען קיין ברויט ביז דער גערעטעניש, ניט געווען קיין היי און קיין האָבער. עס איז אויסגעקומען לײַען און באָרגן, ווו מע האָט נאָר געקאָנט. אָלס א צוגאָב צו דעם, זײַנען די גערעטענישן פון ביידע יאָרן (27 און 28 יאָר) געווען זייער שלעכטע. עס איז אויסגעקומען מאמעש הונגערן, וועגן קויפן וועלכע עס איז קליידער האָט גאָר קיין רייד ניט גע-

קאַנט זײַן. סאָנים פון קאָלווירט-בווונג, סײַ אין שטעטל, סײַ אין די ארומיקע דערפער, האָבן ניט באהאלטן זייער פרייד מיט דער שלעכ-טער לאגע פונעם קאָלווירט „ערשטער מײַ".

די גוטע גערעטעניש פון 1929 יאָר האָט רא דיקאַל געביטן די לא-גע. די פויערים האָבן מיטאמאָל זיך געשטעלט אף די פיס. מע האָט ניט נאָר געקאָנט זאט עסן, נאָר מע האָט אפילע אויסגעצאָלט א טייל כויוועס, אויסגעבויט אן אייגענעם אייל-זאוואָד און אײַנגעקויפט נײַע בעהיימעס. דעם פארקאָנטראקטירן לײַן האָט דער קאָלווירט אָפגעגעבן דער קאָאָפעראציע פיל העכער פון הונדערט פראָצענט.

איצט האלט זיך ארום דעם „ערשטן מײַ" באם אויספאָרמירן א גרויסער „גיגאנטישער" קאָלווירט, און פאר ליובאוויטש וועלן זיך עפענען גאָר נײַע האָריזאָנטן. דער שטרײַט צווישן ליובאוויטש און דעם „ערשטן מײַ" וועגן דעם, ווו זאָל זײַן דער יישעוו, וועט געלייזט ווערן פון זיך אליין און אף אן אומגעריכטן אויפן.

געסט זײַנען געקומען

וואַרמעס-צײַט איז אין דאָרף... מיטאמאָל פאָרן ארײַן צוויי פורן. די פויערים קוקן:

— וואָס קאָן עס זײַן? די פורן האָבן זיך אָפגעשטעלט אינמיטן דאָרף!

— א גוט-העלף אײַך, כאוויירים! מיר זײַנען געקומען צו גאַסט! נעמט אונדז אוף.

פויערים, ווײַבער, יונגוואַרג פונעם גאנצן דאָרף זײַנען זיך צו-נויפגעלאָפן.

— מיר זײַנען ארבעטער פונעם טשוהון-זאוואָד. מיר זײַנען געקומען זיך באקענען מיט אײַך, א קוק טאָן ווי לעבט איר און העלפן אײַך מיט עפעס.

— דאָס איז גוט. אנו, לאָמיר זיי מעכאבעד זײַן. היי, ווײַבער, נעמט זיך צו דער ארבעט!

— און מיט וואָס קענט איר אונדז העלפן? — האָט אומצוטרוילעך א פרעג געטאָן ניסל.

— אָט מירן זיך דורכשמועסן, מירן זיך נענטער באקענען, וועלן מיר זען, אין וואָס נייטיקט איר זיך. דעמאָלט וועלן מיר א קלער טאָן. — האָט ערנסט געענטפערט איינער פון די ארבעטער.

— מיר וואָלטן געדארפט א שול: די כעוורע האָבן ניט ווו צו לערנען זיך — האָט זיך אָפגערופן א יונג ווײַבל.

— מיט ביכלעך האלט שמאָל, — האָט זיך געקלאָגט איין כּעוו-רעמאַן.

— א צײַטונג וואָלטן מיר געדארפט. מיר ווייסן ניט, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך.

די פויערים האָבן זיך צוגעקוקט. געקוקט א ביסל מיט פּאַכעד. זיי האָבן ניט פארשטאנען, פארוואָס עפּעס פּלוצים זײַנען צו זיי געקומען די ארבעטער און זאָגן זיי צו עפּעס הילף אומזיסט און אומנישט, זאָגן צו, אז זיי וועלן אלץ אײַנאָרדענען און מאכן ווי עס קער צו זיין. ס'ווײַזט אוים — עפּעס ניט גלאט. צי וואַרפן זיי ניט קיין אויג אַף אונדזער ברויט?

וועגן וואָס זײַנען זיי געקומען? און ערשט, ווען די ארבעטער האָבן קלאָר און פּראָסט געגעבן צו פארשטיין, האָבן זיי פארשטאנען, אז ס'איז דאָ נימאָ און סע וועט ניט זײַן קיינע פּניעס.

— געלט האָבן מיר ניט מער ווי איר, האָבן די ארבעטער דערקלערט, אַף אזא הילף זאָלט איר פון אונדז ניט ווארטן. מיר קאָנען אײַך נאָר העלפן מיט אונדזער אַרבעט און קענטעניש. איר האָט ניט קיין שול און קיין ביבליאָטעק, — מירן העלפן מאכן. מירן אײַך העלפן עפענען א קלוב, מירן קומען צופאָרן מאכן פּאַרטראָגן, דערציילן, וואָס ס'הערט זיך אין שטאָט, וויאזוי מענטשן לעבן אין אנדערע לענדער. וועט איר עפּעס דארפן אין שטאָט, וועלן מיר העלפן. מירן געבן אן אייצע. און עפּשער טאַקע קריגן וואָס מע דאַרף.

— מיר ווילן מיט אײַך מאכן א צוזאמענשלוס, ווײַל אויב אײַך וועט זיך לעבן בעסער, וועט אונדז אויך זײַן בעסער.

— ריכטיק! מיר גלויבן! א דאנק, וואָס איר האָט זיך אָן אונדז דערמאָנט.

— איר זעט עפּעס מיקויעך א מילשטיין אונדז קריגן, סע גלוסט זיך ניט ווידעראמאָל גיין פאר קנעכט צום מילנער.

אין צוויי כאָדאָשים ארום האָט די מיל געארבעט אַף אלע קיילים. א מילשטיין האָבן די פויערים געקראָגן אַף אויסצאָלן פונעם נײַעם ברויט. פארן צומאָלן האָט מען שוין ניט געצאָלט ווי פריער צו פינף פונט פון פוד. — מע האָט געמאָלט אומזיסט.

אין דער גרויסער שטוב, וואָס מע האָט אָפּגעדונגען פאר א קלוב, האָט דער ארבעטער וועלוול צוזאמען מיט די כעוורע געמאכט א קליינע בינע פאר א סצענע. און דער אינוואליד שימען, הינקענדיק איבערן דיל מיט דער הילצערנער פוס, האָט פאנאנדערגעקליבן די אָנגעקומענע ביכער פון שטאָט, צעלייגט אין צוויי טיילן: פאר דער ביבליאָטעק און פאר דער שול.

פֿראַגן. 1. וואָס האָבן אופגעטאָן די שעפּן פֿאַר דער מיל?
2. צי זײַנען פֿאַראַן שעפּן איבער אײַער יִשעוו? דערציילט וועגן זייער אַרבעט.
3. פֿאַרוואָס דאַרפֿן די שטאָטישע אַרבעטער העלפֿן דעם דאָרף?

פֿאַרגעבונגען: שרײַבט איבער די ווערטער: אָפּגעשטעלט, אָפּגעצויגן.
פֿאַרוואָס שרײַבט איר „פּ" און ניט „ב"?
לעבט — פֿאַרוואָס מיט „ב" ניט מיט קיין „פּ"?
געקלאָגט, צעלייגט — פֿאַרוואָס מיט „ג" ניט מיט „ק"?

אין דעקאַבער 1929-טן יאָר האָט דער אַלפֿאַרבאַנדישער ראַט פֿון די פּראָפֿאַריינען אָנגעמערקט אויסצוטיילן אַף העלפֿן אָרגאַניזירן די קאָלווירטן אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטער פֿון פֿאָלגנדיקע פֿאַריינען:

מעטאַליסטן	9.300	מאַן
כעמיקער	1.900	"
טעקסטיל-אַרבעטער	4.030	"
האָלץ-באַאַרבעטער	570	"
באַרג-אַרבעטער	2.540	"
לעדערניקעס	740	"
דרוקער	500	"
שפּײַזלער	1.450	"
צוקער-אַרבעטער	300	"
נאָדל-אַרבעטער	350	"
פּאַפּיר-אַרבעטער	130	"
באַן-אַרבעטער	3.520	"
וואַסער-אַרבעטער	510	"
אַרבעטער פֿון אָרטיקן טראַנספּאָרט	470	"
קאָמונאַלניקעס	480	"
בויער	850	"
סאַכאַקל		

VII. ראטנבויונג

וויאַזוי איז געבויט די ראטנמאכט

די ראטנמאַכט איז געבויט אזוי, אז די ארבעטנדיקע באפעלקערונג פירט אָן מיט דער מעלוכע.

אין יעדן דאָרף, שטעטל, שטאָט ווערן אויסגעווײלט דעלעגאַטן אין די ראַטן: אין די דערפער—צו איינעם אף יעדע הונדערט איינוווינער. די דאָרפראַטן שיקן זייערע פאָרשטייער—איינעם פון צען דעלעגאַטן—אפן ראטן-צוזאמענפאָר פון ראיאָן. דער ראיאָן-צוזאמענפאָר טיילט אוים פון זיך אָן אויספיר-קאָמיטעט (רײַ-אויספירקאָם) דאָס איז דער מאכט-אָרגאַן אינעם גאַנצן ראיאָן ביזן צווייטן צוזאמענפאָר און פירט אָן מיט אלע אָרטיקע איניאַנים פונעם ראיאָן.

דער ראיאָן-צוזאמענפאָר טיילט אוים דעלעגאַטן צום קרײַז-צוזאמענפאָר פון די ראַטן,—צו איין דעלעגאַט אף יעדע טויזנט אײַנוווינער. צום קרײַזישן ראטן-צוזאמענפאר שיקן זייערע פאָרשטייער אויך די שטאָט-ראַטן,—צו איינעם אף יעדע צוויי הונדערט ווײלער.

דער קרײַז-צוזאמענפאָר ווײלט אוים דעם קרײַז-אויספירקאָם, וועלכער איז דער העכסטער מאכט-אָרגאַן אינעם קרײַז ביזן צווייטן צוזאמענפאָר.

די קרײַזישע און ראיאָנישע צוזאמענפאָרן פון די ראטן לייזן אלעווירטשאפטלעכע און קולטורעלע פראגעם פונעם אָרטיקן לעבן און וועגן געזונט-פארהיטונג.

די קרײַז-צוזאמענפאָרן שיקן זייערע פאָרשטייער אפן ראטן-צוזאמענפאָר פון דער רעפובליק. דער צוזאמענפאָר ווײלט אוים דעם צענטראַלן אויספיר-קאָמיטעט פון דער רעפובליק. דער צ. א. ק. איז דער העכסטער מאכט-אָרגאַן אין דער רעפובליק אין דער צײַט צווישן די ראטן-צוזאמענפאָרן. דער צענטראַלער אויספיר-קאָמיטעט טיילט אוים דעם ראט פון פאָלק-קאָמיסאַרן.

פראַגן: 1) ווער איז די העכסטע מאכט אין אײַער ראיאָן? אין אײַער קרײַז?

2) צי זײַט איר ווען געווען אף א צוזאמענפאָר פון ראטן? אף א וועלכן?

די העכסטע מאכט-אָרגאנען אין פסס"ר

אונדזער פארבאנד באשטייט פון 7 פארבאנדישע רעפובליקן. דער העכסטער מאכט אָרגאן פון פסס"ר איז דער אלפארבאנדישער ראטן-צוזאַמענפאָר.

קאלינין

אָט דער צוזאַמענפאָר קלייבט אויס דעם צענטראלן אויספירקאָמיטעט (צ.א.ק.) פון פסס"ר. פון איין אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר ביזן צווייטן איזדער צ. א. ק. די העכסטע מאכט אין ראטנפארבאנד.

דער צ. א. ק. פון פסס"ר באטראכט אלע וויכטיקסטע פראגן פון לאנד.

קעדיי אָנצופירן מיט דער מעלוכע-ארבעט, טיילט אויס דער צא"ק פון פסס"ר דעם אלפארבאנדישן ראט פון פאָלק-קאָמיסארן (ראטפאָלקאָם). דער ראט-פאָלקאָם איז אונטערגעוואָרפן דעם צא"ק און זיין פרעזידיום.

דער צ.א.ק. טיילט אויס פון זיך א פרע-זידיום.

אינם V-טן אלפארבאנדישן ראטן-צוזאמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיי 1929 יאָר, האָבן זיך באטייליקט 2565 דעלעגאטן. א זעקסטכיילעק פון זיי זיינען געווען פרויען.

אויפגאבע: בארעכנט, וויפל פרויען זיינען געווען אפן ראטן-צוזאמענפאָר.

ווער האָט וואלרעכט

די ראטנמאכט פארטיידיקט די אינטערעסן נאָר פון די ארבעטנדיקע, פון די האָרעפאשניקעס. דערפאר האָבן ניט אלע בא אונדז דאָס רעכט צו וויילן און צו זיין געוויילט אין די ראטן.

עקספלואטאטאָרן, הענדלער, באלעגופים, ראבאָנים, גאלאָכים, קאָנען ניט קלייבן און ניט אויסגעקליבן ווערן אין די ראטן.

וואלרעכט האָבן:

1. ארבעטער און אָנגעשטעלטע;
2. בירגער, וועלכע פארנעמען זיך פערזענלעך מיט באארבעטן די ערד.
3. אלע, וועלכע דינען אין דער רויטער ארמיי, פלאָט און ביכלאל אין מיליטערישע אנשטאלטן;

4. לערער און דערוואַקסענע שילער אין אַלע בילדונג-אַנשטאַלטן;

5. בירגער, וועלכע פֿאַרנעמען זיך מיט פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, אויב זיי עקספּלואַטירן ניט קיין פֿרעמדע אַרבעט-קראַפֿט;

6. קוסטאַרן און באַלמעלאָכעס, סײַ ווען זיי אַרבעטן אַליין, סײַ ווען זיי באַנוצן ניט מער, ווי איין דערוואַקסענעם אַרבעטער אָדער צוויי לערן-ייִנגלעך;

7. בירגער, וועלכע געפֿינען זיך אויפֿן אויכהאַלט פֿון סאָציאַל-פֿאַרזיכערונג (סאָבעז) אָדער סאָציאַלפֿאַרזיכערונג (סאָצסטראַך) — אינוואַלידן פֿון בירגער-קריג אָדער פֿון דער אימפּעריאַליסטישער-מילכאָמע;

8. בירגער, וועלכע נעמען אַרויס אַ האַנדלס-פּאַטענט פֿון דער ערשטער מאַדרייגע (ראַזריאַד);

9. הויזווירטנס און ניט אַרבעטפֿעיִקע פֿאַמיליע-מיטגלידער פֿון אַזעלכע, וואָס האָבן וואַלרעכט;

ווײלן און זײַן אויסגעוויילט אין ראַט קאָנען בירגער, — מענער און פֿרויען, — וואָס זײַנען ניט ייִנגער פֿון 18 יאָר.

פֿראַגן: 1) ווער האָט וואַלרעכט?

2) פֿאַרוואָס גיט מען ניט קיין וואַלרעכט ניט-אַרבעטנדיקע?

3) ווען האָט מען ניט דערלאָזן צו די וואַלן כא אײַך אין שטאָט?

4) צי ווייסט איר דערפֿון, אַז די ווײלער האָבן רעכט אָפּצורופֿן פֿון ראַט יעדן ניט פּאַסיקן דעפּוטאַט?

לויט דער פֿאָלקציילונג פֿון 1926 יאָר זײַנען אין פֿ.ס.ס.ר. פֿאַראַן אַזעלכע סאָציאַלע גרופּעס (אין פּראָצענטן):

סאָציאַלע גרופּעס	אין פֿ. ס. ס. ר. ביכלאַל	צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז דער פּראָצענט אַזאַ
פּויערים	85,8%	9,8%
אַרבעטער	5,6%	15,3%
אַרבעטלאָזיקע	0,8%	8,9%
קוסטאַרן	?	?
אָנגעשטעלטע	3.6%	20,6%
הענדלער	0,3%	13,3%
פֿרײַע פּראָפֿעסיעס	0,1%	1,6%
אַנדערע גרופּעס	2,4%	9,9%
סאַכאַקל	100%	100%

1) באַרעכנט דעם פּראָצענט קוסטאַרן בא ייִדן און בא ניט-ייִדן.

2) אין וויפֿל מאָל אַניערעך איז דער פּראָצענט פּויערים בא דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג גרעסער איידער בא ייִדן?

אלעקסאנדראָווקע קלײַבט אין ראַט

אלעקסאנדראָווקע איז ניט צו דערקענען. דאָס גאַנצע שטעטל קאָכט און רוישט. ווו מע גייט, הערט מען נאָר רעדן וועגן וואלן, וואלן און וואלן...

און ריידן איז דאָ פון וואָס!

אין פאַבריקן ראַט האָבן זיך אַרײַנגעשמוגלט „העלדן" פון מוישע ראַבײנעס גווארדיע. אזוי, לעמאָשל, איז דער הויפּט-אַקטיוויסט פון אלעקסאנדראָווקע, דער קולטורטרעגער אין לייענשטיבל, דער געהילף-פאַרזיצער פון ראַט געווען... רעב טעוויע—א ייד, וואָס קיין איינער אין אלעקסאנדראָווקע וועט ניט האָבן די האָזע אָנצורופן אים בײַ זײַן נאָמען, אָדער כאָווער...

מע קלײַבט אין ראַט

רעב טעוויע האָט זיך געהאַט זײַן אייגענע טעאָריע: בײַ אונדז, יידן, זײַנען ניטאָ קיין קלאַסן, אלע יידן זײַנען „זאַ סאָוועצקע וולאַסט", ווײַל די „סאָוועצקע וולאַסט", זאָל מאַריך-יאָמים זײַן, פאַרהיט אונדז פון פּאָגראָמען און אָן איר וואָלט יידן זײַן נאָך ערגער". טעוויע פלעגט זײַן א שטענדיקער מיילִיץ-יושער פאַר אלע געוועזענע בּאַלעבּאַטים און אָפּהיטן, אז מע זאָל זיי כאַלילע ניט צופיל באַשטײַערן.

און אַט דער טעוויע איז געווען שטאַרק פאַרכידעשט, ווען דער אַקטיוו האָט זײַן קאַנדידאַטור ניט אַרויסגעשטעלט צו די וואַלן אין נײַעם ראַט.

— סטײַטש, סטײַטש! אַזוי געטרײַ געאַרבעט, אַזוי אַקטיוו געווען, אַזוי זיך מאַקריוו געווען פאַרן שטעטל, — נאַ דיר, גיי טו ייִדן אַ טויווע.

דאָס אַלעקסאַנדראָווקער לייענשטיבל איז די לעצטע צײַט ניט צו דערקענען. די ווענט זײַנען באַהאַנגען מיט אָן אַ שיר פּלאַקאַטן און לאָזונגען. מער פון אַלע פּלאַקאַטן טיילט זיך אויס דער „קורצער באַריכט פון קרײַז-אויספירקאָם", געדרוקט אין ייִדיש. אָט דער „קורצער באַריכט" פאַרנעמט סאַכאַקל מער ווי אַ קוואַדראַט מעטער: אַסאַך ציפערן, דיאַגראַמעס און גראַפיקעס באַווײַזן די אַרבעט פון קרײַז-אויספירקאָם. באַ צוויי שפּאַלטן פאַרנעמט די אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן.

די וואַלקאַמפּאַניע האָט אופגערודערט די גאַנצע באַפעלקערונג. די האַרעפּאַשניקעס, די יוגנט, די פרויען האָבן אַרויסגערוקט אַ געהעריקן אַקטיוו, וואָס האָט ערנסט און שטרענג געפירט די וואַלקאַמפּאַניע. דער אַקטיוו האָט אין מעשעך פון די לעצטע צוויי וואָכן געהאַלטן אין איין „זיצן": באַהאַנדלט די אָפּגעטאָנענע אַרבעט פון דאָרפראַט, רעווידירט די אַרבעט פון די דעפּוטאַטן פון ייִדישן וואַלבאַצירק, איבערגעטאָפּט יעדן דעפּוטאַט די בייזנדעלעך, צי האָט ער געאַרבעט ווי ס'קער צו זײַן, וואָס פאַר אַ קלאַסן-ליניע האָט ער געפירט.

איצט האַלט שוין דער אַקטיוו באַ דער לעצטער זיצונג, און מע מערקט אָן דעפּוטאַטן-אַקטיוויסטן.

מע באַהאַנדלט דעם אָנזאָג. עס פליען צוגאָבן פון אַלע זײַטן.

שאַבעס אינדערפרי — דער טאָג פון די וואַלן: יאָנטעוודיק זעט אויס אַלעקסאַנדראָווקע. אין יעדן הויף, נעבן יעדן הײַזל פּלאַטערט אַ רויטע פאָן. אין די צענטראַלע ערטער פון שטאָט — לאַנגע און ברייטע פּלאַקאַטן; די שול קינדער, יאָנטעוודיק אויסגעפּוצט, מיט שײַנענדיקע פּענעמער, דעמאָנסטרירן פון גאַנצפרי איבער די גאַסן מיט מונטערע לידער.

75 פּראָצענט ווילער זײַנען געקומען צו די וואַלן. די פרויען האָבן אַרויסגעוויזן מער אַקטיווקײַט איידער די מענער.

די וואַלן גופא זײַנען דורכגעגאַנגען אי ערנסט, אי פײַערלעך. אַ וואַלד מיט הענט האָט זיך אופגעהויבן צו באַווילקן דעם אָנגעמערקטן צעטל קאַנדידאַטן.

פראַגן: 1) פאַרוואָס האָט מען ניט אַרויסגעשטעלט טעוויעס קאַנדידאַטור?
2) דערציילט, ווי זײַנען דורך די וואַלן באַ אײַך.

די פרויען דרעמלען ניט

אינעם זאוואָדישן קלוב האָבן זיך צונויפגעזאמלט ארבעטערנס און פרויען פון ארבעטער. רייזל די „זאווקאָמשטשיצע" האָט מיט א שמייכלענדיק פּאָנעם געעפנט די פארזאמלונג:

— כאווערטעס פרויען! מיר, פרויען, קענען איצט אויך אויסגע-קליבן ווערן אין די ראטן. אויב אָבער מיר וועלן פריער ניט בא-טראכטן ווּעמען ארויסשטעלן אין ראט, איז גאנץ מעגלעך, אז אונד-זערע קאנדידאטורן וועלן דורכפאלן. דערום...

— דארפן מיר ארויסרוקן אקטיווע פרויען, האָט איבערגעשלאָגן אן עלטערע פרוי מיט א רויטער פאטשיילע.

— א פרוי, וואָס זאָל קאָנען אָנפירן מיט א סעקציע, — האָט אונטערגעכאפּט א געפאלדעוועט פּאָנעם.

— וואָש זשאָל וועגן אונדזש זשאָרגן... — האָבן זיך באוועגט איינ-געפאלענע ליפּן מיט הוילע יאסלעס.

— ריכטיק, כאווערטעס — האָט רייזל אלץ געשמייכלט.

— נו, וועמען-זשע לייגט איר פאָר?

— יאדישענא! אן ארבעטערן פון פארב-ווארשטאט, א פארטיי-ישע כאווערטע — אן אקטיוויסטקע!

— ווער איז פאר? אלע! רעקאָמענדירן!..

— וויַיטער?

— רייזלען! רייזל! א ווילע כאווערטע!

רייזל ווערט רויט, פארשעמט. מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן, בעט זי, אז עמיצער זאָל פאר איר ציילן די שטימען.

— אלע „פאר"! אלע!

— וויַיטער נעדעסענקאָ!

— „אָטוואָד", „אָטוואָד" איר! זי האָט געזאָגט: „כ'בין דען א נאר, וואָס כ'וועל גיין אָף דעלעגאטן-פארזאמלונגען", און ביכלאל זידלט זי זיך. מיר דארפן ניט אזא!

— ווער איז פאר דעם „אָטוואָד"? די מערהייט. אזוי ארום רע-קאָמענדירן מיר די ערשטע 2 כאווערטעס.

פראגן: 1) ווי האָבן זיך די פרויען געגרייט צו די וואלן?

2) צי זייַנען בא אייַך געווען פארזאמלונגען פון פרויען בייס דער וואלקאמפּאניע?

3) דערציילט, ווי זיי זייַנען דורכגעגאנגען?

אן אייצע געגעבן זיך

די פרעסט האָבן זיך פארשטארקט. בא אלעמען האָט אָנגעהייבן „טיאָכקענען“ אין הארצן: די אָרעמקייט האָט ניט קיין ווארעמע מאַל-בושים, און דאָס קאָן זיי שטערן קומען צו די וואלן. די 100 פּראָצענט אקטיווקייט איז אין געפאר. באלד האָט מען מאָביליזירט אלע קאָמו-ניסטן, עלטערע פּיאָנערן און שילער. יעדערער האָט געדארפט צושטעלן א געוויסע צאָל וויילער לויט א צעטל. פארנאכט האָבן כעוורע זיך געלאָזט יעדער צו „זיינע“ וויילער. און אויב מע האָט זיך אָנגעשטויסן אָף אזעלכע, וואָס האָבן ניט געהאט וואָס אָנצוטאָן, האָט מען אוים-געטאָן דעם מאנטל און געבליבן איבערווארטן אין שטוב, און די ווויי-לער ארויסגעשיקט צו די וואלן.

אינאָוונט איז דאָס לייענשטיבל געווען פול געפאקט מיט וויילער. קלעזמער האָבן געשפילט „כאסענע-לידלעך“, און דער אוילעם האָט זיך געפילט יאָנטעוודיק.

א שארפער קלונג זאָגט אָן די וויילער, אז די פארזאמלונג הייבט זיך אָן. אין זאָל ווערט רויק. יעדערער פארנעמט זיין אָרט.

דער אָנזאָג ווערט לעבהאפט באהאנדלט. אלע אָנגעמערקטע קאַנ-דידאטן, וועלכע זיינען שוין פיל מאָל „דורכגעזיפּט געוואָרן“ אָף די פריערדיקע פארזאמלונגען, ווערן איינשטימיק אויסגעוויילט.

די האָרעפּאשניקעס פּאָדערן

אָף צו מאָרגנס נאָך די וואלן, גאנצפרי, האָבן זיך אין לייענשטיבל פארזאמלט קוסטארן, פרויען, קאָמוניסטן, פּיאָנערן און שילער.

ניט נעקוקט אָף דעם, וואָס דער פראָסט האָט געקנאקט און „גע-ריסן שטיקער“, איז געקומען א גאנץ היפשער אוילעם.

אין געשלאָסענע רייען, מיט רויטע פאָנען, זיינען אלע אוועק צום ריַיאויספּירקאָם. דאָ איז פאָרגעקומען א קורצער מיטינג.

— אין נאָמען פון אלע האָרעפּאשניקעס, — שרייט אוים א קום-טאר, — בעט איך דעם ריַיאויספּירקאָם, ער זאָל אונדז העלפן צונעמען א בעסמעדרעש פאר א קלוב, מיר האָבן דאָס אריינגעשטעלט אין „אָנזאָג“.

— מיר דארפן ניט קיין נעסטן פון פינצטערניש, — זאָגט דער פאָרשטייער פון דער יוגנט, — גיט אונדז א קלוב.

נאָך דעם איז ארויסגעטראָטן א לערער אין נאָמען פון די קולטור-טוער און אויך געפאָדערט צונעמען די שול. די גאנצע מאסע האָט אין איין קאָל אויסגעשריען:

— מיר דארפֿן ניט קיין קלויז—גיט אונדז א קלוב!

דער פֿאָרזיצער פֿון ראַיאָויספּירקאָם האָט צוגעזאָגט, אז די מאכט וועט באַפֿרידיקן די פֿאָדערונג פֿון די ארבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

מע שטורעמט די פֿעסטונג פֿון פֿינצטערניש

די גאנצע מאסע איז אוועק צום בעסמעדרעש. דער גאבע האָט זיך אביסל געקווענקלט און ניט געוואָלט ארויסנעמען די טוירעס פֿון „אָרנקוידעש". ער האָט גערעכנט, אז די מאסע וועט זיך באַרויקן און צוריק אהיים גיין. דער אוילעם האָט אָבער אָנגעהויבן מער שטורעמען.

איינער פֿון די האָרעפּאַשניקעס איז צוגעגאנגען צום „אָרנקוידעש", ארויסגענומען די טוירעס און געהייסן זיי ארײַנטראָגן אין א צווייטן בעסמעדרעש. די טוירעס זײַנען איבערגעגאנגען פֿון הענט צו הענט, ביז וואַנען מע האָט זיי אינגאנצן ארויסגעפּעקלט.

דער ענטוזיאַזם פֿון די האָרעפּאַשניקעס האָט דערגרייכט די העכסטע שטופֿע. מע האָט געהאלטן פֿײַערדיקע רעדעס. די קלעזמער האָבן געשפּילט פֿריילעכע לידער און די כעוורע האָבן געשריִען: „דערלעבן איבעראַיאָר און צונעמען נאָך א בעסמעדרעש".

אָט אזוי איז דער לעצטער טאָג פֿון די וואלן פֿארוואנדלט געוואָרן אין א מאסנאָנגריף פֿון די האָרעפּאַשניקעס קעגן דעם אלטן שימל און פֿינצטערניש.

פֿראגן: 1) וואָס האָבן די האָרעפּאַשניקעס באַשטימט וועגן דער קלויז?
2) וואָס ברענגט זיי מער נוצן — א קלויז, צי א קלוב?
3) פּירט באַ אײַך אויך א קאמפּאניע פֿאר אָפּנעמען א קלויז פֿאר א קלוב.

דאָס שטעטל איז ניט צו דערקענען

אָנדערהאלבן יאָר איז אינגאנצן פֿארבײַ, זינט ס'האָט אָנגעהויבן צו ארבעטן א יידישער ראט. פֿאר דער צײַט האָט שוין דער ראט באַוויזן אזויפֿיל אָפּצוטאָן, אז ס'שטעטל איז מאמעש ניט צו דערקענען. ניטאָ שוין די בלאָטעס, מיט די זומפּן, מיט די גריבער, וואָס זײַנען געווען אן עמעסע קלאָלע פֿארן שטעטל. די וועגן זײַנען אויסגעבּרוקירט. די גאסן און שטיבער—באַלויכטן מיט עלעקטריע. אסאך איז אָפּגעטאָן געוואָרן צו העלפֿן דער אָרעמער באַפֿעלקערונג. איצט בויט זיך א גרויסע געבײַדע פֿאר דער יידישער ארבעט-שול. דער ראט האָט אויך אסאך מיטגעהאָלפֿן אין דער ברויט-פֿארגרייטונג און האָט אויסגעראָטן די סאמאהאָן-טרײַבער.

דער ראַט האָט אויך ניט פֿאַרגעסן קולטורעל צו באַדינען די באַפעלקערונג. דאָס לייענשטיבל ווערט באַזאָרגט מיט צײַטונגען און זשורנאַלן.

אין דער נאָענטסטער צײַט וועט דער ראַט אָרגאַניזירן א פײַערלעשער-קאָמאַנדע, וועט עפֿענען א קינאָ און זען באַזאָרגן מיט אַרבעט די אַרבעטלאָזיקע יוגנט.

פּראַגן: 1) ווער האָט דורכגעפירט עלעקטריע אין שטעטל?
2) וואָס נאָך האָט אָפּגעטאָן דער ראַט?
3) פאַרוואָס קען א יידישער ראַט בעסער באַדינען די יידישע באַפעלקערונג?
4) וואָס האָט אויפגעטאָן אײַער ראַט?

כאַשטשעוואַטער בלאָטעס טריקענען אויס

צי האָט איר געהערט אמאָל פון כאַשטשעוואַטער בלאָטעס? גרויסע, טיפע בלאָטעס! שעמען נאָך פון אמאָליקע יאָרן.

די גרעסטע בלאָטע פלעגט זײַן אפן וועג פון וואָקזאַל צום שטעטל.

הײַנט, ווען איר קריכט אראָפּ פון באַן און לאָזט זיך גיין אין שטעטל, פאַרשפרייט זיך פאַר אײַך א גרויסער, ברייטער שאָסיי-וועג. א שפּאָגל נײַער, ערשט הײַנטיקן זומער אויסגעבויט. — גענוג צו ברעכן רעדער און מוטשען פערד — האָט די באַפעלקערונג געזאָגט. דער אויספירקאָם האָט די אויפגאַבע אויסגעפילט אין מעשך פון 2 כאַדאָשים.

דער וועג פירט אײַך גלײַך אראָפּ דורך דער „קאָוואַלעווקע" (א געכל, ווו די שמידן ווײנען) צום צענטער פון שטעטל.

— אָט שטייט א הויכע געבײַדע. דאָס איז אַן אמאָליקע קלויז. א פאָר יאָר פאַר דער מילכאָמע געבויט. נײַע אויפגעקומענע נעגידים האָבן אף איר דאָס געלט אויסגעלייגט, צוגעזאָגט פון די קאַפּצאָנים אָפּנעמען מיט פּראָצענט. א הייכע, א שטאָלצע געבײַדע, נאָר די בלאָטע אַרום איר האָט אַלץ נאָך לאַנג געוויקט. ביז עס זײַנען געקומען די אָרטיקע פּראָפּאַריינען, אָרגאַניזירט די אָרטיקע האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג און צוגענומען די קלויז. הײַנטיקס יאָר עפנט זיך דאָרט א האַנטווערקער-שול. מע גרייט וואַרשטאַטן, מע אָרגאַניזירט דעם שטאַט, דעם אויפנעם. קינדער רייניקן, גראָבן, פאַרקערן, און די בלאָטע טריקנט צוביסלעך אויס.

דער וועג ציט זיך נידעריקער און פירט אײַך גלײַך צום אמאָליקן מאַרק. דאָ פלעגט די בלאָטע זײַן אביסל א קלענערע, נאָר זי פלעגט

זײַן אזוי געדיכט, אז א פּוס ארויסשלעפּן איז געווען אומעגלעך. אמאָל האָבן זיך דאָ געצויגן שטעלעכלעך, קרעמלעך און גרויסע מאגאזינען,— דער גאנצער האנדל פון שטעטל.

דער שאָסיי האָט די בלאָטע פארדעקט, און די קרעמלעך זײַנען אויך אויסגעטריקנט געוואָרן — אָנשטאָט זיי איז אויסגעוואקסן א גרויסער קאָאָפּעראטיוו. ער באדינט דעם גאנצן ראיאָן מיט שפּײַז-פּראָדוקטן, מאנופאקטור, אײַזן א. א. וו. אביסל ווײַטער ציִען זיך א ריי קאָאָפּעראטיווע ארטעלן פון אָרטיקע קוסטארן.

— אָט איז די אמאָליקע „אופּראווע".

אפן גאנעקל פלעגט אמאָל, אין די „גוטע" יאָרן, שטיין דער אײַביקער סטאראָסטע, רעב שלוימע קראסניאנסקי, און גלעטן די גרויסע, ווײַסע באָרד. הײַנט איז דאָ א לייענשטיבל. יונגע יאטן און אלטע לײַט קומען אין אָוונט נאָך דער ארבעט לייענען א צײַטונג, כאפּן אביינדל, א שאכמאט און אָפּרוען. דאָ ניט ווײַט געפינען זיך אויך די פּראָפאריינען, דער קאָמיוג און דער רײַפּארטקאָם.

א גרויסע קאליוזשע פלעגט א גאנץ יאָר וויקן הינטער די שיינע הויפלעך פון די אָרטיקע גווירים. אין הויף פלעגן זיך געפינען צו 2 גרויסע בענק. געלט פלעגן דאָ לײַען גרויסע קרעמער, פּריצים און אנדערע האנדלס-לײַט. איצט געפינט זיך דאָ די קוסטארן-געזעלשאפט. קרעדיט באקומען אָרעמע קוסטארן און עס פירט זיך צווישן זיי א געזעלשאפטלעכע ארבעט. דאָרט איז אויך דער קוסטארן-קלוב.

אין די אלע אופטוען האָט א גרויסן כיילעק דער כאשטשעוואטער ראט.

פ ר א ג ן: 1) אף וואָס האָט מען אויסגענוצט די געבײַדע פון קלויז?
2) וואָס איז אויסגעוואקסן אפן אָרט פון די קראָמען?
3) וואָס נאָך פאר א נײַס באמערקט זיך אין כאשטשעוואטע?
וואָס מיינט מען דאָ מיטן וואָרט „בלאָטעס"?

דער טאָג פון אַ ראטמאן

— מיט וועמען קאָן מען זיך דאָ, אַ שטייגער, אַן אייצע האַלטן, וועגן איינעם אַן איניען?

— מיט יענער אָ, וואָס שטייט באַם סטאנאָק, מיט דער כאווערטע ליובע.

— כאווערטע ליובע, מײַן מאַמע איז קראנק געוואָרן, אויסגעווען ווי ערגעץ אַן אנשטאַלט און זיך צו גאָרניט דערשלאָגן. וואָס טוט מען? גיט אַן אייצע!

— שרײַבט אָן אַ מעלדונג, כאַווער, און גיט מיר איבער. מיר'ן, פאַרשטייט זיך, זען עפּעס טאָן, אויב ס'איז נאָר מעגלעך.

די כאַווערטע ליובע לייגט אַרײַן די מעלדונג אין איר פּאָרטפעל — אין קעשענע פון בלאָען כאַלאַט — און נעמט זיך צום פענדל, וואָס זי באַאַרבעט אױף איר סטאַנאָק.

— כ-טע ליובע! כ-טע ליובע! שטעל זיך אָפּ אױף איין מינוט — שרײַט אַ דורכגייענדיקער אַרבעטער מעלניקאָוו. — הער נאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מײַניקע האָבן טאַקע אין דאָרף באַקומען געהילף! הײַנט באַקומען פון דאָרט אַ בריוו. כ'האָב דיר געגעבן דעמאָלט אַ מעלדונג, האָט מען דורכן קרײַזוואַלד אויסגעכלאָפּאָטשעט קלעצער אױף בויען.

— וועמען האָסטו אין דאָרף?

— וואָס הייסט וועמען? מײַן גאַנצע מישפּאָכע. זייער נויטבאַדערפטיקע. אונטערן פרײַען הימל געוווינט. נו, איצטער קען מען זײַן רויק — מע וועט שוין אופבויען אַ נײַ שטעטל.

דעם אַרבעטער גערס מעלדונג וועט ניט בלײַבן איינזאַם אין ליובעס „פּאָרטפעל". אַסאַך אַנדערע מיט בלײַשטיפטן אָנגעדראַקעטע פּאַפּירלעך וועלן צום סאָף טאָג ליגן לעם דער ערשטער מעלדונג. דער טאָג איז גרויס, און אַרבעטער איז פאַראַן אַסאַך: זאָרגן האָט יעדערער גענוג. מיט יעדער דײַגע לויפט מען הײַנט אַרײַן צו ליובען אין צעך.

„דער אַרענדאַטער פון הויז פאַרקויפט אוים צוביסלעך דעם פאָלקספאַרמעגן" — פליט אַ מעלדונג פון אַן אַרבעטער צו ליובען אין קעשענע אַרײַן. — בײַ אַן אַרבעטער נעמט מען ניט צו זײַן דעפעקטיוו קינד אין קינדער-הויז — לויפט דער פאָטער זיך קלאָגן צו ליובען.

אין דורכגאַנג-צימער הענגט אַ טאָוול:

„הײַנט דעזשורעוועט דער מיטגליד פון ראַט" (דער און דער). און צו דעם דעזשורנעם ראַטמאַן ציען זיך פון אַלע זאַוואָדישע ווינקלען אַרבעטער מיט מעלדונגען.

ס'זײַנען פאַראַן אָנקלאָגעס אױף די שלעכטע לערער פון שול. דאָ איז אַ ביטע פון אַן אַרבעטער — מע זאָל אים אײַנאָרדענען אַן אורלויבנעסיע קיין אויסלאַנד. אַ מעלדונג פון אָרטקאָם וועגן אַן אָרט פאַר אַ קינדערשן שפּיל-פּלאַץ.

דער אַרבעטער פאַרשפּאָרט זיך אָפּרײַסן פון דער אַרבעט און גיין אין די אַנשטאַלטן, וואָס זײַנען צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט.

דער אַרבעטער ווייס, אַז אין דעם שכײניש וואָרשטאָט איז פאַראַן אַן אייגענער מיטגליד פון דער רעגירונג.

היינט איז דידאַזיקע רעגירונג אין געפּעס-צעך. היינט מאַכט מען דאָ ניט נאָר פאַנען. דאָ פירט מען אַ סאָוועטישע אַרבעט, דאָ בויט מען די מעלוכע.

פראַגן: 1) מיט וואָס פאַר אַ פראַגן ווענדן זיך די אַרבעטער צו זייער דעפּוטאַט?
2) ווי באַציט זיך די כ-טע ליובע צו די נויטן פון די כאַווײרים?
3) וואָסערע מײַלעס האָט דאָס באַדינען די ווײלער אַף אַזאַ אופן, ווי דאָ איז באַשריבן?
4) צי איז געווען עפּעס ענלעכעס אין די צאַרישע צײַטן?

דאָוויד „גאָרסאָוועטשיק"

ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל ניט קענען דאָוויד דעם טינטןמאַכער מיטן טינט-פאַרביקן פּאַנעם. באַ אַסאַך איז ער אַפילע פאַרעכנט פאַר אַ קאָמוניסט.

ס'איז אָבער ניט ריכטיק. דאָוויד איז אַן אומפּאַרטייישער קוסטאַר, אָבער אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ מיטגליד פון ראַט אַף פּראָסט אַמכאָ-לאָשן „אַ גאָרסאָוועטשיק".

אַז דאָוויד כאַפּט זיך אַרײַן אין טראַמוויי, וועט דער קאָנדוקטער אַפילע ניט הייסן ווײַזן ס'רויטע ביכל — ער ווייסט שוין, אַז דער „גאָרסאָוועטשיק" אײַלט זיך אין שטאָט-ראַט אַף אַ זיצונג.

אַלע טאָג אַ זיצונג. אַמאָל צוויי און דרײַ אויך.

— דאָוויד, וואַרט נאָר אויס אַ רעגעלע.

— שטיין האָב איך קײַן צײַט ניט, אויב איר ווילט מיט מיר ריידן — קומט.

— איז וווהין-זשע לויפט איר אַזוי פרי?

— אײַ רעדט ניט, כ'האָב 9 אַזייגער אינדערפרי אַ זיצונג, 1 אַזייגער באַטאָג די צווייטע זיצונג, אין אָוונט — אַ דריטע...

אַמאָל פלעגט דאָוויד אַף די זיצונגען אַזוי לאַנג זיצן, ביז דאָס ווײַב פלעג אָנקומען מיט אַ געפּילדער און אים מאַמעש פאַר די פּאָלעס אַרויסשלעפּן.

— גוואַלד, ווי האָט עס אַ מענטש אײַנגאַנצן ניט אײַנזינען] די פּאַרנאָסע! לאָזט אַ ווײַב מיט קינדער אויסגיין פון הונגער און גייט אַף זיצונגען.

דאָוויד מוז פאַרלאָזן די זיצונג, קומען אַהיים און ווידער זיך נעמען מאַכן טינט צו פאַרדינען עטלעכע גראָשן.

ווינציגער קוסטאַרן פאַרגעטערן מאַמעש דעם „גאָרסאָוועטשיק", און ניט אומזיסט. אַז דאָוויד דער „גאָרסאָוועטשיק" שרײַבט אָן מיט זײַן אייגן שרײַב-וואַסער אַ צעטעלע אין פינאָפּטייל: „אָפּגעבן דאָס מעבל

דעם און דעם קוסטאר״ איז ניט גערעדט און אָפּגעגעבן. אז דאָוויד טוט א פּאָדער, מע זאָל באַפרײַען די האַרעפּאַשניקעס, וואָס מע האָט ניט געזעצלעך אַרעסטירט — באַפרײַט מען.

כוצדעם, איז דאָוויד פאַרזיצער פון דער קאָמונאַלער סעקציע, וואָס באַם שטאָטראַט. אים קומט אויס מער פון אַלעמען באַגעגענען זיך מיט דער האַרעפּאַשנער מאַסע. ער שפּאַצירט איבער די אָרעמע געס-לעך, פאָדערט צו אָפּהיטן די סאַניטאַרישע קלאַלים. ער איז אויך א בעריע אַף באַזאָרגן „היימלאָזע״ מיט וווינונגען.

האָט דאָוויד „אָנגעשמעקט״ א פרײַ צימער באַ א נעפּמאַן, אַזוי גלײַך מאַכט ער אַן אָנפּלי און פאַרכאַסמעט דאָס צימער. אַף מאָרגן ברענגט ער, עס זאָל ניט אויסגערעדט זײַן, א „שלעפּער״, וואָס פאַר-מאָגט אַפילו ניט קיין שײַטל האָלץ.

וויניצער שטאָט-ראַט האָט ניט געקאָנט שאַפן קיין האַנאָכעס פאַר קוסטאַרן באַם צאָלן דירע-געלט. זעצט זיך דאָוויד אַף דער באַן און ער איז שוין אין כאַרקאָוו. ער מוז ריידן מיט כ׳ פּעטראָווסקי אויג אַף אויג.

וויניצער קוסטאַרן דערציילט ער מיט גאַדלעס:

— אַזוי גרינג, מיינט איר, רעדט מען מיט פּעטראָווסקין? עפּשער צען טויזנט מאָל האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז פאַרנומען; אַז מע וועט באַפרידיקן מײַן באַקאָשע, אויב איך וועל זיך מיט אים אַפילו ניט זען.

— ניין — מאַך איך, כ׳וועל זיך אַפילו דרײַ כאַדאָשים וואַלגערן דאָ און כ׳ פּעטראָווסקין, מאַך איך, מוז איך זען.

בעקיצער, מע פירט מיך צו אים. כ׳קום צו זײַן קאַבינעט, טוען זיך א פּראַל די טירן. מיין איך, עפּשער האָט עמעצער א קוועטש געטאָן א קנאָפּקע, צי א לאַקיי האָט מיר געמאַכט פרײַ דעם וועג. כ׳טו אָבער א קוק — ער... דאָס האָט ער פאַר מיר געעפנט די טיר. כ׳זאָל אַזוי טאַקע האָבן אַלדאָס גוטס, ווי פּעטראָווסקי אַליין האָט געעפנט די טיר און ווי א געטרײַער טאַטע געפרעגט:

— וואָס וועט איר עפּעס זאָגן, כאַווער?

— כאַווער פּעטראָווסקי — האָב איך גלײַך אָנגעהויבן — כ׳בין א געזעלשאַפטלעכער טוער באַ וויניצער קוסטאַרן מיט א 5-יאָריקן שטאָטראַט-סטאַזש, א מיטגליד פון קרײַז-קאָמיסיע צו פאַרשפּרייטן די אינדוסטריאַליזאַציע-האַלוואָע. איך אַליין האָב פאַרשפּרייט צווישן די קוסטאַרן די האַלוואָע אַף 25.000 רובל.

— „מאָלאָדיעץ, טאָוואַרישטש באַלק״ — האָט מיר דערויף געענט-פערט פּעטראָווסקי.

— כ׳בעט איַך, מאַך איך, איר זאָלט ווענדן אַכט אַף דער געשאַ-פענער לאַגע בענעגייע דירע-געלט פאַר קוסטאַרן, און באַזונדערס דערוף, וואָס אַזוינע אומנאָרמאַלקייַטן נוצן אויס די סאָנים קעגן אונדז.

ג. א. פּעטראָווסקי

פּעטראָווסקי האָט מיך אויסגעהערט ווי אַן אייגענער פאָטער און פאַרצייכנט מיט זייַן אייגענער האַנט:

צונויפרופן דעם קליינעם פּרעזידיום, שטעלן די פראַגע וועגן האַ-נאָכעם פאַר קוסטאַרן אין פראַט פון דירע-געלט.

אָט אַזוי אַרבעט דער געטרייַער דאָוויד „גאָרסאָוועטשיק".

פראגן: 1) ווער איז דאָוויד „גאָרסאָוועטשיק"?

2) ווי פילט ער אויס זייַן אַרבעט אַלס מיטגליד פון ראַט?

3) וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַר זייַנע וויילער?

4) צי האָט איר זיך ווען עס איז געווענדט וועגן אייַערן אַן איניַען צו אייַער ראַטן-דעפּוטאַט?

5) דערציילט וועגן דעם.

באָסלעווער האָרעפּאַשניקעס וועלן האָנאָע האָבן פונעם לעבן

באָסלעוו האָט זיך זעלבסטבאַשטײַערט.

די באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן האָבן ארויסגעלאָזן קלאַנגען, אַז דאָס איז אַ נײַע „גזיירע" פון ראַט. „ער וויל פאַרערגערן די לאַגע פון די אײַנוווינער".

און די הענדלער האָבן זיך געקאָכט:

אָבליגאַציעס—קויף, האַכנאָסע-שטײַער,—גיב און איצט אַ נײַער קאָמפּאָט — זעלבסטבאַשטײַערונג!

דערפאַר האָבן אָבער די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס אופגענומען מיט צופרידנקײַט די זעלבסטבאַשטײַערונג.

אַף דער געוואַנט-פאַבריק זײַנען אַלע געווען צופרידן מיט דער זעלבסטבאַשטײַערונג.

אַף דער פאַרזאַמלונג פון אַלע האָרעפּאַשניקעס, ווו עס זײַנען בײַגעווען 700 מענטשן, האָבן אַלע געשריִען: אַלעווײַ וואָלטן מיר געוועזן געטאָן אַזאַ כאָכמע פריער מיט עטלעכע יאָר, וואָלטן מיר שוין איצט געהאַט אַ פּאָנעם פון מענטשן און וואָלטן האַנאָע געהאַט פון אונדזער לעבן.

דאָס געלט האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט אַזוי: 6 טויזנט רובל האָט מען אַסיגנירט אַף פאַרענדיקן דעם אַרבעטער-קלוב, 2 טויזנט— אַף רעמאָנטירן דעם קוסטאַרן-קלוב, 2 טויזנט—פאַר דער פראָפשול, 500—פאַר דער אָוונט-שול, 500—פאַר דער אַמבולאַטאָריע, 2 טויזנט —פאַר דער 7 יאָריקער שול און 11 טויזנט—אַף וויל-אײַנאָרדענונג.

איצט פאַרשטייען מיר שוין, פאַרוואָס די באַלעגופים און ספּעקוליאַנטן האָבן זיך געקאָכט.

פ ר א ג ן: 1) ווי האָבן אופגענומען די זעלבסטבאַשטײַערונג די באַלעגופים און הענדלער?

2) ווי איז דורכגעגאַנגען די זעלבסטבאַשטײַערונג בא די אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס?

3) אַף וואָס האָט מען אויסגענוצט די געלט פון זעלבסטבאַשטײַערונג?

4) ווי איז דורכגעגאַנגען די זעלבסטבאַשטײַערונג בא אײַך?

א ו פ ג א ב ן: באַרעכנט: 1. וואָס פאַר אַ סומע האָט געגעבן די זעלבסטבאַשטײַערונג?

2. וואָס פאַר אַ טייל געלט פון דער גאַנצער סומע האָט מען אַסיגנירט אַף פאַרענדיקן דעם אַרבעטער-קלוב?

וואָס טוט די ראַטנמאכט פאר די אָפגעשטאַנענע פעלקער און נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון פס״סר?

אַלע פעלקער פון פסס״ר זײַנען גלײַכבאַרעכטיקט. זיי באַנוצן זיך אַלע בײַ אונדז מיט דיזעלבע רעכט.

ניט אַלע פעלקער קאָנען זיך אָבער אַלציינס באַנוצן מיט די רעכט און געניסן פון זיי. פון צארישן רעזשים איז אונדז געבליבן בעיערושע א גרויסע צאָל אָפגעשטאַנענע און ניט אַנטוויקלטע פעלקער. זייער לאַגע איז באַזונדערס שווער.

די ראַטנמאַכט נעמט דעריבער אָן אַלע מיטלען אָף צו העלפן די שוואַכערע, די מער אָפגעשטאַנענע פעלקער, זיי זאָלן זיך פאַרפעסטיקן און דעריאָגן די גרעסערע פעלקער.

די ראַטנמאַכט בויט, אינדוסטריאַליזירט, עלעקטריפיצירט די נאַציאָנאַלע רעפובליקן און געגנטן. זי ציט אַרײַן די באַפעלקערונג אין דער סאָציאַליסטישער בויונג און שאַפונג.

די ראַטנמאַכט זאָרגט ניט נאָר פאַר די פעלקער, וואָס האָבן זייערע נאַציאָנאַלע רעפובליקן און געגנטן. זי זאָרגט אויך פאַר די נאַציעס און פעלקער, וועלכע וווינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און זײַנען א מינדערהייט בענעגייע דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

זי דייגעט דערפאַר, אַז יעדעס פאָלק זאָל שאַפן זײַן קולטור, זיך דערציִען אָף זײַן מוטער-שפּראַך.

די ראַטנמאַכט טוט אַלץ, קעדיי אופצולעבן די ווירטשאַפט פון דידאָזיקע קליינע פעלקער, איבערבויען זייער עקאָנאָמיק און קולטור. זי בויט פאַבריקן, באַזעצט אָף ערד, עפנט שולן, טעאַטערס, גיט אַרויס ביכער אָף זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן א. אַז. וו.

אָט איז, לעמאָשל, אין קורצן דאָס, וואָס די ראַטנמאַכט טוט פאַר דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט.

אונדזער ראַטן-מעלוכע האָט געגעבן דער יידישער האָרעפּאַשנער באַפעלקערונג די ברייטסטע מעגלעכקײַטן פון קולטורעלער אַנטוויקלונג. פסס״ר האָט אָנגעהויבן און פירט דורך מיט א פעסטער האַנט די אַרבעט פון געזונטמאַכן עקאָנאָמיש, פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעלקערונג. פסס״ר האָט אָנגעהויבן און פירט דורך די גראַנדיעזע היסטאָרישע אַרבעט פון יידישער ערד-אײַנאָרדענונג אין קרים, אוקראַינע, ווײַסרוסלאַנד און איצט אין בירא-בידזשאַן. די ראַטנמאַכט, האָט אָנגעהויבן און פירט דורך די ביז גאָר וויכטיקע אַרבעט, אַרײַנצוציִען די יידישע אַרבעטנדיקע אין די פאַבריקן און זאַוואָדן.

אין פסס״ר איז די יידישע האָרעפּאַשנע באַפעלקערונג טאַקע פאַקטיש אַרײַנגעצויגן אין אַקטיווער מעלוכישער בויונג. עס זײַנען

אָרגאַניזירט געוואָרן הונדערטער יידישע ראַטן, עס זײַנען פאַראַן ייִדי-שע געריכט-קאַמערן, מיליציע-באַצירקן און א. וו., אין פסס"ר איז שוין אויסגעבויט געוואָרן א גראַנדיעזע נעץ קולטור-אַנשטאַלטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

אין פסס"ר איז די שפּראַך פון די יידישע פאָלקס-מאַסן פולשטענ-דיק גלײַכבארעכטיקט.

די ראַטנמאַכט האָט באַשטימט און געגעבן אן אופגאַבע דעם „קאָמערד" באַזעצן אף ערד אין די נאָענטסטע יאָרן 100 טויזנט יידי-שע פאַמיליעס. אפן „קאָמערד" איז אויך ארופגעלייגט געוואָרן די פּליכט אָנצופירן מיט דער ארבעט אף ארײַנציען יידישע האַרעפּאַשני-קעס אין דער לײַכטער און שווערער אינדוסטריע. די ראַטנמאַכט נעמט אָן א ריי מיטלען, קעדיי ווירטשאַפטלעך אײַנאָרדענען די שטעט-לעך, ווו עס ווינען קאָמפּאַקטע מאַסן די יידישע ארבעטנדיקע און ארײַנציען זיי אין דער אלגעמיין-מעלוכישער סאָציאַליסטישער בויונג.

פ ר א ג ן: 1) וואָס האָט געטאָן די ראַטנמאַכט פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן?
2) וואָס טוט זי פאַר דעם האַרעפּאַשנעם טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אף אויסבעסערן איר עקאָנאָמישע און קולטורעלע לאַגע?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: שרײַבט איבער די ווערטער: אָפּשטיין — אָפּגעשטאַנען, אופ-הייבן — אופגעהויבן, אופטאָן — אופגעטאָן, אָנהייבן — אָנגעהויבן, אָנ-צוהייבן, ארופלייגן — ארופגעלייגט, ארופצולייגן, אײַנאָרדענען — אײַנ-געאָרדנט, ארײַנציען — ארײַנצוציען, ארײַנגעצויגן.

דער נאַציאָנאַליטעטן-ראַט

דער צ. א. ק. פון פ. ס. ס. ר. באַשטייט פון צוויי גלײַכבארעכ-טיקטע טיילן: פון א פאַרבאַנדישן-ראַט און א נאַציאָנאַליטעטן-ראַט. די פאָרשטייער אינעם פאַרבאַנדישן ראַט ווערן אויסגעווילט לויט דער צאָל ארבעטנדיקער באַפעלקערונג אין יעדער רעפּובליק. דאָס הייסט, וואָס גרעסער עס איז די באַפעלקערונג אין דער רעפּובליק, אלץ מער פאָרשטייער האָט זי אין ראַט.

אין נאַציאָנאַליטעטן-ראַט אָבער גייען ארײַן א גלײַכע צאָל פאָר-שטייער פון אלע פאַרבאַנדישע און נאַציאָנאַלע רעפּובליקן און אווטאָ-נאָמע געגנטן, אומאָפּהענגיק פון דער צאָל באַפעלקערונג זייערער.

די רוסישע נאַציאָנאַליטעט, לעמאָשל, וואָס באַטרעפט העכער א העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג אין לאַנד, האָט אין נאַציאָנאַ-ליטעטן-ראַט ניט מער ווי 5 פאָרשטייער פון די 139 מיטגלידער פונעם נאַצראַט.

אַט אזא גלײַכע פאַרשטייערשאַפט שליסט אוים די מעגלעכקײַט פאר דער גרעסערער נאציאָנאַליטעט צו דריקן מיט אירע שטימען אַף די פאַרשטייער פון די קליינע פעלקער.

דער נאציאָנאַליטעטן-ראַט זאָרגט פאר די ספּעציעלע נויטן און באַדערפעניש פון באַזונדערע נאציאָנאַליטעטן פונעם פאַרבאַנד. בּאַם נאציאָנאַליטעטן-ראַט איז פאראן א קאָמיטעט פאר די צאָפן-פעלקער, און אויך א קאָמיטעט פאר אײַנאָרדענען האָרעפּאַשנע יידן אַף ערד און אין דער אינדוסטריע („קאָמערד").

די געזעצן, וואָס האָבן א שײַכעס צום גאַנצן פאַרבאַנד, ווערן בּאַ-שטעטיקט נאָר דאַן, ווען עס נעמען זיי אָן סײַ דער פאַרבאַנדישער סײַ דער נאציאָנאַליטעטן-ראַט.

פראגן: 1) ווענען געהערט די העכסטע מאַכט אין פ.ס.ס.ר.
2) פון וועלכע צוויי טיילן באַשטייט דער צ.א.ק.?
3) צוליב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דער נאציאָנאַליטעטן-ראַט?
4) ווי און ווּאַזוי ווערט אויסגעקליבן דער נאציאָנאַליטעטן-ראַט?
5) וואָס איז די אַרבעט פון נאציאָנאַליטעטן-ראַט?
6) וואָס טוט דער קאָמערד?

דער ערשטער יידישער ראַיאָן

דעם 22-טן מאַרט 1927-טן יאָר איז אין אוקראַינע געשאַפן גע-וואָרן דער ערשטער יידישער ראַיאָן — קאַלינינדאָרפער ראַיאָן. אין ראַיאָן גייען אַרײַן 41 ישובים, פון זיי—32 יידישע, 7 אוקראַינישע און 2 דײַטשישע דערפער.

די אָפיציעלע שפּראַך פונעם ראַיאָן-אויספּירקאָם און פון אַלע אַנ-שטאַלטן אין ראַיאָן איז יידיש.

דער גאַנצער ראַיאָן איז אַריבער אַף דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאַציע.

פראגן: 1) ווו געפינט זיך דער ערשטער יידישער ראַיאָן?
2) צי איז מעגלעך געווען אין די צאַרישע צײַטן, סע זאָל זײַן א יידישער ראַיאָן?

אין יידישן ראַיאָן

נאָך איידער די זון גייט אוף, הייבט זיך אָן דער טאָג פונקט ווי אין יעדן דאָרף. רעווען אַף א באַס די קי, מעקען אַף אַן אַלט די שע-פעלעך, די סאָפּראַנע גיבן די כאַזיירים. יאָ כאַזיירים! יידישע דער-פער זײַנען אויך דערגאַנגען צום סייכל, אַז גערשטן לוינט בעסער אַרײַנלייגן אין כאַזיירים, איידער פירן פּאַרקויפן. און דאָס כאַזער-פלייש איז טאַקע געשמאַק אויך. אָפּגערעוועט, אָפּגעמעקעט, אָפּגע-

כריוקעט, — אדורך די טשערעדע. פון הינטערן בארג ווײַזט זיך די זון.
דאָס לעבן הייבט זיך אָן פאַרפרי.

מיר זיצן נעבן הויז פון רײַוויספּירקאָם. ס'איז ערשט אינגאַנצן 7 אזייגער, און ס'זײַנען שוין געקומען צופאָרן באזוכער. זיי האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד, פאַרמישט זיי אָן איבערבײַם. עסן די פערד און בלאָזן צופרידן מיט די נאָזלעכער. מענטשן בײַסן אויך איבער און שמועסן דערווײַל.

— וואָס זײַט איר אזוי פרי געקומען? — פרעגן מיר בײַ א יידן, שוין ניט קיין יונגן. ער איז אָן איבערוואָנדערער פון פערוואָמײַסק, דער רײַוויספּירקאָם עפנט זיך דאָך ערשט 9 אזייגער.

— ווייס איך, מיר לעבן דאָך אָן א זייגער.

דאָרט, אין שטעטל ווען איך בין געזעסן, איר פאַרשטייט, פלעגן מיר גאָרניט אופהערן קוקן אפן זייגער. דאָרטן האָבן מיר זיך אלע שטענדיק עפּעס אלץ געײַלט. אלץ אין כאַפּעניש און דאָס לעבן איז אונדז געווען צו קורץ, און דאָ גייט זיך דאָס לעבן רויִק. ניט אין הו-האָ. איז קיין אומגליק ניט צו קומען פריִער מיט א פאָר שאָ.

זיצן מיר זיך אזוי און שמועסן.

וועגן וואָס האָט מען געשמועסט? — וועגן זעמקע-ווייץ, וואָס דאַרף ברענגען א גוט גערעטעניש; וועגן דעם, וויאזוי ס'איז גלײַכער צו פאַרפלעכטן דעם עק באַם פערד, אז ער זאָל זיך האלטן. וועגן לוצערנע. מע האָט אויך גערעדט וועגן די אמאָליקע דאַרע הערינגלעך, וואָס פלעגן געבן כעיונע יאנקל גלעזערס מישפּאָכע.

מיר האָבן אויך דערמאָנט די ביטערע פאַרגאַנגענהײַט מיט אירע פּאָגראָמען און מיט אירע לופט-פּאַרנאָסעס, מיטן יאָגן זיך נאָך א שטיקל ברויט, כאָטש אָן פּוטער.

מיר האָבן אויך גערעדט וועגן פּאַלעסטינע.

— כ'האָב אויך אמאָל געכאָלעמט וועגן פּאַלעסטינע. כ'האָב געמיינט, אז אין פּאַלעסטינע וועל איך מיר זײַן א ייִד. אי אַף ערד אי בײַ מילכיקע טײַכן דערצו.

— נו, זײַט איר געפאָרן?

— גאָט באַהיט! איר זעט אָט דאָס באָכערל. איז ער צוריקגעקומען פון דאָרט. און ווען איך האָב זיך פון אים אלץ דערוווּסט, האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן: שוין טאקע בעסער זײַן דאָ אַף דער ערד, איידער דאָרט אין דר'ערד... אָט אזוי בין איך פון מײַנע כאָלוימעס פּאָטער געוואָרן — און ס'איז מיר איצט דאָפּקע צוגעקומען א האָלב לעבן. נאָט אײַך דעם כאָלעם פון אָן אייגן לאַנד. אָט האָבן מיר שוין דאָ אין קאַלינינדאָרף א יידישן ראַיאָן.

און, אפּאָנעם, קעדיי צו באַווייזן די גייטיקייט פון כאַלומעס, האָט דער אַלטער גלעזער אַ קוק געטאָן אָפן הימל, אַרויסגעקוקט פון דאָרט אָף אַ רעגן. מיט אַלץ, וואָס רינט פון אים ארויס...

ס'האָט זיך געעפנט דער צוזאַמענפאָר פון אָרעמפּויערים-קאָמי־טעטן (ק. נ. ס.) אין יידישן ראַיאָן.

איז פונעם אוקראַינישן דאָרף קרעסטאָוואָזדוויזשענקע, וואָס גייט אַריין אין יידישן ראַיאָן, אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגריסונג אַן אוקראַי־נישער פויער:

קיין רעדנער בין איך ניט, — האָט ער געזאָגט. — נאָר איך וויל נאָר זאָגן, אַז מיר, אוקראַינער, זײַנען גערן צוגעשטאַנען צום ראַיאָן. וואָרעם — מיר זײַנען אַלע ערד-ברידער. איך באַגריס אײַך זייער האַר־ציק, כאַווײרים יידן, פון די ברידער אוקראַינער. דאָס גאָר. און זאָל לעבן אונדזער ראַטנמאַכט.

פראגן: 1) וועגן וואָס האָבן געשמועסט די יידן באַם ריוויספּירקאָם?
2) צי זײַנען די געשפּרעכן ענלעך אָף די געשפּרעכן פון אַמאָליקע שטעטלדיקע האַנדל-וואַנדל יידן?
3) פאַרוואָס האָבן זיך געענדערט די אינטערעסן — צי האָבן זיך געביטן די מענטשן, אָדער דאָ זײַנען פאַראַן אַנדערע סיבעס?
4) וואָס דערציילט יאַנקל וועגן פּאַלעסטינע?
5) וואָס האָט געזאָגט דער אוקראַינער פּויער אין זײַן רעדע?

פאַרגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: גייט אוף, הייבט אָן, בײַסט אי־בער, רינט אַרויס, גייט אַרײַן, בעט איבער, לייגט אַנידער, גראָבט אונ־טער, שלאָגט אָפּ.

פאַרענדערט דידאָזיקע ווערטער אַזוי: אופגיין, אָנהייבן, א. אז. וו.
באַמערקט: גייט אוף, הייבט אָן א. אז. וו. שרײַבט זיך באַזונדער: אופגיין, אָנהייבן, א. אז. וו. — שרײַבט איבער איינינעם.

אין יידישן געריכט

— ווו געפינט זיך דאָ באַ אײַך דער יידישער געריכט? — האָב איך זיך נאָכגעפרעגט באַ אַ „יידן פון אַ גאַנץ יאָר“.

— דער יידישער סוד? ווער ווייס דאָס ניט, ווו עס געפינט זיך דער יידישער סוד? מיסטאָמע זײַט איר ניט קיין היגער?

דעם יידישן סוד האָט מיר שוין געקאָנט וויַזן קינד און קייט.

איך בין געגאַנגען מיט זיכערע טריט, ביז איך האָב אים אַליין דערקענט נאָך פונדערווײַטן — לויט דער גרויסער צאָל מענטשן אַרום אים.

דורכשפּאַרן זיך אין געריכט גופע איז מיר אָנגעקומען ניט גרינג.

דער אוילעם זיצט דאָ ניט אלס געסט, נאָר אלס מיטריכטער. מע פילט זיך גאנץ היימיש: אלע ריידן יידיש, מאמע-לאָשן. אי דער ריכטער, אי די איידעס. דאָ פילט זיך דער אוילעם אויך פאר א מעכוטן. דאָס, וואָס מע פרעגט ניט בא אים, איז ניט וויכטיק. ער זאָגט אליין... אויב מע קאָן עס ניט זאָגן דעם געריכט, רעדט מען צווישן זיך.

דער פארבאנד פון דער געווערב-קאָאָפּעראציע האָט אָפּגעגעבן אין ארענדע א יידישן גערטנער א סאָד פון הונדערט ביימער אף 6 יאָר.

אין יידישן געריכט

דער ארענדאטער האָט זיך אונטערגענומען צו צאָלן ארענדע און ארומצאמען דעם סאָד מיט א פארקאן — האָט ער ניט אומעטום ארומגעצאמט מיט א הילצערנעם פארקאן. אין איינעקע ערטער האָט ער געמאכט פון דראָט. וויל דער פארבאנד צעריַיסן דעם אָפּמאך.

אין מעשעך פון פראָצעס ווערט קלאָר, אז דער פארבאנד וויל צונעמען דעם גאָרטן פאר א קינדערשן שפיל-פּלאץ... דאָס ווארפט אביסל אן אנדער שיַין אף דער גאנצער זאך: פון איין זיַיט איז דער גערטנער מיסטאָמע טאקע ניט שולדיק: ער וויל האָבן ארבעט און פארנאָסע, אָבער פון דער צווייטער זיַיט איז א קינדער-פּלאץ א וויכטיקער איניען.

וויאזוי-זשע פאסקנט מען, אז ביידע צדאָדים זאָלן בלייבן ניט קיין געליטענע? דער אוילעם, זע איך, איז שטארק אָנגעשטרענגט.

דער גערטנער איז דערווייל אינגאנצן געקומען צו זיך, ער האָט זיך שוין פארגעסן, אז ער געפינט זיך אין געריכט. ער האָט זיך א נעם געטאָן אויסטיינען זיך טאקע מיט די הענט:

— איר דארפט וויסן זיין, אז איך בין געווען ארבעטלאָז, קוים וואָס כ'האָב זיך דערשלאָגן צום גאָרטן. איצט איז וועסנע. איך האָב שוין אלץ דורכגעמאכט: ארומגעשניטן, ארומגעגראָבן, באמיסטיקט— אזויפיל שוויים, אזויפיל בלוט, ווילן זיי דאָס איצט צונעמען. וואָס זאָגט איר, א?

דער ריכטער וויל קלאָר מאכן, צי וועט דער גערטנער מאסקים זיין אָפּצוגעבן פארן שפיל-פלאַץ א געוויסן טייל פונעם גאָרטן, בע-ערך א 40 ביימער, פאר א באלוינונג.

— וואָס הייסט? איז שוין דער גערטנער אינגאַנצן ארײַן אין זײַן ראָל, ער רעדט שוין גאָרניט צום ריכטער נאָר צום גאנצן זאל. אדעראבע. זאָלן טאקע אלע הערן און וויסן: 40 ביימער זיינען דאָך דער איקער פונעם גאנצן גאָרטן. א גרויסן דאנק אײַך. נו און מיינע קויכעס?

— רעדט צום געריכט.—מאכט אים א באמערקונג דער ריכטער.

— איך רייד צום געריכט אויך — זאָגט דער גערטנער.

וויאזוי איז ארוים פון דער לאגע דער ריכטער? ער האָט אָפּ-געלייגט דעם מישפּעט אַף א פּאָר טעג, די צדאָדים זאָלן זיך קאָנען צונויפריידן: אי דער גערטנער זאָל ניט דארפן לײַדן, אי די קינדער זאָלן האָבן א שפּילפלאַץ.

— גוט! אויסגעצייכנט! — איז צופרידן געווען דער אוילעם: יעדערער פון זיי וואָלט אויך פונקט אזוי געפּאסקנט... פונקט אזוי... ווען ער וואָלט נאָר געפאלן אפן פלאן.

דאָ האָב איך דערפילט, וואָס עס הייסט א געריכט אַף דער מו-טערשפּראך.

די מוטערשפראך איז דאָ אין יידישן געריכט א פארגרינגערונג סיי פאר די, וואָס לאָדן זיך, סיי פארן ריכטער. פאר אים ווערט דער גאנצער איניען קלאָר אין זיין שטייגערישער ארומרינגלונג. ער דער-זעט אלץ אַף דורך און דורך, ווי ער וואָלט אליין בײַגעווען...

יאָ דער יידישער געריכט איז נאָך איינער פון די גרויסע אופטוען פון דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע.

פּראַגן: 1) פארוואָס האָט זיך אזוי פרײַ געפילט אין געריכט דער גערטנער?

2) צי וואָלט ער געקאָנט אזוי אויסטײַנען זיך אין א געריכט אַף א פרעמדער שפּראך?

3) וואָס פאר א באדײַטונג האָט דער ייִדישער געריכט פאר דער ייִדישער באפעלקערונג?

4) אויב אײַך איז ווען עס איז אויסגעקומען זײַן אין א ייִדישן געריכט, שרײַבט אָן וועגן דעם אין וואנט-צײַטונג.

פארגעבונג: שרײַבט ארויס די ווערטער מיט גע. געפינט, געקאַנט, געגאנגען, זינגען, געווערב, אונטערגענומען, געמאכט, געליטענע, געווען, געווויסן.

פון אַן „אומגעריכטער" זײַט

אין לײַ-און-שפּאָר-קאַסע גייען ארײַן צענדליקער און הונדערטער ייִדן. ייִדן פון די סאמע גערדיכטע באלמעלאָכישע ראיאָנען. איידער זיי גייען ארײַן אין קאסע, גרייטן זיי זיך צום ריידן און שארפן זיך די צינגער; דאָרט קומט אוים צו „שפּרעכן" נאָר רוסיש. נאָך מער קומט אוים צו לײַדן דער רוסישער שפּראַך אָף די פּאַרטייניקטע זיצונגען פונעם ראַט, פארוואלטונג און רעווידיר-קאָמיסיע פון דער קאסע. כאָטש צוויי דרײַ ארויסטרעטונגען פון די אקטיווע טוער אין דער קאַסע הערן זיך דאָרט שטענדיק אזעלכע רעדעס, וואָס די איבעריקע ווייסן קיינמאָל ניט געננוי, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. עס טראָגט זיך אינדערלופטן א מישמאש פון מאָדנע און אויסגעטראכטע ווערטער. אָבער די זיצונג ווערט געפירט ווי בא לײַטן — אין דער רוסישער שפּראַך.

טרעפט זיך איינמאָל א מײַסע. אָף דער זיצונג פון קאַסע-ראַט איז געקומען דער כאווער סטאָליארענקאָ, פארוואלטער פונעם אָרטיקן אָפּטייל פונעם אוקר. באנק.

אליין א געוועזענער אוקראַינישער פאָלקס-לערער.

אין טאָג-אָרדענונג פון דער זיצונג זײַנען די סאמע וויכטיקסטע פראגן געשטאַנען: וועגן נײַע קרעדיטן, וועגן באקומען רוישטאָף, וועגן סכוירע-אָפּזאָץ א. א. וו. ניט ארויסזאָגן זיך קען מען ניט. רעדט מען אָף וואָס די וועלט שטייט. אלע ריידן, אכוץ איינעם, וואָס זיצט א גאנצן אָוונט באַם טיש, ווי אין א באזונדער ווינקעלע און רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט — דאָס איז דער שוסטער מוישע שאַטלאַן פון מאַקאַראָוו. בא זיך אין שטעטל איז ער דאָפקע נאָך אמאָליקע יאָרן געווען א שייגעץ אין דער לײַ-און שפּאָר-קאַסע. אָבער דאָ, אין דער גרויסשטאָטישער לײַ-און שפּאָר-קאַסע איז ער אינגאנצן א שווײַגער געוואָרן. זײַנע שטאָטלײַט, וואָס גערענקען אים פון אמאָל, האָבן אים אויך איצט דורכגעפירט אין ראַט פון דער קאַסע. אָבער אינדערעמעסן האָבן זיי געהאַט א מיעסן טאָעס, וועגן וועלכן זיי וועלן זיך דערוויסן ערשט שפּעטער, אז ער איז בעסאכאקל א „שטומע

לעלע!" ער קאָן דאָך קיין רוסיש ניט. איז וואָס-זשע איז ער פאַר אַ ראַט-מיטגליד? אָט איז ער שוין געווען אויף 6 זיצונגען פונעם ראַט און איז נאָך אפילו איינמאָל ניט ארויסגעטראָטן. און וואָס צו זאָגן איז דאפקע דאָ אזוי פיל—ווער ווייס נאָך אזוי די לאַגע און די נויטן פון די הונדערטער אָרעמע ווי ער, דער מאַקאַראָווער שוסטער? אָבער ריידן וועט ער ניט. איינמאָל פאַר אַלעמאָל ניין. פון רוסיש איז דאָך אָפּגע-רעדט און יידיש קען ער איצט אויך ניט ריידן. עס פּאַסט ניט, ס'איז אַ בּיזאָיען. בּיפּראַט נאָך איצט, ווען דער פאָרזיצער איז אַ „גוי". ער וואָלט זיך געווים באַליידיקט, ווען עמעצער זאָל ארויסשפּרינגען „מיצקעדרינען" מיט אַ יידישער רעדע, און ער וואָלט טאַקע געווען גערעכט אויך...

—ווער וויל זיך נאָך פאַרשרייבּן צום וואָרט—קיינער ניט? פרעגט סטאָליאַרענקאָ, איבּערקוקנדיק דעם צעטל פאַרשריבּענע.

—אַלע האָבּן שוין היינט גערעדט,—מורמלט אים איין שטילערהייט אין אויער דער סעקרעטאַר—אַלע, כוץ איינעם, כוץ מוישע שאַטלאַן.

— כוץ מוישע שאַטלאַן? פאַרוואָס-זשע האָט ער ניט גערעדט? האָט סטאָליאַרענקאָ אַ פרעג-געטאָן מעכאַניש.

— ער איז ניט קיין רעדנער, דערקלערט אים מיט אַ בּאַהאַלטע-נעם שמייכל דער סעקרעטאַר.

סטאָליאַרענקאָ האָט זיך געווענדעט צו מוישע שאַטלאַנען.

— אַלע האָבּן זיך שוין היינט ארויסגעזאָגט, נאָר דו ניט — פאַרוואָס-זשע איז דאָס אזוי? שוין-זשע האָסטו ניט וואָס צו זאָגן?

מוישע שאַטלאַן האָט זיך אַבּיסל פאַרלאָרן.

— וואָס הייסט ניטאָ וואָס צו זאָגן? פאַרקערט, ס'איז דאָ פיל צו זאָגן, נאָר פאַרשטייט איר מיך, ס'איז אַ בּיזאָיען צו דערציילן: איך האָבּ קיין לאָשן ניט, איך קען קיין רוסיש ניט, כאָטש סטאָליאַרענקאָ, איך קען ניט...

— אָבּער יידיש קענסטו דאָך? האָט זיך פאַרוווּנדערט סטאָליאַ-רענקאָ — פאַרוואָס-זשע רעדסטו ניט קיין יידיש?

און אויף אַן ענטפער האָט ער שוין ניט געוואַרט, ער האָט אַפּגיך און נערוועז עפּעס פאַרצייכנט מיטן בּלייפעדער בּאַ זיך אין בּיכל. עס איז געווען קאָנטיק, אַז בּאַ אים אין מויעך איז געבּאָרן געוואָרן עפּעס אַ געדאַנק, וועלכן ער קלייבּט זיך דורכפירן אין לעבּן. פאַרטראַכטער-הייט האָט ער דערפירט די זיצונג בּיזן סאָף און פאַרן שליסן זי האָט ער געמאַכט אַ קורצע מעלדונג:

— די צווייטע זיצונג פונעם ראַט, כאַווײרים, וועט פאָרקומען איבּערמאָרגן 8 אזייגער אין אָוונט. אין טאָג-אָרדענונג וועט שטיין איינע אָבּער זייער אַ וויכטיקע פראַגע:

— וועגן אריבערפירן די געשעפט-פירונג פון אונדזער קאסע אף דער שפראך פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט מיטגלידער אירע, אף יידיש.

פאר די ביי-געוועזענע איז סטאליארענקעס מעלדונג געווען שרעקלעך אומדערווארט.

— נאך אזא זאכלעכער זיצונג, ווי די היינטיקע, אזא מאדנער און ניט-קלוגער פארשלאג — וואס הייסט עס? זיי האבן זיך נאר געטרייסט, אז דאס האט זיך בא אים היינטיק! אוונט צעשפילט די פאנטאזיע, און איבערמארגן וועט ער אליין פארשטיין, ווי נאריש זיין פארשלאג איז און וועט אים נעמען צוריק.

אבער סטאליארענקא איז אף דער צווייטער זיצונג פונעם ראט געקומען פינקטלעך 8 אזייגער און האט געמאכט א פארטראג וועגן דער גייטיקייט אריבערצופירן די ארבעט פון דער קאסע אף דער שפראך פון איר „ברייטער מאסע מיטגלידער“, אף יידיש.

דידאזיקע רעדע איז געווען אזוי קלאר און איבערצייגנדיק, אז קעגנער פון סטאליארענקעס פארשלאג האבן שוין אף דער זיצונג מוירע געהאט צו באוויזן זיך. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארן איינשטימיק.

און אזוי איז טאקע פארשריבן געווארן אין פראטאקאל: „איינשטימיק אנגענומען — איבערפירן די ארבעט פון דער קאסע אף יידיש, לויטן פארשלאג פונעם כאווער א י וו א ן ד א ר א פ ע י ע וו י ט ש ס ט א ל י א ר ע נ ק א“.

פ ר א ג ן : 1) פארוואס האט געשוויגן מוישע שאטלאן?
2) פארוואס פלעגן אמאל און אויך איצט זיין יידן, וואס שעמען זיך ריידן יידיש?
3) פאר וועמען איז געווען נייטיק, אז די יידישע מאסע זאל זיך מוזן באנוצן מיט א פרעמדער שפראך?
4) ווי באציט זיך די ראטנמאכט צו דער שפראך פון די נאצמינדערהייטן?
5. צי ווייסט איר פון אזעלכע פאלן, ווען אין פראפעסיאנעלע, געזעלשאפטלעכע, פארטייישע ארגאניזאציעס, וווּ ס'איז פאראן א היפש צאל מיטגלידער—יידן, ווערט איינגעפירט די יידישע שפראך.

פ א ר ג ע ב ו נ ג : שרייבט איבער פינקטלעך ווי דא פאלגנדיקע ווערטער: ליי- און שפאר-קאסע, רעווידיר-קאמיסיע, טאג-ארדענונג, סכוירע-אפזאץ.

אבלאוועס

דאס איז געווען מיין ערשטער ארויספאר אין דער גרויסער שטאט קיעוו. אפגעשטעלט האב איך זיך אף א יידישער אכסאניע מיטן נאמען „רעב אלטער קאניעווערס סטאנציע“. דאס איז געווען

אין דעם הינטערשטן טייל שטאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „פּאָדאָל“, ווו יידן מעגן זיצן. איך זאָג, אַז יידן מעגן דאָרטן זיצן און מוז זיך באַלד פאַרכאַפּן. מע קען נאָך מיינען, כאָלילע, אַז אַלע יידן מעגן דאָרטן זיצן.

דאָרט מעגן זיין נאָר יענע יידן, וואָס האָבן דערצו וווינרעכט — „פּראַוואָזשיטעלסטווע“.

לעמאָשל: באַלמעלאָכעס, פּריקאַשטשיקעס פון ערשטער גילדיע, ניקאָלייעווסקע סאָלדאַטן און אַזעלכע, וואָס האָבן קינדער אין גימנאַזיע.

די אַלע איבעריקע יידן כאַפּן זיך אַהער אַריבער, ווי קאָנטראַבאַנדע, אויף אַ קורצער צייט און לעבן אין גרויס שרעק, נאָר מיטן כעסעד פון דוואָרניק אָדער פון דעם נאַדזיראַטעל, אָדער פון דעם פּריסטאַוו. און דאָס אויך ביז אַ צייט — ביז עס מאַכט זיך אַן „אָבלאַווע“ — מע פאַלט איבער אויף די יידישע אַכסאַניעס אינמיטן האַלבע נאַכט מיט זשאַנדאַרן און מיט סאָלדאַטן.

אויף זייער לשון ווערט דאָס אָנגערופן „מע מאַכט אַ רעוויזיע“.

אויף מיין ערשטן אַרויספאָר אין דער גרויסער באַרימטער שטאָט קיעוו האָב איך געהאַט די ערע און דאָס פאַרגעניגן צו ליגן מיט נאָך יידן בא רעב אַלטער קאַניעווער אויף אַ בוידעם און כאַפּן אַ ציטער.

געווען איז דאָס אין אַ ווינטערדיקער פינצטערער נאַכט.

אַזוי ווי די רעוויזיע פון דער פּאָליציי איז געווען אַ פּלוצלעכע און אומגעריכטע, האָבן די מאַנצבל ניט באַוויזן צו כאַפּן אויף זיך, איך בעט איבער אייער קאָוועד, די טאַכטוינים און די ווייבער — זייערע אונטערשטע קליידלעך.

אַ גליק, וואָס די „רעוויזיע“ האָט זיך דאָס מאָל גיך געענדיקט, אַניט וואָלטן זיי אַפּן בוידעם אויסגעגאַנגען פון קעלט.

דערפאַר אָבער — וואָס פאַר אַ געדולע איז געוואָרן, ווען דער באַלאַכסאַניע האָט זיי אַראָפּגערופן פונעם בוידעם מיט אַ מאָדנער שפּראַך צום גראָם:

— יעהודים בעלוי! קריכט אַרויס פון שטרוי! געפּאַטערט די שיידים — אַראָפּ פון בוידעם!

געענדיקט האָט זיך דער איבערשרעק מיט אַ גרויסער סימכע. מע האָט דערלאַנגט דעם סאַמאָוואַר, מע האָט געטרונקען טיי מיט טרוקענע בייגעלעך און מע האָט דערציילט ניסים וועניפלאָעס.

די סימכע איז אָבער באַלד פאַרשטערט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער באַלאַכסאַניע האָט אַרופגעלייגט אויף זיינע אָרכים צו אָנדערהאַלבן קאַרבוינים אויף אַ קאָפּ, קעדיי צו דעקן די הויצאָעס, וואָס די רעוויזיע האָט געקאָסט. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסטן.

פראגן: 1) וואָס פאַר אַ באַגרענעצונגען זײַנען געווען פאַר דער צאַרישער מאַכט אַף יידן?
2) צי פלעגט לײַדן פון די באַגרענעצונגען די יידישע בורזשואַזיע?
3) ווען זײַנען אָפּגעשאַפן געוואָרן די אַלע באַגרענעצונגען?

פאַרגעבונג: אַרויספאַר, אָנגעשטעלט, גרויסעשטאָט, וויינרעכט, באַלמעלאָכעס, אומגעריכט, געענדיקט, מעגנזיצן, דערפאַר, באַלאַכסאַניע, כאַפּנדיק, געפּאַטערטע, אָנגערופן, ווינטערנאַכט, ווינטערדיקע נאַכט, גרויסשטאָטישער, אויסגענאַנגען, גייענאַויס, אַראָפּגערופן, ביז אַ צײַט, דערלאַנגט, דערפּאָליציי, אַפּאַבוידעם, פאַרשטערט, פאַרגעלט, געהאָלפן, מאַמע-לאָשן.

שרײַבט אַרויס פון דער אַלע ווערטער, וואָס שרײַבן זיך באַזונדער, דערנאָך די, וואָס מיט בינדשטריכן, דערנאָך אַלע איבעריקע, וואָס שרײַבן זיך אינאיינעם. אָט אַזוי:
גרויסע שטאָט, מעגן זיצן... א. א. וו.
ווינטער-נאַכט... א. אז. וו.
אַרויספאַר, אָפּגעשטעלט, וויינרעכט, באַלמעלאָכעס... א. אז. וו...

ווי אַזוי די ראַטנמאַכט קעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם

די פראַגע וועגן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם פאַרנעמט בײַ דער ראַטנמאַכט אַ גרויס אָרט.

נאָך אין יולי 1918 יאָר האָט דער ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן דעקרעט מיט דער אונטערשריפט פון כאַווער לענין וועגן קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג.

אָט זײַנען אייניקע אויסצוגן פונעם דעקרעט:

„אין ראַט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן קומען אָן ידיעות, אַז אין אַסאַך שטעט פירן די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע. אַלס רעזולטאַט פון דעם, זײַנען אין אייניקע ערטער פאָרגעקומען עקסצעסן (פּאָגראָמען) אַף יידן.

די בורזשואַזע קאָנטר-רעוואָליוציע נעמט איבער דאָס געווער, וואָס איז אַרויסגעפאַלן פון די צאַרישע הענט.

דער צאַרישער רעזשים פלעגט שטענדיק אָנווענדן דעמדאָזיקן געווער (פּאָגראָמען) קעגן יידן, כדי אָפּצווענדן פון זיך דעם פאָלקס-צאָרן און אָנווײַזן די פינצטערע מאַסן, אַז אַלע זייערע צאָרעס קומען קלוימערשט פון יידן. דערבײַ פלעגן די יידישע גווירים פאַר זיך שטענדיק געפינען אַ פאַרטיידיקונג. און געליטן און אומגעקומען איז די יידישע אָרעמקײַט.

איצט האָבן די קאָנטר-רעוואָליוציאָנערן באַנײַט די העצע קעגן יידן. זיי נוצן אויס דעם הונגער און די פאַרמאַטערטקײַט פון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן און אויך די רעשטלעך פון יידן-פײַנטשאַפט, וואָס איז אײַנגעוואָרצלט געוואָרן דורך דער זעלבסטהערשונג.

ראט פון פאָלקס-קאָמיסאַרן דערקלערט, אז די אנטיסעמיטישע
נג און די פאָגראָמען זײַנען א טויט-געפאַר פאַר דער ארבעטער-
יערים-רעוואָליוציע און רופט אלע ארבעטנדיקע צו קעמפן מיט
מיטלען קעגן דעמדאָזיקן בייז.

די נאציאָנאלע סינע שוואַכט אָפּ אונדזערע רייען און צעריַסט
ם אייניַהײטלעכן ארבעטער-פראָנט, וואָס באשטייט פון פארשיידענע
אָציעס.

דער ראטפאָלקאָם לייגט פאַר אלע ראטן, זיי זאָלן אָנעמען אַנט-
שיידענע מיטלען, קעדיי אויסצוואָרצלען די אַנטיסעמיטישע באוועגונג

די פאָגראָמשטשיקעס און די, וואָס פירן א פאָגראָם-אגיטאציע דארף
מען אוועקשטעלן אויסערן געזעץ.

„אויסערן געזעץ" האָט אין יענע יאָרן באטיַיט — שיסן אפן אָרט.

אָט מיט וואָס פאַר א שאַרפע מיטלען די ראטנרעגירונג קעמפט
קעגן אנטיסעמיטיזם.

פראגן 1) צי האָט געקענט פאַר 12 יאָר אויסגעוואָרצלט ווערן דאָס, וואָס
מע האָט געפלאַנצט אין מענשעך פון טויזנטער יאָרן?

2) וואָס טוט די ראטנמאכט אָפּ צו באקעמפן דעם אנטיסעמיטיזם?

3) אויב איר זעט אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען, באזונדערס פון
פאראנטוואָרטלעכע טוער — ניט שוויַיגט. שריַיבט אָן [וועגן] דעם
אין ציַיטונג, דערלאַנגט א מעלדונג אין פארטקאָם א. אז. וו.

פארגעבונג: שריַיבט ארויס אלע ווערטער, וואָס זיַינען צונויפגעשטעלט
פון צוויי ווערטער, נאָר שריַיבן זיך איינינעם אָדער מיט א בינדשטריך
אָט אזוי:

ראטנמאכט, אנטיסעמיטיזם, פאָלקס-קאָמיסארן א. אז. וו.

העצע און פאָגראָמען אָפּ יידן איז ניט קיין נאציאָנאלע באוועגונג,
נאָר א ריין קלאסאָווע.

דאָס באשטעטיקן אזעלכע פאקטן:

ווען פעטליורע האָט פארכאפּט די מאכט אין אוקראַינע, איז די
ערשטע זאך זײַנע געווען — פאָגראָמען. אין יידיש בלוט האָט ער גע-
וואָלט דערטרינקען די רעוואָליוציע. און אָט בא דעם פעטליורע איז גע-
ווען א מיניסטער א ייד. און דער פירער פון די ציאָניסטישע פאשיסטן
זשאבאָטינסקי האָט אפילע געשלאָסן אן אָפּמאך מיט אָט-דעם פעטליורען
וועגן שטיצן זיַין אָנגריף אָפּ אוקראַינע.

די נאציאָנאליסטישע יידישע בורזשואזיע איז מויכל פעטליורען און
דעניקינען די פאָגראָמען, אבי זיי זאָלן באקעמפן די ראטנמאכט, די
מאכט פון ארבעטער און פויערים.

די רויטע אַרמיי אין קאַמף מיט פּאָגראָמשטשיקעס

די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען פון פּוילישן פראָנט אַפן דאָרעמדיקן
נאָך אין פּוילן האָבן זיך אין דער אַרמיי אַרײַנגעגאָסן, קלוימערשט אַלס פרײַוויליקע, פּעטליורישע אַגענטן, קעדיי צו פירן אַן אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם-אַגיטאַציע.

אַ ייִדיש שטעטל אונטער קאַזאַטין. מיר פאָרן צו מיטן שטאַבעסקאַדראָן. ס'הערן זיך געשרייען. אַ גערויש. אַף די עקן שטאָט זעט מען לויפנדיקע פיגורן...

מיר צעשיטן דעם עסקאַדראָן און הייבן אָן זיך צערעכענען מיט די פּאָגראָמשטשיקעס. אין אַ שאָ אַרום איז די אָרדענונג ווידער אויפגעשטעלט, עטלעכע באַנדיטן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן. אַנדערע זײַנען זיך צעלאָפן. דרײַ האָט מען געכאַפּט. מיט פּאַכדאָניש זוכנדיקע אויגן שטייען זיי פאַר אונדז.

ס'איז אונטערגעקומען דער פּאָלק. אַ קאָמאַנדע — שטיי! קריך אַראָפּ!

באַם טײַכל אונטערן שטעטל עפענען מיר אַ מיטינג. אין אַ גרוי-זאַמער שטילקײַט הערן די רויטאַרמייער וועגן אָנבעראַכמאָנעסדיקן קאַמף, וואָס מע דאַרף פירן מיט די פּאָגראָמשטשיקעס אַנטיסעמיטן. די פּאָגראָמשטשיקעס באַזוכט מען גלײַך אַפן אָרט. ס'פליִען אַף דרערד פינגערלעך, זייגערס, פאַרשיידענע קלייניקײַטן, מעטריקעס, פּאַפּירן. אייגער האָט זיך ניט געפוילט אַפילע נעמען אַ קליידל און אַ סלאָי וואַרעניע.

די רעדעס זײַנען געענדיקט. מע דאַרף זיך נעמען צו מײַסים.

„אַף די סאָנים פון דער רעוואָליוציע — שים!“ — קלינגט די קאָמאַנדע.

עטלעכע טרוקענע שאָסן.

— צו די פערד! דער פּאָלק רירט זיך ווײַטער. אַפן וועג ליגן דרײַ טויטע קערפּער מיט אַן אויפשריפט:

„צעשאָסן פאַר אַ פּרווו צו באַראַבעווען די ייִדישע אָרעמקײַט“.

פּ ר אַ ג ן: 1) ווער פלעגט אָרגאַניזירן ייִדישע פּאָגראָמען ביז דער רעוואָליוציע?
2) ווער האָט אָרגאַניזירט פּאָגראָמען בעשאַס דעם בירגער-קריג?
3) צי זײַנען מעגלעך ייִדישע פּאָגראָמען באַ דער ראַטנמאַכט?

VIII. אין קאפּיטאַליסטישן קלעם



פון יענער זייַט גרענעץ

— א שטאָט אן אָנזועצערן !

— א שטאָט א קאַפּצן !

בּארג ארוף ציִען זיך די לאנגע גאסן. ווי אמאָל וויל דאָ דער בּאלמע-לאָכישער נידעריקער טייל שטאָט דערלאנגען צום אנטקעגנדיקן בּרעג טײַך. ער וויל דערגרייכן צו זײַנע יישוּווים, וואָס פלעגן אים געבּן פּארנאָסע. נאָר די לאנגע און רויטע קייטן-בּריק איז צעשטערט.

דער אנטקעגנדיקער בּרעג טײַך מיט זײַנע ווײַטע צעוואָרפענע יישוּווים איז א סאָוועטישער, פארבּאָטענער פאר אלע אויגן, וואָס ווילן אהין קוקן. פון יענעם נאקעטן און פלאכן בּרעג זעט מען אהער ארויס אן אפּצעלאָכעס גרויסע שילד מיט אפּצעלאָכעס גרויסע אויסיעס:

„ס. ס. ס. ר.".

און אין מיטן טראָגט דער טײַך זײַנע פארטראכטע קאלעמוטנע וואסערן.

א קאלטער, טויבּער טײַך.

אף אים שיפט מען זיך איצט קיינמאָל ניט אין קיין שיפלעך, אין אים כאפּט מען ניט קיין פיש. פאר פרוּוון אים אריבּערשווי-מען איז מען געשאָסן געוואָרן. גלויבּט זיך דעריבּער, אז די ווײַטקייט צו דעם שילד מיט די אויסיעס „ס. ס. ס. ר." איז ניט קיין

היגע, אז צו דער שילד איז א מעהאלער, וואָס קיינער אין לעבן האָט נאָך קיינמאָל ניט דורכגעמאכט.

לאנגוויַליק נודעט זיך דאָ די שטאָט.

ווי גלאט אזוי, פון יווירדישן לײדיקגײן, פאָרט מען פונדאנגען אין דער הויפטשטאָט. ווי גלאט אזוי קערט מען זיך פון דאָרט אום — מע פאָרט אין א שלעפנדיק אָפּגעריבענעם צוג. מע האָט א ניכטער פארכליאנעט הארץ, א פארטריקנטן מויל מיט פארטריקנטע ליפּן. מע בענקט נאָכן פארמילכאָמעדיקן ריַיעך פון קנאָבל מיט דארער קישקע. וואָס מער מע דערווייַטערט זיך פון דער פּריצישער הויפּט-שטאָט, אלץ פּאַמעלעכער קריכט דער אלטער צוג.

באַ יעדן אָפּגעפליקטן גרעסערן און קלענערן וואָקזאל, ווו מע שטעלט זיך אָפּ — אָן אָפּגעריסענער באַלעגאָלישער, אָרעמפּויערשער אוילעם.

ער האָט ווי כאראָטע, אלעמיַ ער האָט זיך אונטערגעפּוילט צו טאָן דאָ אין דער ריכטיקער צייַט דאָס אייגענע, וואָס מע האָט געטאָן אַף יענער זיַיט סאָוועטישער גרענעץ כאראָטע, וואָס ער — אָט דער אָפּגעריסענער אוילעם — מוז איצט מיט בעטלערישע אויגן ארויסקוקן אַף א נעדאָווע-פּארדינמטל ארום די „צוריק-פּריצים". איצט, אז מע האָט דאָס אלץ געזען, ווערט מען קומען אהיים און מע וועט דערציילן בלויז וועגן דעם, וואָס מע האָט אומזיסט געהאט הויצאָעס אין דער הויפּטשטאָט. מע האָט אומזיסט געזוכט דאָרט באַשעפטיקונג.

איצט וועט מען איבעראניַם זיצן אין שטאָט און איבעראניַם געדענקען:

די קוימענס פון עטלעכע אָנגעזעענע פאבריקן שטעקן אויסער דער שטאָט, ווי אויסרוף-צייכנס פון אלעמענס ביזאָיען.

— א שטאָט א ליגנערן!

— א שטאָט א קאפּצן!

און נאָך וועט מען געדענקען:

צו דער שילד מיט די אויסיעס „ס.ס.ס.ר.", וואָס אַף יענער זיַיט טיַיך, איז זייער וויַיט — צו דער שילד איז א מעהאלער, וואָס קיינער אין לעבן האָט נאָך קיינמאָל ניט דורכגעמאכט.

פ א ר ג ע ב ו נ ג ע ן: שרײַבט איבער די ווערטער:

ביִעס, יעדיִע, באציִונג, בליִונג, ביִאָגראפיע, ביבליִאָטעק.

פריִקער, קיִיש. שטעלט, ווי דאָ, ווו מע דארף אונטערן י א פּינטל וויאזוי וואָלט מען געקענט לייענען די דאָזיקע ווערטער, ווען ס'זאָל ניט זיַין קיין פּינטל אונטערן י?

דאָס רײַכסטע און דאָס אָרעמסטע לאַנד אין דער וועלט

כינע איז מיט אירע נאַטירלעכע רײַכטימער דאָס רײַכסטע לאַנד אין דער וועלט. וואָס פירן די קאַפּיטאַליסטן פון דאָרט ניט אַרויס? אַלערליי מעטאַלן, זײַד, באַוול, פאַרשיידענע פוטערוואַרג, טיי, רײַז און נאָך און נאָך אַ שיר.

אין דערזעלבער צײַט איז אָבער כינע דאָס סאַמע הונגעריקסטע לאַנד אין דער וועלט. קאַרטאָפל פאַרקויפט מען דאָרט אױפן שטיק. אַ גאַנצע פאַמיליע קויפט אָפט אַ קאַרטאָפל, מישט צו אַ הויפן מעל, אַביסל טיי און מאַכט דערפון אַ וואַרמעס פאַרן גאַנצן הויזגעזינד.

אױפן וועג קאָן מען אַמאָל זעען אַזאַ סצענע: אַ הונט האַלט באַם פייגערן. אַרום אים שטייען עטלעכע אָרעמעלײַט און וואַרטן, קעדיי ברענגען אַהיים פאַר דער הונגעריקער פאַמיליע אַ שטיקל הינטיש פלייש.

כינע פאַרמאָגט 400 מיליאָן באַפעלקערונג. קימאַט די גאַנצע באַפעלקערונג איז אַ פּויערשע. פאַבריק-אַרבעטער און באַלמעלאָכעס— נאָר 5 מיליאָן.

דער גרעסטער טייל ערד געהערט צו די פּריצים.

אויב אַ פּויער פאַרמאָגט דאָרט אַ פערטל העקטאַר (אַ העקטאַר איז עטוואָס ווייניקער פון אַ דעסיאַטין) האַלט ער זיך שוין פאַר אַ נאָגיד. אָפט פאַרמאָגט אַ פאַמיליע פון 10—12 מאַן ניט מער ווי אַ צענטכיילעק העקטאַר, ציטערט מען איבער יעדן זעמדעלע. יעדן הויפן ערד טרייסלט מען איבער מיט די הענט. מע פאַרזייט פאָרזיכטיק יעדן קערנדל באַזונדער.

קינדער הייבן אָן צו אַרבעטן אינדערהיים פון 4 יאָר אָן. און אױף די פאַבריקן פון 7—8 יאָר.

פראַגן: 1) ווי לעבן די פּויערים און די אַרבעטער אין כינע?
2) פאַרוואָס זײַנען דאָרט אַזוי אָרעם די פּויערים?
3) ווער נוצט דאָרט אויס די רײַכטימער פון לאַנד?

עס ברענט

I

מיסטער לאָרים, דער אינספּעקטער פון דער ענגלישער פּאָליציי אין כינע איז זיך געזעסן אױף דער וועראַנדע און גערויכערט אַ סיגאַר. אַ דעלעגאַציע פון דאָרפישע כינעזער איז געקומען צו אים און לאַנג געשטאַנען בײַ די טרעפּ. נאָר מר. לאָרים האָט אין זייער זײַט ניט געקוקט.

צולעצט האָט זיך דער פירער פון דער דעלעגאציע, דער אלטער טשאַן-סי, אָנגעטאָן זיך א קויעך, א פאַל געטאָן צו דער ערד און שטיל געזאָגט:

— האָב קיין פאַריבל ניט גנעדיקער האַר! מיר זיינען געקומען צו דיר, בעטן דיך...

— אך, דו שמוציקער כאַזער איינער! ווי האָסטו גאָר א האָזע?! האָט זיך צעשריִען מיסטער לאָרים.

— האָב קיין פאַריבל ניט, מיר בעטן דיך — האָט איבערגעכאַזערט טשאַן-סי — מיר זיינען געקומען בעטן דיך... דערלויב אונדז אויסבויען א שול... א כינעזישע שול... דאָ אין דאָרף... פאַר אונדזערע דאָרפישע קינדער.

ניין! האָט אָפּגעהאַקט מיסטער לאָרים.

די דעלעגאציע איז אוועק מיט גאָרנים.

שפּעטער, אז מע האָט אים באַצאָלט, האָט מיסטער לאָרים געזאָגט:

— גוט, זאָלן נאָר די אַרבעטער ניט קלאַפּן אינדערפרי.

II

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון עפענען די ניי אויסגעבויטע שול. פון די ארומיקע דערפער זיינען מאַכנעס פויערים אָנגעקומען אויף דער שול-עפענונג.

די שול איז געווען באַפּוצט מיט פּלאַקאַטן און מיט גרינס. אפן גאַניק האָט זיך באַוויזן א יונגערמאַן.

— דער לערער!.. דער לערער!.. איז געוואָרן א גערודעריי צווישן דעם גרויסן עולם, וואָס איז געשטאַנען אפן שול-פּלאַץ.

— שאַ! שטילער! דער לערער וועט האַלטן א רעדע...

—קלאָוּוים!—האָט א בייזע שטים דורכגעריסן די שטילקייט. דאָס האָט מיסטער לאָרים אויף א ווייסן פערד זיך אריינגעשניטן אין דער פאַרזאַמלונג מיט א געשריי.

— קלאָוּוים! כאַזיירים מיִעסע!—האָט ער געשריִען,—די מינוט זאָלט איר זיך פונאַנדערגיין!

— ווער האָט אייך דערלויבט צונויפקלייבן זיך דאָ?

— נאָך וואָס זיך פונאַנדערגיין?—האָט שטיל אָבער זיכער געזאָגט דער לערער — מיר טוען קיינעם קיין בייז ניט.

מיסטער לאָרים פּאָנעם איז פון קאַעס אזש בלייך געוואָרן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און מיט א קרום שמייכעלע געזאָגט:

— וועט איר זיך ניט פונאַנדערגיין מיט גוטן, וועל איך אייך פונאַנדערטרייבן מיט בייזן.

— מירן זיך ניט פאַנאַנדערגיין! — האָבן זיך פון צווישן דעם אוילעם דערהערט שטימען.

— ניט פאַנאַנדערגיין זיך! האָט די אופגעבראַכטע מאַסע זיך צעברומט.

מיסטער לאַרים האָט אויסגעשריען א באַפעל. פון הינטערן שול זיינען אַנגעלאָפן פּאָליציאַנטן. גומענע שטעקנס האָבן זיך צעשפּרונגען איבער כינעזישע צעפּיקעקעפּ און פלאַטשיקע געלע פּענעמער.

דער אוילעם איז געוואָרן אויסער זיך און מיט א געשריי — „שלאָג די פּאָליציי!" זיך א וואָרף געטאָן אין געשלעג. נאָר באַלד האָט א קנאַק געטאָן א זאַלפּ, און גלייך נאָך איינער און נאָך איינער.

די כינעזער זיינען זיך צעלאָפן איבער די שמוציקע, שמאָלינקע געסלעך אין די נידעריקע הייזלעך. נאָך זיי האָבן זיך ווי בייזע הינט געיאָגט ענגלישע קוילן און געריסן שטיקער לעבנס.

III

ווי א גרויסע העל-רויטע פאָן, איז דער הימל א גאַנצע נאַכט געהאַנגען איבער דער ווייטער כינעזישער ערד.

עס האָבן געברענט די געביידעס און קאַזאַרמעס פון דער ענגלישער פּאָליציי. מיסטער לאַרים האָט זיך אין פייער געטראָגן אף דער וועראַנדע מיט רעוואָלווערן אין ביידע הענט און געשאָסן אין דעם גרויסן כינעזישן אוילעם, וואָס האָט פון אַלע זייטן געשפּאַרט אף אים.

דער פייער איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און באַלויכטן מיט א רויטער שיין דעם טויטן פּאָנעם פון אַלטן טשאַן-סי, וואָס איז געבליבן טויט אפן שול-פּלאַץ, באַלויכטן די קערפּער פון פּויערים און סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין געראַנגל.

פ ר א ג ן ? 1) ווי האָט מען גענומען געלט אף דער שול?
2) וויאַזוי האָט מען באַקומען די דערלויבעניש אף עפענען די שול?
3) וואָס איז פאָרגעקומען באַם עפענען די שול?
4) ווי האַלטן זיך די ענגלענדער אין כינע?

פ א ר ג ע ב ו נ ג : שרייבט איבער אין באַזונדערע רובריקעס די ווערטער מיט וי און מיט ו: אויסגעצויגן, ארויסגעזאָגט, אופשיין אופגעעפנט, צונויפגעקליבענע, אופגערודערטע, אויסגעשריען.

טראַכט צו נאָך אַזעלכע ווערטער מיט וי און מיט ו. דערמאָנט זיך פון פריערדיקע לימודים.

וווּקס פון דער קאָמפּאַרטיי אין כינע

1924 יאָר — 900 מאַן
1925 „ — 4.000 „
1926 „ — 12.000 „
1927 „ — 18.000 „

א ו פ ג א ב ע : באַרעכנט אין וויפל מאָל איז די צאָל קאָמוניסטן אין 1927 יאָר געווען מערער איידער אין 1924.

אונטער דער הערשאפט פון די ענגלענדער

די דאמפשיף וויקטאָריע האָט מען אָנגעלאָדן מיט רײַז, בוים-וואָל, קאָקאָס-אייל.

בראָנזהויטיקע אינדוסן, פארשטויבטע, פארשוויצטע, אונטער דער פלאקערדיקער היץ פון דער דאָרעם-זון, האָבן אָנגעלייגט אַלץ נײַע קופעס פעק.

ניט דאָס ערשטע מאָל איז דעם טרעגער ראמעש אויסגעקומען שלעפן אף זײַנע פלייצעס די שווערע פעק. אָבער צוואנציק יאָר אויס-מאטערנדיקע ארבעט און שטענדיקער ניט דערעסן האָבן לעסאָף אונטערגעריסן זײַנע קויכעס. ער האָט אָנגעהויבן לײַדן אף שארפער בלוטאָרעמקײַט און אָפטע קאָפּשמערצן.

נאָר די גרויסע נויט האָט הײַנט ארויסגעטריבן דעם קראנקן ראמעשן אף דער ארבעט. אינדערהיים האָבן געוואַרט אַן אַלטער פאָ-טער און פיצלעך קינדער.

ראמעש האָט ניט אויסגעהאלטן. די מאסע האָט זיך פון די פליי-צעס אראָפּגעגליטשט אף דער ערד.

ראמעש איז אין כאלאָשעס געלעגן אף די פליטעס פון האפן.

דער אופזועער דזשעקסאָן האָט עס גלייך באמערקט. מיט א גע-ווינטער באוועגונג פון דער האנט האָט ער אָפּגעשפּיליעט זיין קאנ-טשיק פונעם גארטל:

— ביסט שיקער, דו, בעהיימע!

א שמייס. אף ראמעשס רוקן האָט זיך באוויזן א בלוטיק שלענגל.

דער קראנקער האָט א צאפל געטאָן און זיך אָנגעהויבן ווארפן אין קאָנווולסיעס.

— ער איז ניט שיקער, ער איז קראנק — איז ארויסגעטראָטן דער טרעגער דזשאָגענדער.

— האלט ס׳מויל!

דער קאנטשיק האָט זיך נאָכאמאָל א הויב געטאָן אינדערלופטן, נאָר די האנט מיטן קאנטשיק איז אין דעם אויגנבליק אָנמעכטיק אראָפּגעפאלן אראָפּ.

דזשאָגענדער האָט אָפּגעשטעלט דעם קלאַפּ דערמיט, וואָס ער האָט ארייגעשטאָכן דזשעקסאָנען אין הארצן אריין א לאנגן דינעם קינזשאל.

דעם אופזעערס טויטער קערפער איז געלעגן אף דער פאלובע פון „וויקטאָריע״, פארדעקט מיט דער פאָן פון דער ענגלישער אים-פעריע. ארום און ארום זיינען געשטאנען באוואָפנטע מאטראָסן.

די יעדיע וועגן דעם, אז א אינדוס האָט דערהארגעט אן ענגלענ-דער, האָט אופגערודערט די אונטערדריקער.

— דאָס איז א בונט!

— אינמיטן העלן טאָג!

— באָלשעוויסטישע שמאדשטיק!

— מע דארף באשטראָפן!

— רינגלט ארום די „שווארצע שטאָט״.

— נעמט ארום דעם פארק מיט שטעכעדיקן דראָט, קיין איין הונט זאָל ניט דורכקריכן!

— אלעמען צונויפטרייבן אין פארק אריין, אלעמען, מאנצבילן און פרויען, אלט און יונג.

ס׳האָבן געיאָמערט איבערגעשראָקענע קינדער, טוליענדיק זיך צו די מוטערס. באם ארייגאנג איז געשטאנען א דורכויסיקע וואכט פון סאָלדאטן.

צום פארק איז צוגעפאָרן א פארמאכטע קארעטע. די סאָלדאטן און די אָפיצערן זיינען פארגליווערט געוואָרן אפן אָרט.

פון דער קאָרעטע איז ארויסגעגאנגען דער שעף פון גארניזאָן.

— פירט אהערצו דעם אלטן!

פונעם פארק האָט מען ארויסגעפירט א זאָקן מיט א לאנגער טרייסלענדיקער באָרד. ער האָט זיך נידעריק פארנויגט, צוגעלייגט איין האנט צום שטערן, די אנדערע — צום הארצן.

— אלטער — האָט דער שעף געזאָגט, — איך פאָדער זאָלסט ארויסגעבן דיין זון דזשאַגענדראַ און אַלע זיינע מיטלייט. קאָלזמאַן איר וועט עס ניט טאָן, וועט די גאנצע באפעלקערונג פארבלייבן דאָ אין אָטדעם פארק.

— מיין האר! מיר ווייסן ניט, וווּ איז אנטרונען געוואָרן מיין זון דזשאַגענדראַ און זיינע כאווירים.

— ליגסט!

דער זאָקן האָט זיך ביטער צעלאכט.

— מיין האר! איך ווייס ניט קיין נייע ווערטער, איך ווייס אָבער, אז די סאָנים פון מיין פאָטערלאנד זיינען די ענגלענדער. איר פירט אוועק אונדזער גערעטעניש, אונדזערע גרויסע רייכטימער... מיר הונגערן און לעבן אין דאלעס. איר באגייט זיך מיט אונדז, ווי מיט קנעכט. מיר האסן אייך!

— פארשטאָפט אים דאָס מויל!

מע האָט דעם אלטן אוועקגעפירט אין דער טיפער וויט פון פארק.

אין פארק האָט מען אָנגעהויבן זינגען. דער הימען איז געוואַקסן און געוואַקסן. מע האָט געזונגען אונטער יעדן בוים, אונטער יעדן קוסט. ס'האָט זיך גערדוכט — גאַנץ אינדיע זינגט. מע האָט געזונגען דעם הימן: „זיי געגריסט, היימלאנד, מוטער“.

— שיסן ביז דער לעצטער קויל!

און לאנג נאָך צווישן דעם יאָמערן פון פארוווּנדעטע, צווישן קלאַפּן פון די קוילנוואַרפערס און גערויש פון די אופרייסנדיקע גראַנאטן, באַמבעס פון עראָפּלאַן האָבן אקשאָנעסדיקער פונעם טויט געטראָגן זיך די ווערטער „זיי געגריסט, היימלאנד, מוטער“.

פראַגן: 1) וואָס האָט זיך געטראָפן מיט ראמעשן פון שווערער ארבעט און ניט-דערעסן?

2) וואָס האָט געטאָן דער אופזעער?

3) ווי האָבן זיך די אינדוסן איינגעשטעלט פארן כאַווער?

4) ווי האָבן זיך די ענגלענדער גויקעם געווען פארן טויט פון דעם אופזעער?

פאַרגעבונג: שרייבט איבער די ווערטער:

קר אנק, ל אנג, אריינג אנג, ארויסגעג אנג ען; ד אנק, צוו אנג, קל אנג, שט אנג ען, ב אנק.

ווי אזוי רעדט איר ארוים דידאָזיקע ווערטער:

קר ענק ען, ל ענג ער, ד ענק ען, שט ענג ל, ב ענק ל.

די קאפּיטאַליסטישע לענדער און זייערע קאָלאָניעס

נאָמען פון לאַנד	קאַפּיטאַליסט. לאַנד: דער שטעטעך אין טויזנטער קוו. קמ.	קאַפּיטאַליסט. לאַנד: די באַפעלקערונג אין מיליאָנען	די קאָלאָניעס: שטעטעך אין טויזנטער קוו. קמ.	די קאָלאָניעס: די באַפעלקערונג אין מיליאָנען
ענגלאַנד	244	45	40.000	420
פראַנקרײַך	351	39	12.052	59
האָלאַנד	34	7	2.030	51
יאַפּאָניע	385	58	297	23
פאַראייניקטע שטאַטן. . .	7.997	113	1.845	13
בעלגיע.	30	7	2.440	11

אויפגאַבן: באַרעכנט: 1) אין וויפל מאָל איז די באַפעלקערונג פון די ענגלישע קאָלאָניעס גרעסער פאַר דער באַפעלקערונג אין ענגלאַנד גופא?
2) אין וויפל מאָל איז דער שטעטעך פון די בעלגישע קאָלאָניעס גרעסער פאַר בעלגיע גופא.

אין שאַפּ

(דאָס יינגל מאָטל דערציילט)

איך קאָן אײַך אָנזאָגן א בשורה: מײַן ברודער עליע און אונדזער כאַווער פיניע אַרבעטן שוין אין שאַפּ, אויף דער פאַבריק, הייסט עס. אַלע אָפּדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונדז כידושים. זיי קומען אַלעמאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק.

מײַן שווערגערן בראָכע איז ניט צופרידן. די מאַמע אויך ניט. זיי באַוויינען אונדז, וואָס מיר דאַרפן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, ביכדיי צו מאַכן א לעבן. א קלייניקייט — אַרבעטן אין שאַפּ! אַז האַלב זיבן אינדערפרי מוז מען שוין זײַן אויף דער אַרבעט. א שאָ נעמט דאָס פאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. הײַנט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפן אויפשטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אַפילע! וואָרום טאָמער פאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אײַך אַראָפּ פאַר עטלעכע מינוט א האַלבן טאָג אַרבעט.

איך האָב מוירע, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן. מײַן ברודער עליע זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צאָרעס פונעם פאָרמאַן. עדער שאַפּ האָט א פאָרמאַן — אַן עלצטן, אַן אויפזעער. און ניט נאָר

איין פאָרמאַן. יעדער שטאָק האָט זיך זײַן פאָרמאַן. אַף דעם שטאָק, ווו עליע אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ ראָשע מערושע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַ שנײַדער. האָט ער זיך אַרופגעאַרבעט און איז געוואָרן אַן עלצטער. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פונעם באָס, פון באַלעבאָס, הייסט עס.

מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אַז ווען איר וועט ניט קומען, וועט איר פאַרשפעטיקן. וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ הונט? און אונדזער כאַווער פיניע דערציילט פון זײַן שאַפ נאָך שענערע מײַסעס. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין פייפער אַרײַן, אין אַ צײַטונג, הייסט עס. לייענען אַ צײַטונג בײַ דער אַרבעט — כאַיעס ניט זיכער! רויכערן שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פון די מאַשינעס.

נאָך אַ מײַלע האָט זײַן שאַפ. דאָרט ווערן די פרעסלעך אָנגעוואַרעמט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז“, דאָס הייסט, שטינקען שטינקט עס אַזוי, ווי בײַ אונדז גאַז. נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאַז, מע דאַרף זאָגן געז.

האַקיצער, די געז פון די פרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפ פאַלן כאַלאָשעס און מוזן וואַרפן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פיידע“. דאָס הייסט, אַז עס קומט אָפּגענעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זײַט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זײַט איר געפאַלן כאַלאָשעס — פאַרפאַלן אַ טאָג.

ניין, מע קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין אַ שטרײַק.

פראַגן: 1) צי איז גרינג צו אַרבעטן אין אַמעריקע? בעט אײַערע קרויווים אין אַמעריקע, זיי זאָלן אײַך אָנשרײַבן וויאַזוי מע אַרבעט דאָרט.
2) וויפל שאָ אַרבעט מען אין די פאַבריקן פון סאָוועטן-רוסלאַנד
3) לייענט איבער אין צײַטונג וועגן אַ שטרײַק אין אַמעריקע אָדער אין אַן אַנדער קאַפּיטאַליסטיש לאַנד.

פאַרגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: אופשטיין, אופזעער, אופשטאַנד, אופבויען, אופגאָב, אופלויפן, אופראַמען, אופדעקן, אופהערן, אופטאָן, אופכאַפן, אַרופאַרבעטן, אַרופלייגן, אַרופגיין, אַרופשיקן.

ווי אַף אַ יאַריד פֿון שקלאַפֿן

ווי מע נעמט אוף אַרבעטער אין אַ פּוילישער מעלוכישער פֿאַבריק

די יידישע צײַטונגען פֿון פּוילן גיבן איבער אַזאַ בילדל:

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען שערעשעווסקים טאַבאַק-פֿאַבריק אין גראָדנע איז אַריבערגעגאַנגען צום מלוכע-מאָנאָפּאָל, זײַנען הונדערטער יידישע אַרבעטער און אַרבעטערנס אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון דער אַרבעט. עס זײַנען געבליבן אינדרויסן אַרבעטער, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געאַרבעט אין פֿאַבריק. די לאַגע פֿון די אַרבעטלאָזיקע איז געווען אַ שוידערלעכע. אַ גרויסן אײַנדרוק האָט דעמאָלט געמאַכט דער אַלטער גראָדנער טאַבאַק-אַרבעטער, וואָס איז פֿון פֿאַרצווייפֿלונג געגאַנגען זוכן דעם טויט אַפֿן בוידעם פֿון שערעשעווסקים פֿאַבריק.

איצט האָט זיך פֿאַרגרעסערט די טאַבאַק-פּראָדוקציע. עס האָבן זיך געפֿאָדערט נײַע אַרבעטערנס. דער גראָדנער טאַבאַק-פֿאַריין האָט געפֿאָדערט, אַז עס זאָלן קוידעמקאָל צוגענומען ווערן די אָפּגעזאָגטע אַרבעטערנס. דער גרעסטער טייל פֿון די אָפּגעזאָגטע זײַנען יידישע.

די טעג האָט זיך באַם טויער פֿון פֿאַבריק געטאָן כוישעך. די אַרבעטערנס מיט זייערע ביכלעך פֿון אַרבעטלאָזיקע, אין די הענט האָבן באַלאַגערט דעם טויער, קעדיי פֿאַרשריבן צו ווערן די ערשטע. אויסער זיי זײַנען אָבער אויך געקומען פֿיל אַנדערע פֿרויען, יונג און אַלט, און האָבן געוואָלט באַקומען אַרבעט אין פֿאַבריק. עס איז געווען אַ טומל און אַ שטיקעניש.

עס איז אַראָפּגעקומען פּאָליציי צוזאַמען מיט „סטראַזשניקעס“ צו מאַכן אָרדענונג. מע האָט געוואָרפֿן און געשלײַדערט פֿון טויער די פֿרויען, קיינעם נישט געשאַנעוועט. עס איז אָבער שווער געווען בײַצוקומען דעם פֿאַרשמאַכטן, הונגעריקן און אַרבעטלאָזיקן האַמוין פֿרויען.

ביז איינער פֿון די פֿאַבריק-דירעקטאָרן איז אַרויסגעקומען פֿאַרן טויער. מע האָט באַפֿוילן אַלעמען אויסשטעלן זיך איינע נאָך דער אַנדערער. דער דירעקטער וועט אויסקלײַבן. דעם דירעקטער גייט נישט אָן, צי געוועזענע אַרבעטערנס פֿון דער פֿאַבריק, צי ניט, ער וועט אויסקלײַבן ווי אים געפֿעלט. און ער האָט געקליבן.

עס האָט אויסגעזען, ווי אַף אַן אַמאָליקן שקלאַפֿן-יאַריד. דער דירעקטער איז געגאַנגען פֿון איין אַרבעטערן צו דער צווייטער און באַקוקט, באַטראַכט, אָפּגעשאַצט. פֿון דער גרויסער, געדיכטער פֿרויען-

מאסע האָט ער אויסגעקליבן די יונגע און די שיינע, די האָט ער אַרייַנגעלאָזט אין טויער. ער האָט נאָך אַף עפּעס אכט געלייגט: וואָס וויניקער יידישע.

דאָס האָט בא די אַרבעטלאָזיקע אַרויסגערופן אַ שרעקלעכע פאַר-ביטערונג. עס האָט זיך וועגן דעם געווענדעט צו דער דירעקציע אַ דעלעגאַציע פון די אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. עס האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן.

פראגן: 1) ווי האָט מען אָנגענומען אַרבעטער אַף דער פאַבריק? 2) ווי נעמט מען אָן אַרבעטער בא אונדז? 3) ווי איז געווען אין די צארישע צייטן?

פארגעבונג: שרייבט אַרויס אַלע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט די צושטעלן: איבער-, אַרויס-, פאַר-, בא-, אַראָפּ-, ביי-, אויס-, אַריין-.

בא פאָרדן אַפן אווטאָמאָביל-זאַוואָד

אַ גערויש. אַ סקריפּעריי. אַ פּייפעריי. אייזערנע סטויפעס, פרענ-טעס, ריטער, דראָטן, קייטן, רעדער, ליענטעס, רעלסן—אַלץ איינינעס, איינס מיטן צווייטן פלעכט זיך איבער.

די הענט געהערן צו מענטשן, צו אַרבעטער. אומעטום זיינען זיי, די מענטשן, צעשטעלט צווישן רעדער, רימענס, הויבערס.

לאָמיר באַטראַכטן איינעם פון זיי.

ער שטייט, און אַנטקעגן אים, אַנטקעגן זיין ברוסט, קריכט אַף אַ לאַנגן בריקל אַ צווייענדיקע רעלסן-קייט. אַף די רעלסן שטייט אַ רעמל פון אַ מאָטאָר צי פון אַן אווטאָמאָביל. דאָס רעמל קריכט פון רעכטס אַף לינקס. דער אַרבעטער האַלט אין איין האַנט אַ אינסטרומענט, און מיט דער צווייטער כאַפּט ער אַראָפּ אַ באָלט פון קייט, וואָס גייט איבער זיין קאָפּ. דעם באָלט דאַרף מען אַריינשטעלן אין מאָטאָר און פאַר-שרויפן. די שרויפן שטייען באַם אַרבעטער אונטער דער האַנט אין אַ קעסטל. דאָס רעמל שטייט ניט קיין סעקונדע. פּאַמעלעך, גלייכמעסיק האַלט עס אין איין גיין פון רעכטס אַף לינקס. דער אַרבעטער טאָר ניט דורכלאָזן קיין צייט. ער מוז כאַפּן אַ באָלט, אַריינשטעלן אין נעסט, צופאַסן, צוקלאַפּן, כאַפּן איין הייקע, די צווייטע, די דריטע, אָנטאָן אַף די שרויפן און גוט צושרויפן.

דעם לעצטן שרויף פאַרשרויפט ער שוין אין דעם מאָמענט, ווען דער מאָטאָר שווימט צו צום צווייטן אַרבעטער, וואָס שטייט פון לינקס. צום ערשטן אַרבעטער קריכט דערווייל צו אַף דערזעלבער קייט אַן אַנדער אַזא סקעלעט פון אַ ניט-פאַרענדיקטן מאָטאָר. די גאַנצע אַרבעט דאַרף מען איבערכאַזערן איבעראַניַיס פון אָנהייב. מע באַווייזט ניט צו ענדיקן, ווי עס קריכט שוין אַ דריטער מאָטאָר, דער-נאָך אַ פערטער, אַ פינפטער. דער אַרבעטער, וואָס שטייט פון לינקס,

פּאַסט צו אַף אַזאַ אויפן אַ פּרוזשינע צום מאָטאָר. דער ווײַטערדיקער אַרבעטער פּאַסט צו אַף אַזאַ מאַניער קופּערנע טרײַבלעך. פון אַר-בעטער צו אַרבעטער וואַקסט דער מאָטאָר, ווערט פולער.

פון יעדן אַרבעטער קומט צו דעם מאָטאָר אַ נײַער טייל. צום סאָף קומט אַרויס אַ פאַרטיקער מאָטאָר.

נעם און שטעל אים אַרײַן אין אווטאָמאָביל.

אַלע אַרבעטער, וואָס שטייען בא איין קייט, זײַנען צווישן זיך פאַרבונדן. די אַרבעט פונעם צווייטן אַרבעטער איז ניט מעגלעך אָן דער אַרבעט פונעם ערשטן.

די אַרבעט פונעם דריטן איז ניט מעגלעך אָן דער אַרבעט פונעם צווייטן. קיין איין אַרבעטער טאָר זיך ניט פאַרהאַלטן, טאָר ניט דורכלאָזן זײַן טייל אַרבעט. די קייט גייט. די נאַכלעסיקײַט פון איין אַרבעטער קאָן אַרײַנטראָגן אַ פּלאָנטער אין דער גאַנצער אַרבעט.

דער אַרבעטער שטרענגט אָן אַלע זײַנע קרעפטן.

בעשאַס דער אַרבעט איז קיין צײַט ניטאָ די נאָז אויסשנײַצן.

זומער אין דער גרעסטער היץ איז קיין צײַט ניטאָ אַרויסנעמען אַ טיכעלע אַף אָפּווישן דעם שווייס. ווען מע דאַרף אַרויסגיין, גיט מען אַ סיגנאַל דעם אופזעער, און יענער שטעלט צו אַ זאַפּאַסנעם אַר-בעטער.

אַף אַ גייענדיקער קייט קריכן פון אַנדערע אָפּטיילונגען אַקסן, רעדער, אַ רעזערוואַר, ווענט, לאָמפּן און איבעריקע טיילן פון אווטאָ-מאָביל. די טיילן זײַנען דאָ גרעסערע, איידער אינעם זאַל, וווּ מען שטעלט צונויף דעם מאָטאָר.

דער סיידער אָבער איז איינער און דערזעלביקער.

פון ביידע זײַטן טיש, וווּ מע שטעלט צונויף דעם אווטאָמאָביל, גייט זייער אַ קאָמפּליצירטע סיסטעם קייטן. אַף די קייטן קומען אונ-טער אַלערליי אווטאָמאָביל-טיילן. פון די רעסאָרן — ביז די שינעס.

אין איין פּונקט שווימט אונטער די בויד פון אווטאָמאָביל, וואָס מע האָט צוגעגרייט אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, אַסאַך פענצטערלעך, טירן, קישעלעך, — אַלץ.

די בויד לאָזט זיך לײַכט אַראָפּ אַף אַ פאַרטיקן געשטעל, וואָס איז שוין מיט אַ מאָטאָר. צום סאָף שרויפן די אַרבעטער צו די לעצטע שרויפן.

די מאַשין איז פאַרטיק. די קייט האָט אוועקגעשלעפּט דעם אווטאָמאָביל צו דער פאַרלעצטער גרופּע אַרבעטער. זיי שטעלן אײַן די לאַמטערנעס. און אָט איז שוין די סאַמע לעצטע גרופּע אַרבעטער. זיי צינדן אָן די לאַמטערנעס און פּרוּוון אַף אַ שוואַרצן עקראַן, צי די שײַן פאַלט ריכטיק. דערנאָך זיצט שוין באַם רודער אַן אַרבעטער.

דער מאָטאָר הודזשעט. אַמ דארף ער שוין אוועק. נאָר פון אונטן האָט מען זיך עפּעס פארהאלטן בא די לאמטערנעס. ס׳איז דורך איבעריקע 5 סעקונדעס. פון א הינטן שפּארט שוין אַן אנדער פארטיקע מאשין. מע טרובּעט צום פאָדערשטן אוטאָמאָבּיל:

— היי, ריר זיך, פארהאלט ניט!—א קער דעם רודער, די מאשין איז אונטערגעשפּרונגען און האָט זיך לײַכט אראָפּגעקײַקלט פונעם ה׳ל-צערנעם בּריקל. א קערעווע געטאָן אף לינקס און זיך אוועקגעשטעלט אין הויף לעבן א צווייטן אוטאָמאָבּיל, גלאנצנדיק מיטן לאק און פרי-שער פארב.

צוליב אַמ אזא אָרגאניזאציע פון ארבעט גיט זיך אײַן פאָרדן ארויסלאָזן 10 טויזנט אוטאָמאָבּילן אין איין ארבעטס-טאָג.

פראגן: 1) ווי איז אָרגאניזירט די ארבעט אפן זאוואָד?
2) צי איז גרינג די ארבעטער בא פאָרדן?
3) וועמען ברענגט נוצן די הויכע טעכניק, וואָס ווערט אײַנגעפירט אין די קאפּיטאליסטישע לענדער?
4) ווער וועט געווינען פון דער הויכער טעכניק, וואָס מיר אין ראטנ-פארבאנד הויבּן אָן אײַנפירן?

שטרײַקבּרעכער

אין ביוראָ פון ארבעטס-אָנווײַזונגען אין ניו-יאָרק זײַנען געשטאנען ארבעטלאָזע — א שורע צעקנייטשטע און אופגעשוואָלענע, דארע און אויסגעהונגערטע פארבּיסענע פּנימער. בא דער זײַט האָט מיט פעס-טע טריט ארומגעשפּאנט א פּאָליציימאן, א הויכער, א הארטער מיט א גלײַך געזעצטן אומבּויגיקן קאָפּ.

איינער פון די נײַ ארײַנגעקומענע האָט זיך ניט געפונען קיין אָרט. ער האָט געוואָרפן ארום זיך פארלאָרענע בּליקן און ארומגע-דרייט זיך איבערן זאל ווי א צעדולטער. דערנאָך האָט ער באמערקט דעם אָנגעשטעלטן פון ביוראָ און זיך א לאָז געטאָן צו אים:

— עפּעס ארבעט... גיט מיר ארבעט... האָט ער גענומען ריידן גיך און אומרויק.

דער פּאָליציימאן האָט אים בּאלד אָפּגעשטעלט:

— גיי, פארנעם דײַן פּלאַץ אין ריי — האָט ער געזאָגט בּייז.

— איך בּין הונגעריק... הונגעריק... ניטאָ קיין ברויט... סיקס משילד... זעקס קינד—האָט דער מענטש געוואָרפן אָפּגעריסענע צע-קאליעטשעטע ווערטער.

— וואָס?—האָט זיך פארוואונדערט דער פּאָליציימאן,—

— זעקס קינדער, ווילסטו זאָגן?

— זעקס קינד... — האָט וויינענדיק געבּעטן דער מענטש.

— ניטאָ קיין ברויט.

— „זעקס קינד", "זעקס קינד" ס'איז קלאָר — דאָס איז א גרינער.

דער אָנגעשטעלטער פון ביוראָ האָט געארבעט פלינק און גע־שיקט. בלויז אייניקע האָבן זויכע געוועזן באקומען פון אים צעטע־לעך אף ארבעט. דאָס זיינען געווען יענע גליקלעכע, וואָס זיינען אים געפעלן געוואָרן מיט זייער אָנשטענדיקן פרומען אויסזען.

דאָסראָוו איז אָבער אוועק מיט בלויזע צוזאָגן.

ס'וויזט אוים, קיין סאך פלעצער איז ניטאָ.

ס'איז געקומען צום גרינעמס ריי.

ער איז צוגעגאנגען.

— ווי הייסטו?

— סיקס טשילד... סיקס טשילד... האָט געשטאמלט דער מענטש.

— ער פארשטייט ניט קיין ענגליש — האָט באמערקט דער פּאָלי־ציימאן.

— שפּריכסט דו דויטש? — האָט זיך געווענדעט צו אים דער אָנ־געשטעלטער.

דער גרינער האָט אופגעלעבט.

— אָ, יאָ מיין הער! גוטער הער! איך האָבע קיינע באשעפטי־קונג שאָן לאנג... ביטע זעהר. זעקס קליינע קינדער און איינע פראו־

— ווי איז דיין נאָמען?

— קארל גלאָבעק.

קארל גלאָבעק האָט געהאט מאזל. דער אָנגעשטעלטער האָט אים טייקעף אָנגעשריבן א צעטל און געשיקט אף אן ארבעטס־אָרט.

ער האָט ניט געוווסט, ווו מע זוכט אָפּ דעם פלאַץ.

ס'איז דאָ באלד הינטערן ראָג — האָט אים אן ארבעטער דער־קלערט. קומט איך וועל אייך אָנווייזן דאָס הויז.

לעבן א פענצטער פון א ביכער־קלייט איז געשטאנען א יונגער־מאן א רוס.

— העלאָ! כאווירים ארבעטער! אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, גייט איר זוכן ארבעט באַם גרויסן הויז, וואָס בויט זיך. בא טאָמסאָנס הויז, ניט אזוי?

— קימאט ווי געטראָפן.

— כאווירים, איר ווייסט ניט, מיסטאָמע, אז בא טאָמסאָנען שטרייקט מען. קיין אָרנטלעכער ארבעטער גייט אהין ניט ארבעטן.

קארל איז געוואָרן אומגעדולדיק.

— נו, קום, — האָט ער געזאָגט צום ארבעטער, וואָס האָט אים געפירט.

— וואָס, איר ווילט גיין?—האָט זיך געווענדעט צו אים דער יונ-גערמאַן, בעסער זאָלט איר דאָס ניט טאָן.

— ער פאַרשטייט ניט קיין ענגליש. ער איז אַ גרינער—האָט זײַן באַגלייטער געזאָגט.

— און וואָס פאַר אַ שפּראַך רעדט ער?

— דײַטש ווײס ער אַביסל.

— נו, טאָ זאָגט איר אים.

ווי קאַרל האָט נאָר פאַרשטאַנען, וואָס מע וויל פון אים, האָט ער אָנגעהויבן פינטלען מיט די טרערנדיקע אויגן. די באַקן האָבן נער-וועז אונטערגעשפּרונגען. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז מיט גיכע טריט אַוועקגעלאָפן.

— ניטאָ קיין ברויט... די פרוי קראַנק... קינדער הונגעריק... סיקס טשילד... האָט ער געשטאַמלט.

דאָס פּאָנעם פונעם רום האָט זיך אויסגעקרימט פאַר סינע.

— אָט די... די... זיי שוואַכן אָפּ דעם אַרבעטער-קלאַס מער ווי 10 טרעסטן — האָט ער געזאָגט, און זײַנע ליפּן האָבן געציטערט.

פ ר א ג ן: 1. פאַרוואָס האָט מען אַנדערע אַרבעטער ניט געשיקט אױף דער אַרבעט אױפן פּלאַץ, וווּ מע שטרײַקט, און קאַרלען יאָ?

2. ווען נוצט אויס די בורזשואַזיע ביים אַ שטרײַק?

3. וויאַזוי רופט מען די אַרבעטער, וואָס גייען אַרבעטן אַהין, וווּ אַנדערע אַרבעטער שטרײַקן.

4. אין ראַטנרוסלאַנד קומט אויס די אַרבעטער צו שטרײַקן?

5. אויב ניין — פאַרוואָס?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: גיט איבער מיט אײַערע ווערטער די דערציילונג. שרײַבט דאָס אָן אין העפט. נאָך יעדער פראַזע שטעלט אַ פּונקט. בײַ אַ פרעג-פראַזע שטעלט אַ פרעג-צייכן.

די אַמאָליקע ברוידעס

בלוט-פרישע סאָכרים מיט רויטע קאַרקן, מיט אַ ראָזעווער פאַרב אין פּאָנעם, גלײַך ווי זיי זײַנען נאָרוואָס געקומען פון באָד און פון מיצוועס—פון אָן אַ שיר מיצוועס. הארטע סאָכרים, פרומע, „קאָשערע“ און קאַרגע.

דער פאַרמעגן פון די ברוידעס:

פלאַנטאַציעס, בוימל-פאַבריקן, אייגענע הײַזער, ביר-זאַוואָדן, גרוי-סע מאַנופאַקטור-קראָמען, געשעפטן פון אַלטן און נײַעם אײַזן און, דעריקער, מעזומען געלט. פון ליבע צו „מעזומען“ איז אַ גווירישן ברוידע טאָמיד אויסגעגאַנגען דאָס כּוח. אױף אַ מעזומענעם טויזנטער האָט אַ גווירישער ברוידע טאָמעד געקוקט מיט אַזעלכע אויגן, וואָס ווילן דעם טויזנטער זאָגן:

— ביסטו כענעוודיק... לאָמיר האָבן אזא יאָר.

אין הויז בא א גווירישן ברוידען אין סאמע צוגעפוצטן צימער אפן סאמע אָנגעזעענעם אָרט:

אן איַיזערנע שאפּע.

מיטן מויל האָט מען די שאפע גערופן:

— די פיַיערקאסע.

און אין הארצן האָט מען דערביַי געפילט:

— אן „אָרנקוידעש".

מיט די שליסל צום „אָרנקוידעש" איז געגאנגען בלויז דער פאָטער פונעם הויז. בלויז ער האָט געוווסט, וויפל מעזומענע טויזנטער געפינען זיך דאָרט אין דער שאפעס איַיזערנע געדערים.

וויַיב און קינדער בא א גווירישן ברוידע:

זייערע געפילן צו דער פיַיער-קאסע — ווי צו א „רייניקיַיט" אין שטוב, ווי צו א קליין „בּיים-האמיקדעשל"; זייער דערעכערעץ צום טאטן וואקסט איניינעם מיט דעם אָפּשיַי צום ריַיכטום, וואָס וואקסט אין דער פיַיער-קאסעס געדערים.

אויסגעגעבענע זין און טעכטער בא א גווירישן ברוידע:

קלאָר דערווייסן זיך, וויפל דעם פאָטערס ריַיכקיַיט באטרעפט האָבן זיי געקאָנט ניט פריִער, איידער דער פאָטער איז געשטאָרבן. דעמאָלט האָבן די זין מיט די איידעמס פון אונטער זיַין טויטן צוקאָפּנס ארויסגעשלעפט די שליסל און זיך צוגעכאפט צום איַיזערנעם שראנק, זיך אוועקגעזעצט איינציַיטיק אי שיווע זיצן אי זיך כעזשבענען.

די קינדער קריגן זיך צווישן זיך איבער דער יערושע, לאָדן זיך, הערן אוף ריידן איינער מיטן אנדערן, פארלאָזן זיך אף מענטשן, גליַיכן זיך אויס. נאָכדעם שטעלט יעדערער פון זיי אוועק א פיַיער-קאסע בא זיך אינדערהיים. מע שטאָפּט אין איר איבעראניַים גראָבע טויזנטער. מע היט איבעראניַים סוידעס פון עלטערע און יינגערע ברידער, פון אייגענע וויַיב-און-קינדער.

פארגעבונג: שריַיבט איבער די ווערטער: מעזומען, יערושע, יעדיע, יעניקע, יערידע, יעשוע, מעלוכע.

XI. ר ו י ט ע א ר מ י י

רויטע קאוואלעריע

(בודיאָניס-מאַרש)

זאָל שאַלן ברייט אין ראַטן-לאַנד
דער רויטער לויב!
פון ווײַטן הערט זיך פערד-געלאַף
אין וואָלקן-שטויב.
דעם ווײַסן סוינע אָך און וויי!
בודיאָני פליט מיט זײַן ארמיי —
א שווערע פאָן
פון רויטן זײַד,
פאָרויס!
בודיאָניס כעוורע ווייסט ניט פון קיין שרעק!
אין סרייפע-טשאַד
אין טײַכן רויטן בלוט
דער ווײַסער פײַנט אין אש און טעל צעווייט,
און זיגערישע פאָנען ברענען רויט!
פּילסודסקי אַף סאָוועטן-לאַנד
זײַן כײַעל פירט.
צוריק די מאַכט דעם פּאָרעץ
און דעם אלטן גווירּ!
די פּויערים איז ווי און וויינד:
פּילסודסקי שטעט און דערפער צינדט,
די שליאַכטע גייט
און שכיטע שפּרייט
און טויט.
בודיאָנעס אָדלערס פליען אָן ווי ווינט:

דעם שאשקע־קלאנג
און דעם הארמאטן-ביל
פארהילכט דער מעכטיקער גאלאָפּ, —
בודיאָני טרײַבט דעם פּאָן ביז ווארשע אָפּ!

ווילסטו שאָלעם—גרייט זיך צו מילכאָמע

אלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אײנינעם און יעדערע באַזונדער שארפן די ציין אנטקעגן דעם ראַטנפארבאנד.

אונדזער סאָוועטישער פארבאנד איז אױף דער וועלט די אײנציקע מעלוכע, וואָס מיט איר פירן אָן די ארבעטער און פּויערים.

יעדער דערפאָלג אין דערווירטשאַפטלעכער בױונג פון אונדזער לאַנד פארשאפט דער וועלט קאַפּיטאַליסטן פיל צאָרעס און אומרו: זיי האָבן מוירע, אז די ארבעטער און פּויערים פון זייערע לענדער און פון די קאָלאָניעס זאָלן נית נאָכטאָן אונדזער רעוואָליוציע.

קעדייי צעקלאפּן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג אין די קאָלאָניעס און דערשטיקן די ארבעטער-באַוועגונג בײַ זיך אין לאַנד, דארפן זיי צעקלאַפּן די פעסטונג פון דער וועלט-רעוואָליוציע, דעם פסס״ר. גרייטן זיי קעגן אונדז אַ מילכאָמע.

אף דער מילכאָמע-געפאַר דאַרפן מיר ענטפערן מיט נאָך א מער אָנגעשטרענגטער ארבעט צו פארשטארקן און אנטוויקלען אונדזער ווירטשאַפט. יעדער דערפאָלג אונדזערער אין פרידלעכער בויונג וועט אָפּשוואכן דעם אָנגריף פונם וועלט-קאַפּיטאַל.

מיר ווילן ניט קיין מילכאָמע, מיר טוען אלץ, וואָס מעגלעך איז, קעדיי אָפּהיטן דעם שאָלעם. אָבער אין דערזעלבער צייט דאַרפן מיר זיין אף דער וואך.

קעדיי אָפּשלאָגן בא די קאפּיטאליסטן דעם כיישעק גיין אף אונדז מיט א מילכאָמע, דאַרפן מיר האָבן א שטארקע רויטע ארמיי און א רויטן פלאָט. יעדער ארבעטער און פויער פון פּסס"ר מוז שטענדיק טראכטן וועגן באוואכן די גרענעצן פון דער סאָוועטישער מעלוכע און וועגן פארשטארקן אונדזער מיליטערישע פעסטקייט.

מיר דאַרפן שטענדיק זיין גרייט. אין פאַל פון געפאַר וועלן אונדז אונטערהאלטן אלע אונטערדריקטע פון דער גאנצער וועלט.

פ ר א ג ן: 1) ווי באציען זיך די קאפּיטאליסטישע לענדער איינס צום אנדערן?
2) פארוואָס האָבן זיי פיינט אונדזער ראטנפארבאנד?
3) פארוואָס דאַרפן מיר שטענדיק גרייט זיין צו מילכאָמע?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: שרייבט איבער די ווערטער: באַזונדערס, באַשיצן, באַוואָפענען, באַוואָרענען, באַוואָרעניש, באַזיגן, באַגריסן, פאַרבאנד, פאַרבינדן, פאַרייניקן, פאַרשטארקן, פאַרשאַפט.

פארגעדענקט: ווערטער וואָס באטייטן א טוונג אָדער וואָס קומען פון א טוונג, שרייבן זיך בא, פאַר, ניט: בע, פער...

די צאָל סאָלדאטן אין די ארמייען (אין טויזנטער)

נאָמען פון לאנד	1913	1925
	יאָרן	
פראנקרייך	546	685
פארייניקטע שטאטן (פון צפון אמעריקע) . .	226	408
פוילן (אין 1923 יאָר) . .	264	325
פינלאנד (אין 1923 יאָר)	30	33
פּסס"ר	5500	562

אוּ פ ג א ב ע: בארעכנט. 1) אין וויפל מאָל אַן ערעך האָט אמעריקע פארגרעסערט איר ארמיי.

2) אין וויפל מאָל אַן ערעך האָט פ.ס.ס.ר. פארקלענערט זיין ארמיי.

צי איז ער אַ גוטער רויטאַרמייער

געערטער שעף פון שול!

איך שרײַב אײַך אומבאַקאַנטערהייט און איך בעט דעריבער אַנטשולדיקונג. מיך אינטערעסירט אָט וואָס: מײַן זון געפינט זיך בײַ אײַך אין שול. וואָלט איך געוואָלט וויסן, ווי לערנט ער זיך, ווי באַציט ער זיך צו זײַנע פליכטן. צי פאָלגט ער אויס אַלע אײַערע באַפעלן.

איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס פאַר דער ראַטנמאַכט קאָן אַ ייִדיש האָרעפּאַשניק זיך לערנען אויף אַ קאָמאַנדיר. אַמאָל, פאַרן פאַרשאָלטענעם צאַר ניקאָלײַ האָט מען אונדז ייִדן שטאַרק געדריקט.

ווען איך האָב געדינט אין דער אַרמיי, האָט מען אונדז ניט געלאָזט לערנען זיך און ניט לייענען קיין צײַטונגען און ביכער. איך אינטערעסיר זיך דעריבער זייער שטאַרק מיט דעם, ווי לעבט איר דאָרט.

כ׳פאַרענדיק דעם בריוו. ווען איך וועל באַקומען אַן ענטפער, וועל איך מער אָנשרײַבן. איצט בין איך פאַרנומען. איך גיי אויף אַ קאָלעקטיוויסטישער פאַרזאַמלונג. איך אַליין בין אַ ייִדישער קאָלעקטיוויסט. איך בעט אײַך, כאַווער שעף, גיט איבער מײַן זון, אַז איך מיט דער פאַמיליע וועלן דאָ אופהייבן די לאַנדווירטשאַפט, און ער זאָל זיך דאָרט גוט לערנען, קעדיי צו קאָנען, ווען מע וועט דאַרפן, פאַרטיידיקן אַלע נאַציאָנאַליטעטן. ער—אין דער רויטער אַרמיי, איך אַלס קאָלעקטיוויסט וועלן מיר צוזאַמען קומען צום סאָציאַליזם.

מיט אַכטונג:

ייִדישער קאָלעקטיוויסט—ערד-אַרבעטער מ. וו.

פראַגן: 1) וואָס האָט דער פאָטער געפרעגט באַם קאָמאַנדיר?

2) מיט וואָס האָט ער אַליין זיך באַשעפטיקט?

3) צי האָט אַ ייִד געקענט זיך לערנען אויף אַ קאָמאַנדיר אין די צאַרישע צײַטן?

וואָראָשילאָוו, קלימענטי יעפרעמאָוויטש

איז געבוירן געוואָרן אין 1881 יאָר אין קאַטערינאָסלאַווער (איצט דניעפּראָפּעטראָווסקער) קרײַז. זײַן פאָטער איז געווען אַ וועכטער אויף דער אײַזנבאַן. זײַן מוטער איז געגאַנגען אויף טאָג-אַרבעט.

ווען וואָראָשילאָוו איז אַלט געוואָרן 6 יאָר, איז ער אָנגעקומען אַרבעטן אין די שאַכטן.

צו 17 יאָר האָט ער שוין געאַרבעט אויף אַ זאַוואָד.

שפּעטער מיט אַ יאָר האָט ער אָנגעפירט מיט אַן אַרבעטער-שטרײַק אויף דעם זאַוואָד און איז דערפאַר אַרעסטירט געוואָרן. אין

1903 יאָר טרעט וואָראָשילאָוו אריין אין דער פּארטיי. ער שטייט גלייך צו צו די באָלשעוויקעס און ארבעט אין אונטערערד.

אין 1905 יאָר פירט ער אָן מיט א שטרייק אף א זאוואָד אין שטאָט לוהאנסק. מע ארעסטירט אים און מע פארמישפּעט אים צום טויט. דאן האָבן טויזנטער ארבעטער גענומען דעמאָנסטרירן פארביי די ווענט פון דער טפיסע און דאָס האָט געצווונגען די רעגירונג באַפרייען וואָראָשילאָוון. אין 1918 יאָר אָרגאַניזירט ער פּארטיזאנישע מאכנעס און פירט אַ קאמף מיט די דייטשן, וואָס האָבן פארכאפּט אוקראינע.

וואָראָשילאָוו ק. יע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפינט זיך דער כאווער וואָראָשילאָוו אין די פּאָדערשטע פּאָזיציעס אפן פראָנט און פירט נאָך זיך די מאסן — רויטארמייער.

אין 1924 יאָר ווערט ער א מיטגליד פון רעוומיליטראט („רעוואָיענסאָוועט"). נאָכן טויט פון כ. פרונזע ווערט וואָראָשילאָוו דער פּאָרזיצער פון רעוומיליטראט און מיליטערישער פּאָלקסקאָמיסאר.

פאר זיינע מיליטערישע פארדינסטן איז דער כאווער וואָראָשילאָוו באלוינט געוואָרן מיט דריי אָרדנס פון רויטער פאָן און מיט גאָלדענעם מיליטערישן געווער.

אין דער רויטער ארמיי

באפּעל
„דער יונגער רויטארמייער פון דער 4־טער ראָטע, פּיניע אוטקיס, אלס א גוט דיסציפּלינירטער רויטארמייער, וואָס איז געווען דער ערשטער אין קאָנקורס אף א קולטורעלן קעמפער — באקומט א צוויי־וואָכיקן אורלויב"

אזוי איז געשטאנען אין באפּעל.

איינגאנצן 3 כאָדאָשים, אז פּיניע אוטקיס איז געקומען אין דער ארמיי. פאר דער צייט האָט ער זיך אסאך אויסגעלערנט. ער איז

אויסגעוואקסן אף א גאנצן קאפ העכער. דעריבער האט זיך אים זייער ניט געגלוסט אפרייסן פון פאלק.

אבער דעם באפעל מוז מען אויספילן. און כאָץ דעם גלוסט זיך טאקע זעען מיט אייגענע, מיט פרייַנט, דערציילן זיי וועגן זייַן פרייד..

פיניע צוגאסט אין קאלאניע

אין צוויי טעג ארום איז שוין פיניע געזעסן צווישן זייַנע כאוויירים אין לייענשטיבל און זיי דערציילט וועגן זייַן לעבן.

— דערצייל פון סאמע אנהויב, וויאזוי דו ביסט אנגעקומען אין דער ארמיי, וויאזוי מע האט אייַך געלערנט — האבן זיך געבעטן זייַנע כאווירים.

און ס'איז טאקע קיין ווונדער ניט. די קאלאניע איז אפגעריסן פון דער ארומיקער וועלט, פון רויטארמייאישע טיילן, און דעריבער האבן זיי איצט מיט אזא דארשט געוואלט אויסהערן די מייַסעס פון זייער רויטארמייער.

פיניע האט פאמעלעך אנגעהויבן דערציילן:

— שווער איז געווען אריבערטרעטן דעם שוועל פון קאזארמע. עפעס א קלייניקייט אוועקגיין אף צוויי יאר! הייַנט דיסציפלין, לערנען! אבער גאר גיך האב איך זיך גענומען פילן ווי צווישן אייגענע און גלייַכע.

אף מאנעווורעס

ס'זייַנען אוועק די לימודים.

שוין פונעם ערשטן טאג האט מען אונדז צוגעווינט צו ארדענונג. אלץ האט זיך געטאן לויט א צונויפגעשטעלטן פלאן.

באזונדערס האבן מיר ליב געקראגן אונדזערע ביקסן. זיי האבן ליב מע זאל נאך זיי ארומגיין.

שוין באם ערשטן שיסער-לימעד האט עס זיך ארויסגעוויזן. מ'האט אונדז אוועקגעפירט ווייַט, ווייַט פון די קאזארמעס. דער פראסט האט געקיצלט נאז און אויערן. נאר גארניט, נארישקייַטן. באלד האבן מיר זיך אלע צעווארעמט.

מיר האבן זיך צעלייגט אונטער א בערגל און ס'האט זיך אנגעהויבן דער לימעד. פון דערווייַטנס זייַנען געשטאנען אונדזערע סאנים — די ציל-ברעטער. און זיי טאקע דארף מען בייַקומען.

א ווידערקאל האט אפגעקלונגען פון יעדן שאס.

וואסילענקאָ מײַן שאָכן איז אומצופרידן געווען. קימאַט אַלע פּאַטראָנעס האָט ער אײַן ווײַסן בּרעט צעשאָסן.

מיר האָבּן אים געטרייסט:



די רויטע ארמיי אף מאַנעוורעס

— נישקאָשע, בּרודערל, הײַנט ניט געטראָפן, מאָרגן וועסטו שוין בּעסער אָנצילן. זע אָבּער זאָלסט ניט דורכפאלן, ווען דו וועסט דארפן אף אן עמעס שיסן.

צוריק האָבּן מיר זיך שוין אומגעקערט פריילעכער. קיינער האָט זיך שוין ניט געקלאָגט אף דער קעלט.

טרעוואָגע

אלע זײַנען שוין שווער געשלאָפן, נאָר איך איינער האָבּ געשפּאצירט הין און צוריק בּא די ארויסגאנג-טירן. איך בּין אין דערדאָזיקער נאכט דער דנעוואלניע פון ראָטע געווען.

ס'האָט זיך מיר פארוואָלט צוזעצן.

ס'איז אפילע א שטול געשטאנען אָנגעגרייט, נאָר כ'האָבּ מוירע געהאט אנשלאָפן ווערן. כ'בּין מעקאנע געווען די כאווײרים, וואָס האָבּן געשמאק געכראָפּעט.

כ'האָבּ זיך עפּעס פארטראכט. פּלוצים האָט מיך ווי מיט אן עמער קאלטן וואסער אָפּגעגאָסן.

איבּער די קאזארמעס, איבּערן הויף האָבּן זיך צעטראָגן טרעוואָגע-סיגנאלן.

כ'האָבּ זיך אויסגעצויגן לעם דער טיר.

די קאזארמע איז אופגערודערט געוואָרן. יעדער איינער האָט זיך געטראָגן מיטן וואָרט „טרעוואָגע“. און כאָטש אלע האָבן געוווסט, אַז דער ליארעם איז אַזוי זיך אַף אויספרווון אונדז, דאָך האָבן אלע זיך געגרייט ארויסטרעטן קעגן סוינע.

אלץ איז דאָ געווען פּינקטלעך אויסגערעכנט. און טאקע דאָ באַם ליארעם האָבן מיר פאַרשמ׳אַנען, וואָס ס׳הייסט אַזוינס אָרדענונג.

מ׳האָט אונדז געלערנט, וויאַזוי מע דאַרף צונויפלייגן דאָס אָנטאָן, קעדיי לאַנג זיך ניט דאַרפן פאָרקען און זוכן עס.

קורץ גערעדט, אין 8 מינוט ארום איז דער גאַנצער פאָלק אין פולער אָרדענונג געשטאַנען אַף דער גאַס. א פּאָר מינוט האָבן די קאָמאַנדירן דערקלערט אונדז די אופגאַבע: — וויַטער מיט 15 קילאָמ. האָט דער „סוינע“ פאַרכאַפּט דאָס דאָרף מיכײַלאָווקע — מע דאַרף אים פון דאָרט ארויסשטויסן...

פאָרויס איז אַוועק די ראַזוועדקע.

נאָך איר דער גאַנצער פאָלק.

אַזוי האָט מען געדאַרפט דורכשפּאַנען 30 קילאָמעטער.

די כעוורע האָבן זיך ארײַנגעצויגן אין מיליטער-מאַרש.

אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט

מיר האָבן אָפּגעטאָן א גרויסע ארבעט אין דער וואַל-קאַמפּאַניע. אונדזער פאָלק האָט אוועקגעשיקט פיר בריגאַדעס אַפן דאָרף.

מיר האָבן צעשיקט אין די דערפער באַ טויזנט בריוו און צונויפגעשטעלט צענדליקער אָנזאָגן. אויסערדעם האָבן אונדזערע רויטארמייער אַנטדעקט באַ צוויי צענדליק ווײַלער, וואָס האָבן קיין וואַלרעכט ניט.

איצט צעוויקלען מיר א גרויסע ארבעט אַף העלפן דעם דאָרף אין העכערן די גערעטעניש.

רויטאַרמײיִשע שוועע

נאָך לאַנג האָבן די קאָלאָניסטן געהערט, ווי פּיניע דערציילט וועגן זייער באַגעגעניש מיטן שעף, וועגן דער ארבעט אין לענין-ווינקל און אפילע וועגן פּאָליטרוק, וואָס איז באַלוינט געוואָרן מיט אַן אָרדען פון רויטער פאָן.

און ווען פּיניע האָט געענדיקט, האָבן זיך אלע פאַרוווּנדערט.

— נאָר כאַפּט ניט, טײַערע, איך בין נאָך ניט קיין רויטאַרמײער, כ׳האָב נאָך ניט געשוואָרן.

— אין דער רויטער ארמיי דאַרף מען פריִער דורכגיין א שווערע שול.

— ערשט דעם 1-טן מײַ, ווען מע פֿײַערט דעם צווישנפֿעלקיער-לעכן פּראָלעטאַרישן טאָג, דענסטמאָל וועלן מיר ארויס אפֿן פּלאַץ און זאָגן די גאַנצע וועלט זאָל הערן, אונדזער פֿײַערלעכן צוזאָג:

— מיר נעמען אָפּ זיך דעם נאָמען פֿון קעמפֿער פֿון דער ערשטער אין דער וועלט אַרבעטער-פּויערשער רויטער אַרמיי.

פ ר א ג ן: 1. וואָס לערנט מען אין דער רויטער אַרמיי?

2. וואָס האָט דערציילט פּינע וועגן דער געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט פֿון די רויטאַרמייער?

3. צי האָט מען צוגעלאָזן די אַרמיי צום געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין די צאַרישע צײַטן?

4. ווי האָבן זיך געפֿילט די ייִדישע סאָלדאַטן אין דער צאַרישער אַרמיי?

פ א ר ג ע ב ו נ ג: שרײַבט ארויס די ווערטער: גע ווען, גע שטאַנען, גע לערנט, אויס גע לערנט, גע וואַקסן, אויס גע וואַקסן, געג לוסט, גע זעסן, גע-קומען, אָנ גע קומען, גע בעטן, גע ריסן, אָפּ גע ריסן, גע וואָלט, גע-שטעלט, אָנ גע שטעלט, גע הויבן, אָנ גע הויבן, גע ווינט, צו גע ווינט, גע קראָגן, גע וויזן, ארויס גע וויזן, גע פֿירט, אוועק גע פֿירט, גע קיצלט, גע קלונגען, אָפּגע קלונגען, גע טראָפֿן, גע קלאָגט, גע שפּאַצירט, גע-שטאַנען, גע גרייט, אָנ גע גרייט, גע וואָרן, גע טראָגן, גע ווּסט, גע-גרייט, גע רעדט, גע דאַרפֿט, גע צויגן, ארײַנ גע צויגן, גע טאָן, אָפּ-גע טאָן, צונויפֿ גע שטעלט, אוועק גע שטעלט, אוועק גע שיקט.

דער רויטאַרמייער בּיקאָוו

דער רויטאַרמייער בּיקאָוו איז געשטאַנען אפֿן פּאָסט נום. 5 פֿון יענער זײַט פּאַרקן פֿון סקלאַד.

בּיקאָוו האָט זייער גוט אַכטונג געגעבן. גרויסע זאַפּאַסן סנאַריאַדן און פּאַטראָנעס פֿון דער רויטער אַרמיי האָבן זיך געפֿונען אונטער זײַן וואַך.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן פֿינצטער ווערן. פּלוצים האָט זיך אינעם סקלאַד באַוויזן אַ פֿלאַם פֿײַער. בּיקאָוו איז גלײַך צוגעלאָפֿן צום גלאָק און אָנגעהויבן קלינגען — טרעוואָגע. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער דראָט פֿאַרצוימונג, קעדיי פֿאַרלעשן די סרייפֿע. פֿון דאָרטן האָבן זיך עטלעכע טונקעלע פֿיגורן געלאָזן לויפֿן.

אָפּ די אַנטלויפֿנדיקע האָט בּיקאָוו געעפֿנט אַ שיסערײַ. נאָר אי-בער דער פֿינצטערניש האָט ער קיינעם ניט געטראָפֿן. נאָך פֿיר שאָסן האָט בּיקאָוו באַמערקט, אַז דער פֿלאַם פֿון דער סרייפֿע צעפֿלאַקערט זיך, ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן דורך דעם דראָט צו דער סרייפֿע ער האָט צעריסן די קליידער אפֿן דראָט, צוגעלאָפֿן צו דעם אָרט, וו ס'האָט אָפּ עטלעכע טריט פֿון די סנאַריאַדן געבּרענט דער בּרעזענט און אונטער אים — שטרוי און צווײַגלעך, וואָס די אונטערצינדער האָבן געבּראַכט. בּיקאָוו האָט שנעל אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שי-

נעל און ארופגעוואָרפן אפן פײַער. דערמיט האָט ער אים ניט דער־לאָזט פארשפרייטן זיך.

גלײַך זײַנען אָנגעקומען די פײַערלעשער און די היטער־קאָמאנדע פונעם ארטילעריע סקלאד. זיי האָבן אײַנגאנצן פארלאָשן די סרייפע.

פאר אײַנשטעלן דאָס לעבן און ריכטיק פארשטיין די דינסט אף א פאראנטוואָרטלעכן פאָסטן פון אָפּהיטן די סקלאדן איז כאווער בי־קאָוו באלוינט געוואָרן מיט א זייגער און מיט א נײַעם מונדיר־קאָמ־פּלעקט.

פראגן: 1) וואָס האָט זיך געטראָפן, בעשאס ביקאָוו איז געווען אף דער וואך?
2) וואָס האָט ביקאָוו געטאָן, באמערקנדיק די סרייפע?
3) צי האָט ביקאָוו געטראכט ראטעווענדיק דעם סקלאד וועגן דער געפאר, וואָס אים דראָט?

פארגעבונג: דערציילט איבער מיט אײַערע ווערטער דידאָזיקע גע־שעעניש. דאָס דערציילטע פארשרײַבן אין העפט. נאָך יעדער פראזע שטעלט א פונקט.

טריפאָליער טראגעדיע

1919־טער יאָר. דער פראָנט פונעם בירגער־קריג האָט זיך אָנגע־הויבן אפן ראנד פון קיעוו. אין א קלײנינקן דושנעם צימער האלט אָפּ זײַנע זיצונגען דער קאָמיוגישער צוזאמענפאָר. 30 דעלעגאטן — דאָס איז געווען דער גאנצער צוזאמענפאָר. 30 נעמען, וואָס זײַנען מיט בלוט פארשריבן אין דער העלדישער געשיכטע פונעם קאָמיוג. ווי נאָר דער פאָרטרעגער האָט געענדיקט לייענען די רעזאָליוציע איבערן פאָר־טראג וועגן דער אינטערנאציאָנאלער לאגע, האָט זיך אופגעשטעלט פאטיעווסקי און א פרעג געטאָן:

— פארוואָס איז אין דער רעזאָליוציע ניט פאראן קיין פונקט, אז אלע דארפן גלײַך אוועק אפן פראָנט?

אלע האָבן אײַנגעשטימט, אז אזא פונקט איז טאקע נייטיק. א שטיקל סיכסעך האָט ארויסגערופן די פראגע:

— ווער זאָל בלײַבן אין קיעוו?

קיינער האָט ניט געוואָלט. דעם גרעסטן אָנגריף האָט אויסגע־האלטן ליובא אראָנאָווא. ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין שום רייד. זי פאָדערט בלויז איינס: מע זאָל זי גלײַך ארײַנשרײַבן אין צעטל.

דער געהעריקער פונקט אין דער רעזאָליוציע האָט אויסגעזען אזוי:

„אלע מיטגלידער פונעם פארבאנד מאָביליזירן. די, וואָס קענען האלטן געווער און זײַנען פעיק צו מיליטער־דינסט אָפּשיקן אפן פראָנט“.

* * *

אין די אפגיך אָרגאניזירטע רויטארמייישע אָטריאדן, ווו ס׳איז געווען אסאך אומזיכערע מענטשן, האָבן זיך די קאָמיוגיסטן אריינגעגעגאָסן און געבראכט מיט זיך אָרגאניזירטקייט און דיסציפלין.

באם שטעטל אָבוכאָוו האָט זיך אנגעהויבן די שלאכט מיט די זעליאָנאָווצעס. עטלעכע שאָ נאָכאנאנד האָבן די רויטארמייער טראָט נאָך טראָט געשטופּט דעם סוינע. באזונדערס האָט זיך דער גרעננגל צעפלאקערט בא דער גרענעץ פון טריפּאָליע. די פייערדיקע צונגען, וואָס האָבן זיך באוויזן אף טריפּאָליעס שטרויענע דעכער, האָבן באשלאָסן דעם גוירל פון שלאכט. זעליאָני איז שנעל אָפּגעטראָטן.

אף די ברייטע טריפּאָליער גאסן האָבן זיך די רויטארמייער צעלייגט אף אָפּרו. מע האָט אָנגעצונדן שייטערס, מע איז געווען שרעקלעך מיד פון דער שאָענלאנגער שלאכט. האָט מען אָנגעהויבן איינצודרימלען.

זעליאָני האָט מער ניט באדארפט. זיינע באנדיטן האָבן זיך געפונען טאקע אָט-דאָ אין טריפּאָליע, באהאלטן אף די בוידעמס און קעלערס. טריפּאָליער פּויערים זיינען געווען שטארק אָנגעשטעקט מיט זעליאָנעס לאָזונג: „נידער מיט דער פּראָלעטארישער דיקטאטור“.

אין א ווייַלע, ווען די רויטארמייישע קייט איז געווען צעריסן, האָבן די באנדיטן מיט ווילדע געשרייען, ווי א כוואליע, זיך א לאָז געטאָן פון אלע זייטן אף די רויטארמייער. יענע האָבן זיך אין שרעק א וואָרף געטאָן ווער וווהין.

בלויז איינצלנע האָבן זיך ניט פארלאָרן — די קאָמיוגיסטן. זיי האָבן זיך געפּרוווט אנטקעגנשטעלן דער באנדיטישער כוואליע, און איינער נאָכן אנדערן אומגעקומען. די באנדיטן האָבן זיי מאמעש אף שטיקער צעשניטן און אין די ברינעמער געוואָרפן.

א טייל איז אָבער דאָך לעבן געבליבן. האָבן זיי זיך געוואָרפן צום דניעפּער — דאָ האָט נאָך געקאָנט זיין א רעטונג. פונעם ברעג טייך האָבן זיך געטראָגן קוילעס: „אייגענע, אייגענע, דער וועג איז פרייַ!“.

אָבער אָנשטאָט „אייגענע“ האָבן זיי באגעגנט מיילער פון זעליאָנעס קוילנוואָרפער.

* * *

אינדערפרי נאָך דער קאָשמאר-נאכט אין פינצטערן קעלער האָט מען אלע געפאנגענע ארויסגעפירט אפן פלאץ.

— זשידעס, קאצאפּעס, קאָמוניסטן — פינף טריט פאָרויס!

און דאָ האָבן זיך פון די רייען אויסגעטיילט פארעטער. דער קאָמאנדיר פונעם פּאָלק, דער מיליטקאָם און א טייל אָפּגענארטע רויטארמייער.

פעסט און פארביסן זײַנען געבליבן שטײן 50 קאָמיוגיסטן טרײַ זייער רעוואָליוציאָנערער פאָן. מישא ראטמאנסקי האָט זיך דערשאָסן מיט דער לעצטער קויל, נאָכדעם, ווי אלע איבעריקע האָט ער ארויסגעלאָזט קעגן די באנדיטן. בורשטיין האָט מיט א שטילן שמייכל אופגענומען די טויט-שטראָף.

באנאכט האָט מען ערגעץ-ווּ אוועקגעפירט די 30 איבעריקע. געפירט האָט מען פון דאָרף צו דאָרף, און אלץ קלענער איז געוואָרן זייער צאָל.

דאָס לעצטע הײַפל — 8 מאן — האָט מען געבונדענערהייט ארײַנגעטריבן אין דניעפער.

בלויז איינער — פאסטאָווסקי — האָט זיך געראטעוועט: ער איז געווען א גלענצנדיקער שווימער.

פראגן: 1) ווּאזוי זײַנען די „זעליאָנאָווצעס“ באפאלן די רויטארמייער?
2) ווּאזוי האָבן באגעגנט דעם אָנפאל די קאָמיוגיסטן?
3) וואָס האָבן געטאָן די באנדיטן מיט די געפאנגענע?
4) דערציילט, וואָס ווייסט איר וועגן דעם בירגער-קריג?

פארגעבונג: שרײַב איבער די ווערטער צעלייגט, צעריסן, צעשניטן, צעשאָסן, צעבראָכן, צעהאקט צעהוליעט, צעווילדעוועט, צעטרייסלט, צעטריבן צעשאָטן, צעוויקלט, צעזייט, צעזעצט צעטראָגן, צעלאָזן, צעלייגן.

ווּ איז דער אקצענט אף די דאָזיקע ווערטער?
ווען שרײַבט מען „צע“ און ווען „צו“

פארגעדענקט: אין ווערטער און וואָס באטײַטן א טוונג אָדער וואָס זײַנען געבילדעט פון א טוונג, אף אָט-דעם טראָף שרײַבט מען צע.

די ווערטער: צוזאמען, צוזאמענפאָר, צוביסלעך, צופרידן, צושטײַער, שרײַבט מען צו, ווײַל ס'איז ניט קיין טוונגען און ווערן ניט געבילדעט פון קיין טוונגען.

מארש-ליד.

טיפער אונדזער אקער! ברייטער דער פארזיי!
די זון די רויטע היט אונדז, — די העלדישע ארמיי.
מיר שיטן בעסטן אָפקלײַב
בעסטן ווייץ און גערשטן, —
אונדזער לאנד דאָס פריידיקסטע, אונדזער לאנד דאס ערשטע!
טיפער אונדזער אקער! ברייטער דער פארזיי!
די זון די רויטע היט אונדז, — די העלדישע ארמיי.
מיר גרייטן רייַנעם האָבער,

רײַכן רופֿס און קאָרן
אונדז א גרויס געדעטעניש—דעם פּײַנט אין אויג א דאָרן.

טיפֿער אונדזער אקער! ברייטער דער פּאַרזיי!
מיט זון מיט רויטער גייען מיר, — מיט העלדישער ארמיי.
און איבער אלע פעלדער
פידלען ווינטן לינדע —
אוי, סע וואקסן קינדערלעך! אוי, סע וואקסן רינדער!

טיפֿער אונדזער אקער, ברייטער דער פּארזיי!
די זון, די רויטע היט אונדז, די העלדישע ארמיי.
און אויב סע וועט זיך טרעפֿן,
אויב מע וועט באדארפֿן —
בײַטן מיר דעם אקער-קלונג אף א שווערד א שארפֿן.

טיפֿער אונדזער אקער! ברייטער דער פּארזיי!
מיט זון מיט רויטער גייען מיר, מיט העלדישער ארמיי.

אופגאבע: לייענט איבער דײַטלעך מיט דער געהעריקער אינטאָנאציע.

דערמאָנט זיך: אונדז, אונדזער, אונדזערע, פעלדז, לינדז, גאנדז, האלדז, בראָנדז, נים: אונז, גאנז, א. אז. וו.

X. רעוואָלוציאָנערע געדענק-טעג, לענין, פּאַרטיי, קאָמיוג, פּיאָנערן

אינטערנאַציאָנאַל

שטייט אויף איר אלע, ווער ווי שקלאפן
אין הונגער לעבן מוז אין נויט!
דער גייַסט, ער קאָכט, ער רופט צום וואפן,
אין שלאכט אונדז פירן איז ער גרייט!
די וועלט פון גוואלדהייַטן און ליידן
צעשטערן וועלן מיר — און דאן
פון פרייַהייַט, גלייַכהייט א גאניידן
באשאפן וועט דער ארבעט־מאַן.
דאָס איז שוין אונדזער לעצטער
און אנטשיידענער שטרייַט, —
מיט דעם אינטערנאציאָנאל
שטייט אויף, איר ארבעט-לייַט!
ניין, קיינער וועט אונדז ניט באפרייַען,
ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד!
מיט אונדזער אייגענעם קלייזייַען
א רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.
אראָפּ דעם יאָך, גענוג געליטן,
גענוג פארגאָסן בלוט און שווייס.
צעבלאָזט דעם פייַער, לאָמיר שמידן
קאָלזמאַן דאָס אייַזן איז נאָך הייס.
דאָס איז שוין אונדזער לעצטער א. אז. וו.
דער ארבעט-מאַן וועט זייַן מעמשאָלע
פארשפרייטן אף דער גאנצער ערד,
און פאראזיטן די מאפּאָלע
באקומען וועלן פון זייַן שווערד.

די גרויסע שטורעם טעג, זיי ווען
פאר די טיראנען שרעקלעך זײַן!
זיי קאָנען אָבער ניט פארשטעלן
פאר אונדז די העלע זונענשײַן.
דאָס איז שוין אונדזער לעצטער
און אנטשיידענער שטרײַט.
מיט דעם אינטערנאציאָנאל
שטייט אוף, איר ארבעט-לײַט.

25 אָקטיאבער 1917 יאָר

דער פלאַץ איז פול.

פון אלע גאסן פליסן טײַכן מענטשן: סאָלדאטן, מאטראָסן, רויט-גווארדייער.

פארהילט אין נעפל, פינצטער און כוישעך הייבט זיך די גרויסע געבײַדע פון ווינטער-פאלעץ *.



דער אָקטיאבער-אופשטאנד

ער האָט זיך פארטײַעט, דער פאלעץ. מערניט דאָ און דאָרט לײַכטן זיך געלבלעך א צוויי-דרײַ פענצטער, פארהאנגענע מיט שטאָרן.

* אין ווינטער-פאלעץ האט זיך בעשאסן אופשטאנד געפונען די צײַטווײַליקע רעגירונג.

א גרויסע מאסע באוואָפנטע מענטשן האָט שוין פאַרפלייצט דעם פּלאַץ.
און פונדעסטוועגן קומען און קומען פון אַלע זײַטן אָן נאָך אַלץ נײַע און נײַע אָטריאַדן.
מע גייט און מע זינגט:
„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז, אין נויט"...
נאָר וואָס נענטער זיי קומען צו צום פּלאַץ, אַלץ ערנסטער ווערן די געזיכטער, פעסטער די טריט, און אָנגעשטרענגטער דער בליק.
די לידער ווערן שטילער, פאַרטויבט און פאַרשטומט.
ס׳דערהערט זיך א זאַלפּ פון דער זײַט פון ווינטער פּאַלעץ.
ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן.
פון אַלע זײַטן ענטפערן בליצן פון זאַלפּן.
די וועלט פון הונגער און פון שקלאַפן האָט אויפגעהויבן א שטורעם.
און אָט האָט שוער א זעץ געטאָן א הארמאַטן שאָס. דאָס האָט אויסגעשאָסן „אוורארע*.
די קויל האָט דורכגעזעצט די פענצטער פון ווינטער-פּאַלעץ און איז געבליבן שטעקן אין וואַנט לעם סטעלע.
דאָס האָט דאָס פאָלק ארויסגעלאָזן זײַן ערשטע קויל אין די פּאַלאַצן, ווו ס׳האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט די קייסאָרים.
און גלײַך נאָכדעם האָט די גאַנצע מאסע מענטשן זיך א שאָט געטאָן אין די טויערן, אין די טירן.

אינגאַנצן באוואַקסן מיט באָרד און וואָנצן האָט זיך א האָריקער ארבעטער א ריס געטאָן פאָרויס. איין האַנט זײַנס האָט פעסט געדריקט א ביקס און די צווייטע — א פויסט. מיטן פויסט האָט ער געפאָכעט צום פּאַלעץ און עפּעס געשריען.
אָט איז ער דורכגעלאָפן פאַרבײַ מיר. און איך הער, וואָס ער שרײַט און דראָט מיטן פויסט:
— דאָס וועט זײַן... אונדזער לעצטער...
און א מאַך מיטן פויסט, רופט ער צום פּאַלעץ:
— און אַנטשיידענער שטרײַט...
א יינגל, נאָך קימאַט גאָר א קינד, איז צוגעלאָפן צו די מאַסיווע טירן פון פּאַלעץ, ארויסגעלאָזן פון האַנט די ביקס, און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעזעצט אויף די שטיינערנע פּליטעס.
דערנאָך האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף די שטיינער אין א קאַליוזשע אייגן בלוט, א ציטער געטאָן — און אויסגעגאַנגען...

---

* אוורארע — א קריג-שיף פון באַלטישן פלאָט, וואָס האָט גענומען אן אקטיוון אנטייל אין דער אָקטיאַבערעוואָליוציע.

אף די גאסן איז א גאנצע נאכט געגאנגען אן איינגעשפּאַרטע אַרבעט — מע האָט געבויט באַריקאַדן.

קאַסטנס, זעק מיט זאמד, וועגענער, פעסער — אַלץ האָט מען אַנגעוואָרפן אַפן ברוק. ס'האָבן געאַרבעט פרויען און קינדער.

דער טומאַן צעגייט.

אין מיזרעך־זייט צינדט זיך בלאַס אָן א פאַס שיין.

פון דער פעטראָגראַדער זייט דערטראָגט זיך א וויטע און אָן אָפּטע קנאַקערײַ פון א קוילנוואַרפער. ס'דונערן רעדער אין אײַזערנעם גאַנג איבערן ברוק, ס'ציטערן און דרינזשען די פענצטער.

צום פּאַלעץ־בריק טראָגט זיך אַרטעיעריע מיט שווערן געווער.

אין א האַלב שאָ אַרום טוט א קלאַפּ אַף דער פּעטראָגראַדער זייט א האַרמאַט.

— וואָס איז דאָס?

א רײַטער פליט דורך און וואַרפט אָן ענטפער:

— די יונקערס... אין וולאַדימירסקער שול.

דער גרויסער פּראָספּעקט, וואָס אַף דער פּעטראָגראַדער זייט, איז אַרומגערינגלט מיט רויטגוואַרדייער און מאַטראָסן.

הייס קנאַקן די קוילנוואַרפערס. פון צייט צו צייט דונערן איינצעלנע שאָסן פון האַרמאַטן.

סאַניטאַרן גייען דורך מיט א טראָג־בעטל. אַפן בעטל איז עמעצער צוגעדעקט מיט א שינעל.

פון אונטערן שינעל איז אַרויסגעשטעקט א געלע טויטע האַנט.

און אָט טראָגן די סאַניטאַרן אָן אַלטן מאַן — אַן אַרבעטער. דער קאָפּ איז בא אים פאַרבונדן און דורכן ווײַסן בינט טריפט געדיכט בלוט.

די קייט נעמט זיך פאַנאַנדער. אַרומגערינגלט מיט א פעסטן רינג פון רויטגוואַרדייער גייען אין מיטן איבערן ברוק יונקערס. די פּנים־ער בלאַס און כווישעך.

דער אוילעם קוקט גיריק אַף זיי.

עמעצער פון אוילעם באַלייט זיי מיט א שווערער קלאָלע:

— פריצעמלעך, אָט אַזוי. וויפל מענטשן האָבן זיי דאָס גע־פּאַטערט!

די שיסערײַ הערט אוף.

אַפן טראָטואַר און אַפן ברוק — שטיקלעך ציגל און שטיין, און אין מיטן גאַס — א גרויסע קאַליוזשע בלוט...

אַרבעטער־בלוט...

דער אוילעם האָט זיך ארומגעשטעלט און קוקט טרויעריק אפן בלוט.

ארבעטער-בלוט...

דער שלאכט איז געענדיקט. א גרויער, נעפלדיקער אָקטיאַבער-טאָג האָט געבראכט ניצאָכן די הינטערגעסלעך און א מאפּאָלע די פּא-לאצן.

פראגן: ווו זיינען פאָרגעקומען די הויפּטגעשעענישן פון דער אָקטיאבער-רע-וואָליוציע? ווער איז געווען איר אָנפירער? וואָס האָט די אָקטיאבער-רעוואָליוציע געגעבן דעם ארבעטער-קלאס און די פּויערים?

* * *

סיאיז יאָנטעוו היינט
און איך וועל לאָזן זיך אין אויסגעפּרוווטע רייען,
עס קושן טריט אָקטיאבערדיקע ערד.
אונדז איז געגעבן דאָ
דאָס גרויסע גליק פון בויען,
וואָס ניט א יעדער דאָר איז ווערט...
און לויערן פון אומעטום
אף אונדז געפאַרן —
מיר זיינען שוין געפּרוווט.
זאָל שאלן היינט און גרענעצן צעשפּארן
אונדזער הייסער יאָנטעוודיקער רוף!..

פארגעבונג: לייענט איבער דיטלעך און שרייבט איבער די ווערטער: וווקס, אויסגעפּרוווט, טוונג, רוון. באמערקט, ווו מע דארף אין ו א פּינטעלע.

וואָלט גרינג געווען צו לייענען דידאָזיקע ווערטער אָן א פּינטל באם ו?

ו. אי. לענין

לענין

דער גרויסער שארבן-קאָפּ אף ברייטע שטארקע אקסלען זיצט.
אף אקסלען, וועלכע האָבן קיינמאָל זיך פאר קיינעם ניט געבויגן.
און ס'האָבן קיינמאָל ניט געפעלשט די פעסטע פיס
אף וועגן שווערע פון מאפּאַלעס צו ניצאָכן.
אָט דאָס איז ער — דער מאן פון אלע מענער,
אָט דאָס איז ער — איליטש וולאדימיר לענין.

וולאדימיר איליטש אוליאנאָוו — לענין

לענין איז געבאָרן געוואָרן דעם 22-טן אפּרעל 1870 יאָר אין שטאָט סימבּירסק (איצט אוליאַנאָווסק). זײַן פאָטער האָט געשטאַמט פון פּויערים, און איז געווען א אינספּעקטער פון פאָלקס-שולן. זײַן ברודער אלעקסאנדער איז געווען א רעוואָליוציאָנער און איז פאַרמישפּעט געוואָרן צום טויט.

נאָכן ענדיקן די גימנאזיע קומט לענין אָן אין אוניווערסיטעט אין שטאָט קאזאן. נאָר פאר זײַנע רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונגען שליסט מען אים אויס פון אוניווערסיטעט.

לענין שטודירט די לערע פון קארל מארקס. ווערט א באוווּסטזיניקער רעוואָליוציאָנער-מארקסיסט, פאָרט אוועק קיין פּעטערבּורג (לענינגראד), נעמט אָנטייל אין אָרגאניזירן דעם „פאַרבאנד צו קעמפן פאר באַפרײַען דעם ארבּעטער קלאַס", פירט אָן מיט א שטרײַק פון 40 טויזנט ארבּעטער, זיצט אָפּ א יאָר אין טפיסע, און ווערט פארשיקט אין סיבּיר אויף 3 יאָר.

נאָכן אָפּקומען די שטראָף אין סיבּיר, פאָרט לענין אוועק קיין אויסלאנד. צוזאמען מיט א גרופּע רעוואָליוציאָנערן גרינדעט ער דאָרטן די צײַטונג „איסקרא", וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין אָרגאניזירן די פּארטיי.

אין 1898 יאָר איז די פּארטיי געשאפן געוואָרן. גערופן האָט זי זיך דעמאָלט: רוסלענדישע סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבּעטער-פּארטיי. (פון 1918 יאָר רופט זי זיך קאָמוניסטישע).

אין 1903 יאָר האָט זיך די פּארטיי צעשפּאָלטן אויף באָלשעוויקעס (מערהײַט) און מענשעוויקעס (מינדערהײַט).

דער הויפּט אונטערשייד צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס איז געווען אָט וואָס. די מענשעוויקעס האָבן געהאלטן, אז אין קאַמף קעגן דער זעלבּסטהערשונג דארף דער ארבּעטער-קלאַס גיין צוזאמען מיט דער בּורזשואזיע, וואָס איז אויך ניט צופרידן מיטן קייסער.

די באָלשעוויקעס האָבן געזאָגט, אז די בּורזשואזיע איז אונדזער שטענדיקער פײַנט און דעריבּער קאָנען מיר מיט איר צוזאמען ניט גיין. די אָרעם און מיטלפּויערים — אָט זיי זײַנען אונדזערע פרײַנט און מיט זיי צוזאמען דארפן מיר קעמפן קעגן דער צארישער הערשאַפט און קעגן דער בּורזשואזיע.

ווײַטער האָבן די באָלשעוויקעס געהאלטן און האלטן איצט אויך, אז קעדיי צו באַפרײַען זיך פון דער עקספּלואטאציע פון די קאַפּיטאַליסטן און פּריצים און אײַנפירן א סאָציאליסטישע אָרדענונג, דארף דער

ארבעטער-קלאַס צוזאמען מיט די אָרעמע און מיטלפויערים דורך א רעוואָליוציע פארכאפן די מאכט, איינשטעלן די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט און מיט גוואלד אָפּשאפן דעם קלאַס פריצים און קאפיטאליסטן.

די מענשעוויקעס, פארקערט, ציטערן פאר א רעוואָליוציע, ווי פאר פייער און זיינען גרייט דערטרינקען אין א לעפל וואסער אָדער אין א טייך בלוט יעדערן, ווער עס רעדט וועגן איינשטעלן די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט.

לענין איז געווען דער אָנפירער פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאניזאציע און געלערנט די ארבעטער וויאזוי צו מאכן א רעוואָליוציע.

בעשאס דער רעוואָלוציע אין 1905 יאָר קערט זיך לענין אום קיין רוסלאנד, לעבט אומלעגאל. ער גיט ארויס א באָלשעוויסטישע צייטונג און רופט צו באוואָפנטן רעוואָליוציאָנערן אופשטאנד.

נאָך דעם, ווי עס איז דערשטיקט געוואָרן די רעוואָליוציע, עמיגרירט לענין ווידער קיין אויסלאנד און פירט אָן פון דאָרטן מיט דער ארבעט פון די באָלשעוויקעס.

אין 1914 יאָר ברעכט אויס די וועלט-מילכאָמע. צוזאמען מיט נאָך אייניקע אויסגעהאלטענע רעוואָליוציאָנערן דערקלערט לענין „קריג קעגן קריג". פירט א שטארקע אגיטאציע פאר פארוואנדלען די אימפעריאליסטישע מילכאָמע אין א בירגער-קריג, אגיטירט, אז די סאָלדאטן, וואָס באשטייען פון ארבעטער און פויערים, זאָלן אויסקערעווען די ביקסן קעגן דער אייגענער בורזשואזיע, פארכאפן די מאכט, און דעמאָלט וועט ווערן א סאָף צו דער מילכאָמע.

נאָך דער פעווראלער רעוואָליוציע אין 1917 יאָר קערט זיך לענין אום קיין רוסלאנד און לערנט די ארבעטער וויאזוי צו פארכאפן די מאכט.

די בורזשואזע רעגירונג מיט קערענסקין בעראָש הייבט אָן רוידעפן די באָלשעוויסטישע פארטיי און ארעסטירן אירע טוער. לענין באהאלט זיך אויס פון קערענסקעס שפּיאָנען און פירט אָן פון זיין באהעלטעניש מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג.

אין אָקטיאבער 1917 יאָר האָבן די ארבעטער אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פארכאפט די מאכט און אויסגעקליבן לענינען פאר פאָרזיצער פון ראטפאָלקאָם.

די קאָנטער-רעוואָליוציאָנערן האָבן ניט געלאָזן לענינען צורו. אין 1918 יאָר האָבן זיי געשאָסן אין לענינען און אים שווער פארוווּנדעט.

נאָר אינגיכן האָט זיך לענין ווידער גענומען פאר זיין רעוואָליוציאָנערער ארבעט.

אין 1919 יאָר גרינדעט זיך אונטער זײַן אָנפירונג דער קאָמוני-סטישער אינטערנאַציאָנאַל.

איבער די קויכעס האָט לענין געאַרבעט.

אין 1923 יאָר איז לענין שטאַרק קראַנק געוואָרן און דעם 21-טן יאַנוואַר 1924 יאָר געשטאָרבן אין עלטער פון 54 יאָר.

אף לענינס טויט האָבן די אַרבעטער געענטפערט מיט א מאַסן-אַרײַנטרעטונג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע פירט דורך אין לעבן לענינס געבאָטן.

דער נאָמען לענין איז טיף אײַנגעקריצט אין די הערצער פון אַלע אונטערדריקטע אין גאַר דער וועלט.

איליטש

מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ צו אַלע...
א שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אף הוילע קעפּ.
באַם פרישן קייווער שטייען מיר, ווי קינדער,
און וועג איז אַזוי ווײַט, און טאָג איז אַזוי שוואַרץ,
ס'איז דאָ אַזוי פיל פּראָסטער לענינס ווונדער
אין אונדזער שטאָלענעם און ווייַנענדיקן האַרץ.
מאָסקווע, קרעמל.
א ראַדיאָ פון אַלע,
אַן אַנדער ראַדיאָ, א צווייטע ראַדיאָ פליט:
איליטש איז דאָ מיט אַלע און בא אַלע —
אין אונדזער הייסן בלוט, אין שטרענגע, קאַלטע טריט.
ס'איז דאָ א וואָרט, וואָס וועט א וועג אונדז ווײַזן,
און מענטשן פּראָסטע איז דאָ דאָך אָן א צאָל,
ס'איז דאָ א לאַנד פון פעלדער און פון אײַזן,
א לענין-לאַנד פון קאָרן און פון שטאָל.
מיר זײַנען אַלע דאָ, מיר זײַנען קאָמונאַרן,
און הייס איז אונדזער בלוט, און פעסט איז אונדזער לאַנד;
אין דערפער און אין שטעט, אף פעלדער, טראָקטאָרן,
מיר זײַנען אומעטום — מיט לענינס פאָן אין האַנט!

פאַרגעבונג: לייענט איבער די ליד מיט דער געהעריקער אינטאָנאַציע.
שרייבט איבער די ווערטער: לענין, קרעמל, סטעפּ, אַפּרעל, פּעוו-
ראַל.

אין לענינס פּאַרטיי

1924 יאָר. אין טרויער-לאָזונגען זיינען געהילט די מאַשינעס, אין די וואַרשטאַטן רוישט א יאַם מיט מענטשן. אף דער פאַרזאַמלונג פונעם 27-טן יאַנוואַר זיינען געקומען אַלע הונדערט פּראָצענט אַרבעטער.

— אף לענינס טויט ווען מיר ענטפערן מיט פאַרשטאַרקטער אַר-בעט. דעם אָוועקגעגאַנגענעם פון אונדז וועלן מיר פאַרבייטן מיט הונ-דערטער טויזנטער נייע קעמפער — רעדט דער אָראַטאָר.

און פונקט ווי ס'וואָלט א הרעבליע דורכגעריסן:

— מיר אַרבעטערנס דאַרפן פאַרבייטן לענינען! איך בעט פאַר-שרייבן מיך אין דער פאַרטיי.—שרייט די בעסטע אַרבעטערן רוסקאָלע.

נאָך איר בעטן זיך פאַרשרייבן די כאַווייריים גרוזלאָוו, סאַלטיקאָוו — אַלטע אַרבעטער.

און דאָ האָבן זיך א שפּאַר געטאָן צום טיש פון סעקרעטאַר די דעלעגאַטקעס איינע נאָך דער אַנדערערער.

ניטאָ קיין ווערטער — די שטים האַקט זיך איבער פון האַרץ-קלאַ-פּעניש. מע הערט נאָר:

— פאַרשרייב!

— און מיך!

— און מיך!

וויפל צענדליק אָט אַזעלכע „און מיך" איז דאָס אין יענעם טאָג געווען אין פאַבריק!

לענין און די פּאַרטיי

וולאַדימיר איליטש האָט אונדז געלערנט, אַז קעדיי צו קעמפן מיט דערפאָלג קעגן קייסער און קעגן די קאַפּיטאַליסטן, דאַרף דער אַרבעטער-קלאַס האָבן אַן אייגענע אַרבעטער-פּאַרטיי.

די אַרבעטער-פאַרטיי דאַרף זיין די פירערן ניט בלויז פונעם אַר-בעטער-קלאַס אַליין, נאָר אויך פון אַלע האָרעפּאַשניקעס און פון אַלע אונטערדריקטע.

אף צו שאַפן א פעסטע רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער-פּאַרטיי האָט לענין געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן.

ווּקס פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי

אין 1905 יאָר	. . . .	8.400	מיטגלידער
„ 1917 „	. . . .	180.000	„
„ 1924 „	. . . .	472·000	„
„ 1926 „	. . . .	1.002.000	„
„ 1929 „	. . . .	1.624.000	„

פאר די פויערים איז בּייטיק די אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי

דער ארבּעטער-קלאַס האָט ניט קיין אייגנטום — קיין אייגענעם פאַרמעגן. ס'ראָוו ארבּעטער לעבּן ניט צעזייט איבּער די דערפער, נאָר געפינען זיך אין גרויסע קאָמפּאַקטע מאסן אין די שטעט. די אינ-דוסטריעלע ארבּעטער זײַנען פארנומען אף גרויסע פאַבּריקן און זאַ-וואָדן, ווּ דער ארבּעטער-קלאַס ווערט צונויפגעגאָסן אין איין פעסטער בּרידערלעכער פאַמיליע. ער איז פארהארטעוועט און שטארק אין רע-וואָליוציאָנערן קאמף.

די שטאָט מאכט דעם ארבּעטער מער בּאַוווסטזיניק, מער קולטורעל. אין שטאָט איז פאראַן א פּאָסט, א טעלעגראַף, א טעלעפאָן, ראַדיאָ, אײַזנבּאַנען, טראַמווײַען, פאַבּריקן, זאַוואָדן, עלעקטריע, טעאַ-טער, קורסן א. א. וו.

דידאַזיקע גאַנצע שטאָטישע קולטור הענגט אָפּ פונעם ארבּעטער. ער פירט די לאָקאָמאָטיוון אף די אײַזנבּאַנען. ער פירט די שיפן אי-בּער יאַמען און טײַכן. ער ארבּעט בּאַם סטאַנאָק אף די פאַבּריקן, אף די זאַוואָדן, אף די עלעקטרישע סטאַנציעס.

ער בּויט קאָלאָסאַלע געבּײַדעס. ער בּאַזאָרגט די בּאַפעלקערונג מיט הייצונג, מיט בּאַלײַכטונג, מיט וואַסער.

א שטרײַק פון די ארבּעטער קאָן מיטאמאָל אָפּשטעלן דאָס גאַנצע לעבּן פון שטאָט, פון דער גאַנצער מעלוכע.

דער ארבּעטער-קלאַס — איז די איינציקע בּאַהעפטע, פעסטע קראַפט, וואָס קאָן זיך שטעלן אנטקעגן דער בּורזשואַזיע און בּײַקומען זי-בּלויז דער ארבּעטער-קלאַס קאָן זײַן דער אָנפירער פון אלע האָ-רעפּאַשניקעס, פון אלע אָרעמע און מיטעלע פּויערים אין זייער קאַמף פאר א נײַעם, בּעסערן לעבּן, פארן סאָציאַליזם.

א קאָמיוגיש קעמערל

א פאַבּריק — א שטאָט. בּאַ 7 טויזנט ארבּעטער. און יונג-וואַרג צווישן זיי — א גאַנצער טויזנט. טויזנט כּעוורע און 3 יאָר אָן א קאָמיוגיש קעמערל. ניט בּאַוויזן צו שאַפן עס.

נאָר אָט האָט זיך באוויזן א פּלאַקאַט:

דעם 13-טן פעווראל 1921-טן יאָר האָט זיך אָף דער פאַבריק אָרגאַניזירט א קאָמיוגיש קעמערל. פאַרשרײַבט זיך! מיידלעך ווערן אויך אָנגענומען.

און כעוורע איז אוועק. צוערשט אביסל שוואַכלעך. דערנאָך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

א יאָר דורך — 40 קאָמיוגיסטן. נאָך א יאָר אוועק — פאַראַן שוין 120 יאַטן. צום סאָף 3-טן יאָר — שוין גאַנצע 200 כעוורע אין קעמערל.

שווערלעך איז פון אָנהייב געווען מיט דער „פּרויען-פּראַגע“. אָף 40 קעפּקעס — איין טיכל. נאָר מיט דער צײַט האָבן זיך די מייד-לעך אויך אַרײַנגעצויגן. צום 1-טן יאַנוואַר 1924-טן יאָר איז שוין אָף יעדן צענדליק קעפּקעס געווען צו 2 טיכלעך.

א גרויסע דערגרייכונג! געווים.

אָבער אַרבעטער-יוגנט איז אָף דער פאַבריק א גאַנצער טויזנט, און אין קעמערל נאָר 200 כעוורע.

ווו-זשע זײַנען די איבעריקע 800?

די 800 לעבן זיך אָפּגעזונדערט פון קעמערל. קוקן גלײַכגילטיק אָף דער אַרבעט פון קאָמיוג, און שמייכלען זיך אונטער.

נאָר פּלוצלינג איז געשען אַזוינס, וואָס האָט א האַק געטאָן איבערן מויעך און אופגערודערט אַלע הערצער.

21-טער יאַנוואַר!..

— געהערט, סעריאָזשע? איליטש...

— ס'קאָן ניט זײַן...

— כעוורע, אײַדאַ אין קעמערל. דאָרט קען מען וויסן!

א שטופּעניש, א שפּאַרעניש, ווי פון זינען געריררט.

— איז עס טאַקע עמעס?

— יאָ, יאָ, עמעס, עמעס...

— איז ווי-זשע וועלן מיר זיך באַגיין אָן אים?

— דאָס ווייסן מיר נאָך אַליין ניט.

— נו, איז כאָטש מיר זײַנען ניט קײַן פּאַרטייישע, נאָר בא אַזא אומגליק איז לאָזט אונדז זײַן מיט אײַך. מירן טאָן, וואָס מיר קענען.

ס'זײַנען דורך די טרויער-טעג. אין קעמערל איז א בארג מיט מעלדונגען.

— „לענין האָט אָפּגעגעבן פאר אונדז זײַן לעבן. בעטן מיר ארײַנע-מען אונדז אין קאָמסאָמאָל".

— „האָט ניט קיין פאריבל, וואָס איך בין ניט געלערנט. נאָר דער-פאר גיי איך דאָך אין קאָמסאָמאָל איך זאָל באנעמען לענינס געבאָטן און ווערן א גוטער לענינעץ..."

און הונדערטער נײַע כעוורע זײַנען ארײַן אין קעמערל. ארײַן אי איינציקווײַז אי בינטלעכווײַז. סײַ ייִנגלעך, סײַ מיידלעך און אלע באוווסטזיניקע, אויסגעהאלטענע — שטאָל און אײַזן.

קאָמוניסטישער יוגנט-פארבאנד (קאָמיוג)

אין 1917-טן יאָר האָבן זיך גענומען שאפן אָרגאניזאציעס פון דער ארבעטער-יוגנט. שוין פון אָנהייב אָן זײַנען זיי אין זייער ארבעט אוועק נאָך דער קאָמוניסטישער פארטיי.

אין דער צײַט פון בירגער-קריג האָבן זיך די קאָמיוגיסטן העלדיש געשלאָגן אף די פראָנטן. אז דער בירגער-קריג האָט זיך פאר-ענדיקט, האָבן זיי גענומען ארבעטן אף די פראָנטן פוןווירטשאפט און קולטור.

פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי האָט דער קאָמיוג א קאָלאָ-סאלע באדײַטונג. פון זײַנע רייען גייט אין דער פארטיי אָן אומבײַט.

נאָך לענינס טויט האָט דער קאָמוניסטישער יוגנט-פארבאנד זיך גענומען רופן לענינשער. און מיט שטאָלץ טראָגט דער קאָמיוג לענינס נאָמען אף זיך.

וווקס פון קאָמיוג

אין	1918-טן	יאָר	—	22.000	מיטגלידער
„	1922	„	—	260.000	„
„	1924	„	—	822.000	„
„	1926	„	—	1.633.000	„
„	1928	„	—	2.000.000	„

דער זיידע און דער אייניקל

דער זיידע איז צופרידן מיט די נייע אָרדענונגען. וואָס-זשע? קארג צאָרעס האָט ער איבערגעטראָגן און זיך אָנגעזען פארן לעבן! און איצט זיינען ביידע זין זיינע, יוכים און זאכאר, מיטגלידער פון א

דריי דוירעס

א לאנדווירטשאפטלעכער ארטעל. די שנור מאריע איז אין שטוב פאר-נומען. קיין גווירים איז מען נִיט, אָבער הונגערן האָט מען אופגעהערט.

אן אומגליק נאָר, וואָס די אויגן זעען שלעכט. ווען מע האָט אין דאָרף קאלינין גענומען מיט בערדיקע פויערים לערנען איוורע, האָט דער אלטער גאווריעל געהאט עמעסע אגמעסנעפעש.

— עך, ווען איך האָב די אויגן! איך וואָלט זיך אויך גענומען פארן אלעפבייז!

א שטיקל גליק איז דאָס אייניקל אנושקע — זי לייענט ביכלעך דעם זיידן.

— עהע, ס'ארא צייטן עס זיינען! א קליין מיידל פארשטייט אין לאנדווירטשאפט מער, ווי א פויער. פארזייט זוימען אף א שמאטקעלע, זי פרוווט אוים, וועלכע זיינען בעסער. אין שול זיך אויסגעלערנט.

אלע אינדערפרי, איידער זי גייט אין שול, איז נאָר זי פלעסקעט זיך אין א ליימענער שיסל, ווי א קאטשקע אין וואסער. און נאָך מיט זייף. די באָבע ארינע בייזערט זיך פאר די זייף.

— ניין, באָבעניו, — מאכט אנושקע — מע טאָר ניט זיין שמוציק.

פיאָנערן דארפן זיך ריין ארומוואשן.

ס'מאכט זיך, אז אנושקע קומט צולויפן פון שול און זאָגט צום זיידן:

— זיידעניו, ווילסט? אָט וועל איך דיר לייענען וועגן לענינען.

דער זיידע הערט און הערט, שמייכלט און מאַכט צו אנושקען:

— זעט-זשע, קינדערלעך, פאָלגט, וואָס לענין האָט געהייסן.

צו אנושקען קומען צולויפן כאוורטעס. זיי דערזעען דעם זיידן און רופן אוים פריילעך:

— זײַ גרייט!

דער זיידע לייגט צונויף די פינגער, הייבט אוף די האנט העכער פאר דעם גרײַז-גרויען קאָפּ, גלײַכט אוים דעם רוקן און ענטפערט אָפּ:

— שטענדיק גרייט!

דער זיידע איז צופרידן מיט די פּיאָנערן. די קינדער האָבן דעם זיידן ליב. זיי ווילט זיך דעם אלטן עפּעס אָנטאָן א נאכעס, און זאָגן:

— ווילסט זיידע, ווען מיר דיך אויסקלײַבן פאר אן ערן-פּיאָנער.

און דער זיידע ענטפערט:

— פאר וואָסערע מײַסים-טויווים? פאר וואָסערע פארדינסטן? איך קען דאָך אפילע קיין איוורע ניט. עך, ווען די אויגן זײַנען בא מיר!..

— נישקאָשע, זיידע, מירן דיך די אויגן אויסהיילן.

דער זיידע טוט א מאך מיט דער האנט.

— טאקע, זיידעניו, אף אן עמעס, מירן דיך אויסהיילן. אין קרים האָט מען דעם קייסערס פּאלעץ פאר די פּויערים אָפּגעגעבן. דאָרט היילט מען זיי.

פארטראכט זיך דער אלטער גאווריעל אף דעם נײַעם לעבן. און קליינוואַרג שפּילט ארום אים ווי וואָראָבייטשיקלעך.

דער אינטערנאציאָנאלער פרויען-טאָג—8 מארט

די ארבעטנדיקע פרוי לײַדט פון א צווייענדיקן יאָך: פון דער קאפּיטאליסטישער עקספּלואטאציע און פון איר פארשקלאפטער לאגע אלס פרוי.

אין 1910-טן יאָר האָבן זיך אין קאָפּענהאגען (דענעמארק) צונויפגעזאמלט סאָציאליסטקעס פון פארשיידענע לענדער אף באטראכטן די לאגע פון די אונטערדריקטע פרויען. אפן דאָזיקן צוזאמענפאָר האָט מען באשלאָסן דערקלערן דעם 8-טן מארט פאר א פרויען-טאָג.

דער באדײַט פונעם דאָזיקן טאָג איז — פאראייניקן די קויכעס פון דעמדאָזיקן מער אָפּגעשטאנענעם טייל פון דער פּראָלעטארישער ארמיי. אינעם דאָזיקן טאָג ווערן אָרגאניזירט מיטינגען, דעמאָנסטראציעס.

די פרויען פון דער גאנצער וועלט פאָדערן אין דעם טאָג זיי זאָלן אינגאנצן באפרײַט ווערן פון קאפּיטאליסטישן יאָך און זייערע רעכט זאָלן אויסגעגלײַכט ווערן מיט די רעכט פון די מענער.

אין רוסלאנד האָט מען אָנגעהויבן יאָנטעוון דעם פרויען-טאָג ערשט אין 1913-טן יאָר. באזונדערס גרויס איז געווען די ארויסטרעטונג פון פרויען דעם 8-טן מארט 1917-טן יאָר. דעמאָלט האָבן די ארבעטערנס פון פּעטראָגראַד דעמאָנסטרירט קעגן דער מילכאָמע און קעגן קייסער. דידאָזיקע אַרויסטרעטונג האָט מיטגעהאָלפן צו אראָפּוואַרפן דעם קייסער.

זינט דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע איז די רוסישע ארבעטערין א פולבארעכטיקטע בירגערין, נעמט אן אקטיוון אָנטייל אין דער אָנפירונג מיט דער מעלוכע. כאָטש די פרוי אין ראטנפארבאנד האָט גלײַכע רעכט מיט די מאנצבילן, אָבער דער יאָנטעוו פון פרויען-טאָג האָט א גרויסע באדײַטונג אין ראטנפארבאנד.

די פרוי איז אין פיל קרײַזן און געגנטן נאָך אָפּגעשטאנען. אין שטייגער האָט זי זיך נאָך ניט אינגאנצן באפרײַט.

איז אין טאָג פון 8-טן מארט באטראכט די פרוי אין ראטנפארבאנד די פראגע וועגן קאָנען זיך באנוצן מיט איר פרײַהײַט, קעדיי אָנפירן מיט דער מעלוכע — ווערן אנטוויקלטער און קענען דערציִען אירע קינדער אלס נוציקע בירגער פון לאנד.

פראגן: 1) צוליב וואָס איז אײַנגעשטעלט דער פרויען-טאָג?

2) ווי איז דורכגעגאנגען דער לעצטער פרויען-טאָג בא אײַך?

3) וואָסערע אנשטאלטן, וואָס באפרײַען די פרוי, האָט מען בא אײַך געעפנט צו דעם טאָג?

וווּקס פון דער צאָל פרויען אין אלקפ. (ב)

1 יאנוואר	1924	יאָר	—	38.500	מיטגלידער
„ „	1925	„	—	78.194	„
„ „	1926	„	—	128.807	„
„ „	1927	„	—	135.453	„

אויפגאבע: 1) שרײַבט איבער די טאבעלע. דערבײַ פארקײַלעכדיקט די צאָלן ביז טויזנטער. 500 און העכער רעכנט פאר 1 טויזנט.

2) בארעכנט אין וויפל מאָל איז אין 1925 יאָר געווען מער מיטגלידער איידער אין 1924: און וויפל מאָל אן ערעך איז אין 1927 יאָר געווען מער מיטגלידער איידער אין 1924.

א גאנץ לעבן געשוויגן

א שווער און שווײַגנדיק לעבן האָט כאווע-גיטל דורכגעמאכט. ווינטער פלעגט די מוטער, אן אָרעמע אלמאָנע, זי מיטנעמען איבער די דערפער. זי פלעגט העלפן דער מוטער אין איר ארבעט — פארבן קליידלעך פאר די פויערטעס. די קליינע זיבניאָריקע כאווע פלעגט נאָכלויפן דער מוטער איבער שנייִיקע סטעפּעס. ביז שפּעט אין דער נאכט פלעגט זי העלפן ווייקן, פארבן, פּרעסן און טרי-קענען. און נאָכדעם א גאנצע נאכט געטרייסלט זיך אַף דער קאלטער, הארטער באנק און געכאַלעמט פון פּריפּעטיק, ווען זיי וועלן זיך אומ-קערן אין קליינעם שטיבעלע, ווו ס׳פלאקערט דער גרויסער אויוון.

אז כאווע-גיטל איז אונטערגעוואקסן, האָט די מאמע זי אוועקגע-שיקט אין דער גרויסער שטאָט פאר א דינסט. אין דער גרויסער שטאָט איז זי געוואָרן נאָך שרעקנדיקער און שווײַגנדיקער. די קלענערע גויי-רישע קינדער געניאַנטשעט און געצוואָגן, פון די עלטערע געקראָגן געקניפּן.

אזוי איז זי געוואקסן אין גוירישע קיכן, אין באלעבאטישע מיסטן.

אז זי איז אלט געוואָרן 19 יאָר האָט זי א דאָרפישער באָכער בענציען פאר א ווײַב גענומען און זי אין דאָרף אראָפּגעבראכט.

דער יונג האָט פארמאָגט 4 דעסיאַטין ערד, א פערד און א קו, נאָר א שטרענגער איז ער געווען און א שווײַגער. און אז כאווע-גיטל האָט איינמאָל געוואָלט פארן מאן אויסריידן ס׳הארץ, פלעגט ער איר אָפּהאקן:

— פלוידער ווייניקער און האָב מער אינזינען די באלעבאטיש-קײַט! — האָט זי געשוויגן און אינזינען געהאט די באלעבאטישקײַט: געמאָלקן די בעהיימעס, געניאַנטשעט די קינדער און געקאָכט וואר-מעסן און וועטשערעס.

אסאך שווערע יאָרן זײַנען פארבײַ פון יענער צײַט. כאווע-גיטל האָט שוין 8 קינדער. דער עלטערער זון דינט אין דער רויטער-ארמיי, א טאָכטער אין קאָמיוג, בענציען — א מיטגליד פון דעם אָרעמפויער-קאָמיטעט.

אין דאָרף איז א נײַ לעבן, און כאווע-גיטל שטייט אין מיט פון אָט דעם לעבן. טרעט ארויס אַף אלע פארזאמלונגען און זיצונגען.

זי איז די ערשטע רעדל-פירערין אין דאָרף-הויז, אָרגאניזירט יאס-לעם און וואָס ניט?

אין דער גאַנצער אַרבעט טראָגט כאַווע-גיטל אַרײַן אַזאַ אימפּעט, פּונקט ווי פֿון איר רײַסן זיך אַלע אירע שווײַגנדיקע יאָרן און ווילן אַניאָגן, וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזן.

טײַלמאָל פֿרעגן זי די פֿויערטעס:

— ווו האָסטו זיך געלערנט אַזוי ריידן?

און כאַווע-גיטל ענטפֿערט:

— די אַלע יאָרן, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו שווײַגן אין די גווירישע הײַזער, האָט זיך עס בײַ מיר אָנגעקליבן.

און אַז ס'איז געקומען צו די וואַלן אין ראַט, האָבן אַלע פּויער-טעס באַשלאָסן:

— כאַווע-גיטלען שטעלן מיר אַרויס. ס'גאַנצע לעבן האָט זי גע-שוויגן, איצט זאָל זי ריידן.

פֿ ר אַ ג ן: 1) ווי איז דורכגעגאַנגען כאַווע-גיטלס קינדעריאָרן?
2) ווי האָט זי געלעבט נאָך דער כאַסענע?
3) ווען האָט כאַווע-גיטל אָנגעהויבן ריידן?
4) צי ווייסט איר פֿרויען מיטגלידער פֿון ראַט?
דערציילט וועגן זיי.

פֿ אַ ר ג ע ב ו נ ג: דערציילט מיט אײַערע ווערטער אין קורצן די געשיכטע מיט כאַווע-גיטלען. שרײַבט עס אָן.

פֿונעם פֿינצטערן אַמאָל

איך בין אַ יאָסעם: מײַן מאַמע איז געשטאָרבן. די מומע סאָרע און מײַן שוועסטער באַסיע, וואָס דינט אין אַ נעגידיש הויז, ווייגען אַ אַ גאַנצן טאָג. זיי זיצן שיווע, און מיך פֿירט דער פֿעטער אין בעס-מעדרעש „קאַדעש“ זאָגן.

שכיינים קומען צו אונדז צוגיין אונדז טרייסטן. די אַלטע מאַלקע, דעם רעבנס אַלמאָנע, אַ פֿרומע ייִדענע מיט ליפּן אײַנגעצויגענע אין מויל אַרײַן, זאָגט אַזעלכע ווערטער:

— פֿײגע (אַזוי האָט געהייסן מײַן מאַמע) האָט גוט געטאָן... וואָס וואָלט זי געוווען דערלעבט? זי וואָלט בעמיילע געוווען געשלעפּט אירע צאָרעס אָף דער וועלט.. און איצט האָט זי מיט טרערן און ווייטעקן זיך אויסגעשפּרייט אַ וועג אין גאַניידן אַרײַן און סע קען זײַן, אַז איר נעשאָמע קײַקלט זיך שוין מיט סימכע קיין ירושאָלאַיִם...

אונדזער שאָכן, אַרן פּינכעס, זיצט אָף אַ בענקל און גיסט אָף אונדז פֿון דער הייך פֿעך פֿון ברענענדיקע אויגן. ער זאָגט מיט אַן אויפֿגערעגטן קאָל:

לאָזט צורו יערושאָלאַים, אָן אָרעמאַן דאַרף אים האָבן ווי א נאָגיד א נעדאָווע. איר רעכנט, אז אויב א ייד שטאַרבט — דאַרפן מיר דער-פאַר דאַנקען גאָט, ווײַל ס'וועט אַף דער ערד מיט איין קאַפּצן ווייני-קער? אַזוי דענקען אויך אונדזערע ראַבאָנים. ניט לאַנג האָב איך גע-שמועסט מיט איינעם פון זיי. כ'האָב זיך געקלאָגט אַף מײַן ביטערער דאָליע. האָט דער ראָוו מיר געענטפערט: „זאָרג זיך ניט, קינד מײַנס, און האָב צו גאָט קיין טײַנעס ניט, — פאַר אַלע דײַנע צאָרעס וועסטו באַקומען קייפל-קיפלאַים אַף יענער וועלט. איאָ, ביסט איצט מעקאַנע די גווירים? אַזוי וועלן זיי דיר מעקאַנע זײַן, אַז דו וועסט זײַן אין גאַניידן".

האָב איך אים אָפּגעענטפערט: „רעבע, אויב אַזוי, טאָ זײַט אַזוי גוט, רעדט איבער מיט מוישע סקאָמאַראָווסקין, ער איז בא אונדז דער ערשטער גוויר. איך וועל זיך מיט אים מיט פאַרגעניגן בײַטן: זאָל ער אפילע מאָרגן פאַרנעמען מײַן אָרט אין גאַניידן, און איך וועל אָן טײַנעס גיין אין גענעם, אַז מײַן סאָף וועט קומען".

די מומע סאָרע שמייכלט און קוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן אַף פיניען. און דער פעטער שימען גרייט זיך צו מינכע, בלאָזט זיך, הוסט. ער איז ווײַזט אוים, זייער ניט צופרידן מיטן שאָכנס רייד.

— אַף די שוואַכע ווײַבערשע פּלייצעס — זעצט פאָר פיניע — האָט זיך דאָס לעבן אַרופגעוואָרפן ווי א שווארצע כמאַרע. באַליידיקונג, פּאַ-ראַט, אומדערטרעגלעכער קאַמף און איינזאַמקייט האָבן זי פאַרמו-טשעט. נאָר, זאָגט מיר, קאָן דען אונטער אַזא פרעם אַרונטערפאַלן א וואָכערניקס אָדער א פאַבריקאַנטס א טאָכטער? ! קיינמאָל ניט. פאַר איר וואָלטן באַלד זיך אײַנגעשטעלט גאָט, דער קייסער און דער ראָוו. . אָבער פייגעלע איז געווען אָרעם, און דער ליבהאַרציקער גאָט איז א גרויסער אַריסטאָקראַט, די יידישע אייביקע צאָרעס זײַנען אים נימעס געוואָרן. ער האָט פײַנט ווען אין זײַנע הימלישע פענצטער קלאַפּט זיך דער אומגליקלעכער קאַפּצן.

פראַגן: 1) ווי האָט געטרייסט די אַלטע מאַלקע די יעסוימים?
2) וואָס האָט איר געענטפערט דער שאָכן?
3) פאַרוואָס ריידן די קלייקוידעש אײַן די האָרעפּאַשניקעס, אַז אַף „יענער וועלט" איז זייער גוט?
4) צי פאַרלאָזן זיך די נעגידים אַף „יענער וועלט"?

פאַרגעבונג: שרײַבט איבער די ווערטער: יאָסעם, אָרעמאַן, אָרעם, וואָרעם, דאָרעם, שאָלעם.
אָבער דער מערצאָל פון זאַכן שרײַבט זיך ים:
ראַבאָנים, גווירים, גאַנאָווים, שאַבאָסים, דאָקטוירים.
דערמאָנט זיך נאָך אַזעלכע ווערטער מיט ים.

פּאַריזער קאָמונע

אין 1871-טן יאָר האָט אויסגעבראָכן אַ מילכאָמע צווישן פראַנקרייך מיט דייטשלאַנד. פראַנקרייך האָט געליטן אַ מאַפּאַלע. דעם פראַנצויזישן קייסער נאַפּאָלעאָן דעם III-טן האָט מען אַראָפּגעוואָרפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָליוציע.

ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ רעפּובליק. די בורזשואַזיע האָט פאַרכאַפּט די מאַכט, ווי בא אונדז בעשאַס דער פעווראַל-רעוואָליוציע. קעדיי זיך פאַרטיידיקן פון די דייטשן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פון 300 טויזנט מענטשן. מערסטנטייל אַרבעטער און באַלמעלאָכעס.

די בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן פאַר די באַוואָפנטע אַרבעטער און געפאָדערט בא דער רעגירונג אַנטוואָפענען די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע. האָט די רעגירונג מיליטער פון פראָנט קיין פּאַריז אַף אָפּצונעמען דאָס געווער בא די אַרבעטער. נאָר די גאַנצע האַרעפּאַשנע באַפעלקערונג פון פּאַריז האָט זיך געשטעלט צום קאַמף. אַפילע פרויען און קינדער האָבן זיך געשלאָגן.

די אַרבעטער האָבן געזיגט. די בורזשואַזיע איז אַנטלאָפן קיין ווערסאַל (אַ רייכער אָרט הינטער פּאַריז).

ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער פּאַריזער שטאָט-ראַט, די קאָמונע. אין דער קאָמונע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פאָרשטייער פונעם אַרבעטנדיקן פּאַריז. דאָס איז געווען די ערשטע רעגירונג אין דער וועלט וו די אַרבעטער האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע.

שווער איז געווען די קאָמונאַרן צו אַרבעטן, ווייל ס'איז ניט געווען קיין טוער. אַלע אַלטע טשינאָווניקעס זיינען אַנטלאָפן פון פּאַריז. איז די אַרבעטער אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער מעלוכע-אָנפירונג גאַנצע מעטלעסן.

דאָך האָט די קאָמונע פיל אופגעטאָן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער: זי האָט דורכגעפירט אַן 8 שאָעדיקן אַרבעטס-טאָג. די פאַבריקן און זאַוואָדן פון די אַנטלאָפענע קאַפּיטאַליסטן איבערגעגעבן די אַרבעטער, פאַרגרעסערט דאָס געצאָלט, איינגעפירט אומזיסטע בילדונג.

די פּאַריזער קאָמונע וואָלט נאָך פיל אופגעטאָן, זי האָט אָבער קיין צייט ניט געהאַט דערצו. זי האָט עקזיסטירט סאַכאַקל 72 טעג.

די בורזשואַזיע האָט זיך פון יענער זייט פּאַריז גוט אָרגאַניזירט און האָט מיט דער הילף פון די פּרייסישע אַרמייען זיך אַריינגעריסן אין פּאַריז און צעשמעטערט די קאָמונע, דערטרונקען אין בלוט די אַרבעטער-מאַכט.

די קאָמונאַרן זײַנען אַזוי גיך באַזיגט געוואָרן, ווײַל זיי האָבן געמאַכט פון אָנהייב אָן אַ גרויסן פעלער. זיי האָבן ניט צוגענומען בײַ די קאַפּיטאַליסטן די בענק, און האָבן פרײַ געלאָזן אַרויספאָרן די בורזשואַזיע פון פּאַריז קיין ווערסאַל. דאָס האָט געגעבן דער בורזשואַזיע אַ מעגלעכקײַט זיך צו פאַרשטאַרקן און אומקערן שפּעטער קיין פּאַריז. וויאַזוי די בורזשואַזיע האָט זיך נוקעם געווען אין די אַרבעטער, איז אַ שוידער צו דערמאָנען.



צעשיסונג פון די קאָמונאַרן

דרײַסיק טויזנט קאָמונאַרן זײַנען צעשאָסן געוואָרן. אַכט און דרײַסיק טויזנט — אַרעסטירט, אַכט און צוואַנציק טויזנט — פאַרשיקט פון פראַנקרײַך אויף ווײַטע אינדזלען. מע האָט צעשאָסן פרויען און קינדער — אַלעמען, בײַ וועמען ס'זײַנען נאָר געווען מאָזאָליעס אויף די הענט — אַ סימען פון אַרבעטער-לעבן.

אַזוי איז אומגעקומען די אַרבעטער-מאַכט.

אומגעקומען איז די קאָמונע, אָבער אירע געבאָטן לעבן. די דאָזיקע געבאָטן זעצט פאָר און פילט אויס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אונטער איר אָנפירונג וועלן די פראַנצויזישע אַרבעטער פאַריכטן די פעלערן פון דער קאָמונע און וועלן זיך אָפּרעכענען מיט דער בורזשואַזיע פאַרן בלוט פון די קעמפער אין דער פאַריזער קאָמונע, ווען זיי וועלן פאַרכאַפּן די מאַכט צו זיך אין די הענט.

דעם 18-טן מאַרט — דעם טאָג פון פאַריזער קאָמונע פייערט מען אונטערן לאָזונג:

— העלפן די קעמפער, וואָס שמאַכטן אין די בורזשואַזע טורמעס! קעמפן פאַרן קאָמוניזם!

פ ר א ג ן : 1) וויפל טעג האָט זיך געהאַלטן די פאַריזער קאָמונע?

2) פאַרוואָס איז זי געפאַלן?

3) וואָס האָט די בורזשואַזיע געטאָן מיט די קאָמונאַרן?

פ א ר ג ע ב ו נ ג : שרייבט איבער די ווערטער: דרייסיק, צוואַנציק, זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק, דאָנערשטיק, פרייטיק, גייענדיק, פאָרנדיק, ליגנדיק, לאַכנדיק, עסנדיק, ענדיק, באַרגיק, זאַמדיק, פריידיק, ליכטיק, ריכטיק.

דערמאָנט זיך נאָך ווערטער מיט — יק.

מ אָ פ ּ ר

דער אופשטייג פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער און אין די קאָלאָניעס א באַדייטנדיקן וווּקס פון די רעדיפעס. פאַרן יאָר 1928 און פאַרן ערשטן קוואַרטל 1929 זיינען דורכן געריכט געקעפּט געוואָרן 24.385 רעוואָליוציאָנערן. צו טפיסע און קאַטאָרגע זיינען פאַרמישפּעט געוואָרן 7.200 מאַן (צווישן זיי 44 צו אייביקער טפיסע). בעשאַס צוזאַמענשטויסן, דעמאָנסטראַציעס א. אז. וו. זיינען דערהאַרגעט געוואָרן 229.274, פאַרוווּנדעט געוואָרן — 84.424 און אַרעסטירט געוואָרן — 129.242 מאַן.

אינעם ראַטנפאַרבאַנד זיינען פאַראַן „מאָפּר“-מיטגלידער: אַרבעטער — 1.295.987, פּויערים — 676.269 אָנגעשטעלטע — 941.820, קוסטאַרן און אַנדערע — 626.600.



אופגאבע: בארעכנט: 1) וויפל מאן האבן געליטן פאר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פארן יאָר 1928 און פארן ערשטן קווארטל 1929 יאָר.

2) וויפל מאָפּר-מיטגלידער זיינען פאראן אין ראטנפארבאנד?

3) וואָס פאר א פּראָצענט באטרעפן אין מאָפּר ארבעטער, פּויערים, אָנגעשטעלטע, קוסטארן? באם אויסרעכענען דעם פּראָצענט פארקיילעכדיקט פריער די צאָל ביז טויזנטער.

4) וויפל מאָפּר מיטגלידער זיינען פאראן בא אייך אין שטעטל? אין דאָרף? אף אייער אונטערנעמונג?

1-טער מיי

(געשיכטע)

אין אמעריקע, אין דער שטאָט טשיקאגאָ, זיינען פאראן אסאך פאבריקן, אסאך זאוואָדן און הונדערטער טויזנטער ארבעטער פון אלערליי נאציעס פון גאָר דער וועלט. אין 1885 האָבן די ארבעטער פון טשיקאגאָ דערקלערט אן אלגעמיינעם שטרייק.

200 טויזנט ארבעטער האָבן געפאָדערט, אז פונעם ערשטן מיי אָן זאָל מען איינפירן אן 8 שאָעדיקן ארבעט-טאָג.

דעם 3-טן מיי איז פאָרגעקומען א צוזאמענשטויס, געשלעג צווישן די ארבעטער און פּאָליציי.

פּאָליציי האָט געשאָסן אין די ארבעטער. 6 מענטשן זיינען דערהארגעט געוואָרן און עטלעכע צענדליק פארוואונדעט.

דעם 4-טן מײַ האָבן די אַרבעטער צונויפגערופן א פּראָטעסט מיטינג אין צוזאמענהאנג מיטן נעכטיקן שיסן אין די ארבעטער.

נאָר דאָן איז ווידער אָנגעקומען פּאָליציי און האָט געפאָדערט מע זאָל זיך פאנאנדערגיין. פּלוצים האָט זיך דערהערט א שרעקלעכער קראַך און סע האָט זיך באַוויזן א פײַער. דאָס האָט עמעצער געוואָרפן אין די פּאָליציאַנטן א באָמבע.

באַם אופּרײַס איז איין פּאָליציאַנט דערהארגעט געוואָרן און עטלעכע פארוואונדעט.

עס האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן א שיסערײַ צווישן דער פּאָליציי און די ארבעטער.

די רעדנער, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן אפן מיטינג, האָט מען ארעסטירט און פארמישפּעט צום הענגען.

פארן טויט האָט איינער פון זיי אזוי אויסגערופן:

— „עס וועט קומען א צײַט, און אונדזער שווײַגן אין קייווער וועט קלינגען העכער ווי אונדזערע רעדעס".

און די צײַט איז געקומען.

אין 1889 יאָר איז אין פּאריז פּאָרגעקומען אן אלוועלטלעכער קאָנגרעס (צוזאמענפאָר) פון רעוואָליוציאָנערע ארבעטער.

אפן צוזאמענפאָר האָט מען באַשטימט: דערקלערן דעם 1-טן מײַ פאַר א יאָנטעוו פון אלע ארבעטער אף גאָר דער וועלט.

פון דעמאָלט אָן, אז סע קומט דער 1-טער מײַ, ווארפן די אר-בעטער אין אלע לענדער די ארבעט, שטעלן אָפּ די פאבריקן און זאוואָדן, גייען ארויס מיט רויטע פאָנען און מיט קאַמף-לידער און דעמאָנסטרירן זייער קראַפט און זייער אייניקײַט.

אין אלע לענדער, ווו בא דער מאכט שטייט די בורזשואזיע, לאָזט די רעגירונג ניט די ארבעטער פײַערן זייער ארבעט-יאָנטעוו און דורכפירן זייער אייניקונג.

די קאפּיטאליסטן האָבן מוירע פאַר דער קראַפט פון דער ארבע-טער אייניקײַט.

נאָר בא אונדז אין ראטן-לאנד פײַערט מען פרײַ און פריידיק דעם 1-טן מײַ.

פראגן: 1) ווען איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דער ערשטער מײַ?

2) ווי פײַערט מען דעם ערשטן מײַ בא אונדז אין ראטנלאנד.

3) ווי פײַערט מען אין די קאפּיטאליסטישע לענדער? בעט מע זאָל אײַך דערציילן וועגן דעם, ווי איז דורכגעגאנגען דער 1-טער מײַ 1929-טן יאָר אין דײַטשלאנד.

ערשטער מײַ

זאָל לעבן דער הימן פון ארבעט—
דער ערשטער, דער ליכטיקער מײַ,
די זון פונעם קינפטיקן לעבן
זאָל פלאטערן אייביק און טרײַ.
א לאָז טאָן מיר וועלן זיך פרײַע
ווי פויגלען אף בלוי און אף ברעג,
מיר וועלן זיך אלע באפרײַען
פון פײַן און פון קנעכטשאפט אף ערד.
מיר וועלן פארלעשן די סינע
פון פעלקערשער פײַנטשאפט אף וועלט,
אין שטאָט פון זיגערשע פאָנען
מיר זײַנען פון סוינע פארשטעלט.
זאָל לעבן דער יאָנטעוו פון פרײַהײַט,
דער ערשטער דער ליכטיקער מײַ;
זאָל ברודערשאפט העל זיך צעשײַנען
און פלאטערן אייביק און טרײַ.

אינהאלט

זײַט

I. מיר בויען א נײַ לעבן.

נײַע וואָר, אי. פעפער (ליד) 3
א נײַ לעבן, (בריוו) 4
נײַער שטייגער (בילדל) 7
צו נײַע דערגרייכונגען (ארטיקל) 11
כאוועה אבע (בילדל) 12
וויאזוי איך האָב זיך געלערנט, מ. גאָרקי (דערציילונג) 17
דער כיידער, שאָלעם-אלייכעם (בילדל) 19
דער כיידער און די ארבעט-שול (ארטיקל) 22
פון כיידער אין שול ארײַן, כ. ל-ר (דערציילונג) 24
ריין איז געזונט (ארטיקל) 27
פארוואָס קרענקט א קינד (ארטיקל) 29
די ראטנמאכט דארף געזונטע קינדער (ארטיקל) 30

II. אינדוסטריע.

אינדוסטריאליזאציע (דערציילונג) 34
אינדוסטריאליזאציע-האלוואָע (ארטיקל) 34
דאָרט, ווו מע מאכט טשוהון (בילדל) 34
וואָס פאר א באדײַטונג האָט אײַזן פארן מענטשן (ארטיקל) 36
ווו באקומט מען ארויס אייזן-ערץ (ארטיקל) 37
וווקס פון דער מעטאל-אינדוסטריע אין פ. ס. ס. ר. 38
צוג, א. קושניראָוו (ליד) 38
באם שמעלץ-אויוון, א. סטרעליץ (בילדל) 39
אין זאוואָד (בילדל) 42
פינפיאָריקער פלאן (ארטיקל) 44
אפן זאוואָד „מארטי”, אי. פעפער (ליד) 48
וואָס שלאָג-בריגאדניקעס קאָנען 49
א פראָסטער כעזשבן 51
א קעסיידערדיקע ארבעט-וואָך 51
איבערוף צווישן באוול און מעטאל (בילדל) 53
א נײַע שפין-מאשין, אי. כאריק (ליד) 54
שפינדלען 55
דאָרט, ווו מע מאכט ציץ (בילדל) 56
גלוכאָוועקע טראכט צו (בילדל) 58
אין איוואנאָווא-וואָזנעסענסק (בילדל) 60
אין געוועט (דערציילונג) 62
כ׳ סטאלין וועגן סאָצגעוועט 65
אין שאכטע, פ. הירשביין (דערציילונג) 65
א מעכאניזירטע שאכטע (בילדל) 69
וואָס איז אזוינס באפט (ארטיקל) 70
אין לאנד פון שווארצן גאָלד (ארטיקל) 72
לעגין וועגן עלעקטריפיקאציע 76
וואָס איז אזוינס ווײַסע קוילן (ארטיקל) 76
וואָלכאָווסבוי (ארטיקל) 78
דנעפערבוי, אי. פעפער (ליד) 79
דנעפערבוי (ארטיקל) 80
א פעלז, אי. פעפער (ליד) 82
דער קאָנווייער פון אינסטרומענטן (בילדל) 83
אָפּגעשטעלט דעם ציגל-זאוואָד, (לויט אלבערטאָן דערציילונג) 85
א קוואליפיצירטער אומבײַט (בילדל) 87

III. פראָפּארײַנען.

אין פארײַן (בילדל) 90
אויסגעקליבן א גוטן פאבקאָם (בילדל) 91
ארבעטשוך, (וו. מאיאקאָווסקי, יִד. ד. האָפשטיין) (ליד) 94
יוינע דעוי בעקער, שאָלעם-אלייכעם (דערציילונג) 94

מאשינעס (דערציילונג) 97
ארבעטשוץ פאר יוגנט (ארטיקל) 102
פון אכט—אף זיבן (בילדל) 104
וועגן זיבנשאָעדיקן ארבעט-טאָג (ארטיקל) 105
אין אָפרו-הויז—אן עמעסער גאניידן (בילדל) 106

IV. קוסטאר-אינדוסטריע.

אין ארטעל ארײַן!, פ. מארקיש (ליד) 108
קוסטאר-געווערב-קאָאָפעראציע (ארטיקל) 109
פון דאמסאָנים—גוטע פרײַנט (בילדל) 110
דער ערשטער קאָנקורס פון קוסטארן-יוגנט (בילדל) 111
די ערשטע קוסטארישע דאטשע (בילדל) 113
אפן פרײַען פעלד, שאָלעם-אליי כעם (בילדל) 115

V. קאָאָפעראציע.

וויאזוי אונדזער קאָאָפעראטיוו האָט זיך אויסגעבעסערט (דערציילונג) 118
לידער פון מארק-סעדעכעס, י. מאסלאָווסקי (קופלעטן) 120
געמאכט א טאָלק אין קאָאָפעראטיוו (דערציילונג) 121
קאָאָפעראציע (ארטיקל) 122

VI. לאנדווירטשאפט.

אלעמען..., מ. אבארבאנעל (ליד) 125
א טאכלעס, ש. פערסאָוו (דערציילונג) 126
קאָמערד (ארטיקל) 128
ווי פירט דער קאָמערד זײַן ארבעט 129
געזערד (ארטיקל) 130
פאלעסטינע (בילדל) 131
צו א נײַער היים, צו א נײַ לעבן (בילדל) 133
איבערוואנדערער, מ. פינטשעווסקי (ליד) 134
א כאזער, מ. קאהאן (דערציילונג) 136
א צײַט-ליד, מ. פינטשעווסקי (ליד) 139
א מוסטער ארויפנעמען זיך פון א דײַטש (בילדל) 141
קאָלעקטיוו, פ. מארקיש (ליד) 143
קאָלעקטיוויזירן די לאנדווירטשאפט—דאָס בעסטע מיטל צו העכערן די גערעטעניש . 144
טראקטער, פ. מארקיש (ליד) 145
די מאשין איז א וועג צו קאָלעקטיווער ווירטשאפט, ריקאָוו (ארטיקל) 146
די ווײַבערשע קאָמונע (בילדל) 147
דער ראטווירט „גיגאנט‟ (בילדל) 149
וועגן קאָלווירטן און ראטווירטן (לויט כ. סטאלינס רעדע) 151
ליקווידירן דעם באלעגוף אלס קלאס 151
אויט באלעגופים 152
קאָלווירט „גיגאנט‟ 153
קאמף 154
אין דורכויסיקער קאָלעקטיוויזאציע 155
דער קאָלווירט „ערשטער מײַ‟ 158
געסט זײַנען געקומען (בילדל) 159

VII. ראטנבויונג.

וויאזוי איז געבויט די ראטנמאכט (ארטיקל) 162
די העכסטע מאכט-אָרגאנען אין פסס״ר (ארטיקל) 163
ווער האָט וואלרעכט (ארטיקל) 163
אלעקסאנדראָווקע קלײַבט אין ראט (בילדל) 165
די פרויען דרעמלען ניט (בילדל) 167
אן אייצע געגעבן זיך (בילדל) 168
דאָס שטעטל ניט צו דערקענען (בילדל) 169
כאשטשעוואטער בלאָטעס טריקענען אויס (בילדל) 170
דער טאָג פון א ראטמאן (בילדל) 171
דאָוויד גאָרסאָוועטשיק, א. שעפיר (דערציילונג) 173
באָסלעווער האָרעפאשניקעס וועלן האנאָע האָבן פונעם לעבן (בילדל) 176
וואָס טוט די ראטנמאכט פאר די אָפגעשטאנענע פעלקער (ארטיקל) 177

דער נאציאָנאליטעטן-ראט (ארטיקל) 178

דער ערשטער ייִדישער ראיאָן (ארטיקל) 179

אין ייִדישן ראיאָן (בילדל) 179

אין ייִדישן געריכט, מ. טײַטש (בילדל) 181

פון אן „אומגעריכטער” זײַט, אָרטנבערג (בילדל) 184

אָבלאוועס, שאָלעם אליינעם-(דערציילונג) 186

וויאַזוי די ראטנמאכט קעמפט קעגן אנטיסעמיטיזם, לויט מ. קיפער (ארטיקל) 188

די רויטע ארמיי אין קאמף מיט פּאָגראָמשטשיקעס (דערציילונג) 189

VIII. אין קאפּיטאליסטישן קלעם.

פון יענער זײַט גרענעץ, ד. בערגעלסאָן (בילדל) 191

דאָס רייכסטע און דאָס אָרעמסטע לאנד אין דער וועלט (אלטיקל) 193

עס ברענט (דערציילונג) 193

אונטער דער הערשאפט פון די ענגלענדער (בילדל) 196

אין שאפ, שאָלעם-אליינעם (דערציילונג) 199

ווי אף א יאריד פון שקלאפן (ארטיקל) 201

בא פאָרדן אפן אווטאָמאָביל-זאוואָד (בילדל) 202

שטרײַקברעכער, א. רעזוויני (דערציילונג) 204

די אמאָליקע ברוידעס, ד. בערגלסאָן (בילדל) 206

IX. רויטע ארמיי.

רויטע קאוואלעריע (ליד) 208

ווילסטו שאָלעם—גרייט זיך צו מילכאָמע (ארטיקל) 209

צי איז ער א גוטער רויט-ארמייער (בריוו) 211

וואָראָשילאָוו, קלימענטי יעפרעמאָוויטש (ביאָגראפיע) 211

אין דער רויטער ארמיי (דערציילונג) 212

דער רויטארמייער ביקאָוו (דערציילונג) 216

טריפּאָליער טראגעדיע (דערציילונג) 217

מארש-ליד, ל. קוויטקאָ (ליד) 219

X. רעוואָליוציאָנערע געדענק-טעג, לענין, פארטיי, קאָמיוג, פּיאָנערן.

אינטערנאציאָנאל (ליד) 221

25 אָקטיאבער 1917 יאָר, לויט אקוניעוו (בילדל) 222

ס׳איז יאָנטעוו הײַנט (ליד) 225

לענין, האָפשטיין (ליד) 226

וולאדימיר איליטש אוליאנאָוו-לענין (ביאָגראפיע) 227

איליטש, אי. פעפער (ליד) 229

אין לענינס פארטיי (ארטיקל) 230

לענין און די פארטיי (ארטיקל) 230

די פויערים איז נויטיק די אָנפירונג פון דער קאָמפארטיי (ארטיקל) 231

א קאָמיוגיש קעמערל (דערציילונג) 231

קאָמוניסטישער יוגנט-פארבאנד (ארטיקל) 233

דער זיידע און דער אייניקל (דערציילונג) 234

דער אינטערנאציאָנאלער פרויען-טאָג 235

א גאנץ לעבן געשוויגן (דערציילונג) 237

פונעם פינצטערן אמאָל א. סווירסקע (בילדל) 238

פּאריזער קאָמונע (ארטיקל) 240

מאָפּר (ארטיקל) 242

1-טער מײַ (ארטיקל) 243

ערשטער מײַ (ליד) 244